STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06831

DOS VORT VOS MIR SHRAYBN

Mosche Gross-Zimmerman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה גראָס־צימערמאַן

דאָס וואָרט וואָס מיר שרייבן

משה גראָס־צימערמאַן

דאָס וואָרט וואָס מיר שרייבן

עסייען און פּראָפילן

פאַרלאַג „ישראל־בוך"
תל־אביב, תשל"א — 1971

MOSHE GROSS-ZIMERMAN / ESSAYS AND PROFILS

Publishing-House Israel-Book, Tel-Aviv, P.O.B. 1777

משה גראָס־צימערמאַן / דאָס וואָרט וואָס מיר שרייבן

פאַרלאַג „ישראל־בוך", תל־אביב, איתמר בן אבי 4

Printed in Israel 1971 ,נדפס בישראל

©

כל הזכויות שמורות

דפוס „ארזי", ת"א, אילת השחר 4

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון ליטעראַטור־פאָנד,
געגרינדעט פון עדית און ישראל פּאָלאַק,
צום אָנדענק פון שלמה ביקל.



אינהאַלט

א

דאָס וואָרט וואָס מיר שרייבן 15
אַלץ: שלום־עליכם 25
אַ קאַפּיטל בערגעלסאָן 30
וועגן זלמן שניאור 38
באַגעגעניש מיט טאָמאַס מאַן 42

ב

חבלי־פּריידן 51

די ערשטע פּרעזידענטן

חיים ווייצמאַן 61
יצחק בן־צבי 63
זלמן שזר 65

אין אָנהייב 69
ייִדעס און אייניקלעך 72

פּורעניות און עקדה

שואָה 83
יאָרצייטן 85
שרייבערס און אונטערשרייבערס 89

דור פון דורות 92
אויך דאָס איז ירושלים 97
אַלטע ערד 102

אָוונט אין צפת	105
נסים מיט חשמל	108
אויף דער שוועל	112
טוביה אין ישראל	115
„עמך"	119

ג

דער בן־יחיד	125
דער שפעטער קדמון	129
גאָט און די קרעאַטור	140
מענטשן ביי באַשעוויסן	145
דער זעלבסטמאָרד פון וועלטבירגער	155
אפרים אויערבאַכס האַרבסטגעזאַנג	158
ברוך האַגער	164
רחל קאָרן	173
ריישע אין אַמעריקע	177
אַרטור קאָלניק	182
הערץ גראָסבאַרד	185
אַ געדענקוואָרט וועגן שלמה ביקל	188
אינטימער אָוונט	193

ד

מדרש איציק	199
עגנונס ביטשאָטש	204
צו בערקאָוויטשעס שמונים	207
דוד פינסקי	215
אותות ומופתים	218
געזאַנגען אין שייער	223
יעקב פרידמאַנס „ליבשאַפט"	229
שמייכלען פון ארץ הקודש	234
פראָטאָקאָל פון קץ כל בשר	240
„דאָס נייטיקע וואָרט"	245
אַלטערמאַנס געשטאַלט	249

ה

אַ פסוק חומש 255
פסוקי דזימרה 259
רעגן 263
שניי 267
שבת אין קיבוץ 270
אַפרו 272
„שפייסצונאַכטס" 276
אַ „גרינער" יום־טוב 280
מתן־תורה 283

ו

עיקר שכחתי 293

א

דאָס וואָרט וואָס מיר שרייבן * אַלץ: שלום עליכם * אַ קאַפּיטל בערגעלסאָן * וועגן זלמן שניאור * באַגעגעניש מיט טאָמאַס מאַן

דאָס וואָרט וואָס מיר שרייבן

גערבליבן אין אונדזער וועלט אַ קאַרגע ל״ו שרייבערס, וואָס היטן דאָס פּנימיותדיקע יידישע וואָרט און פּראַווען יחוד מיט אים — פאַרהוילענע צאַל ל״ו, וואָס די קלוגע לעגענדע טוט אויף איר אַכטונג, זי זאָל נישט געמינערט ווערן אין איר צימצום. דאָס איז גורל און טרייסט פון עקשנים. דער ברייטער טראַקט האָט זיך אָפּגעריסן פון די שרייבערס אויף יידיש — זענען זיי געבליבן מיט זיך אַליין: שרייבן איז אַן אינטימע וועלטגעשעעניש. טוליען זיך די איבערגעבליבענע צו זייער וואָרט, רעדן זיך צונויף און פונאַנדער איבער די דעכער פון דער וועלט, אין דער צעוואָרפנקייט פון די מדינות יידיש: יידיש השם — וואָלט מען געפּרוווט אַ זאָג טאָן, ווען עס ציטערט נישט אַריין קיין פּאַטאָס אין אַזאַ וויל־ייִנגערישער קדושה־פאָרמול.

איך זע דעם היימישלעכן בבל־טורעם, וואָס דאָמינירט יידישלעך איבער די ווייכע, פאַרביקע חנען און האַרבע קלוגשאַפטן פון דער שפּראַך — איך זע דאָס יידישע וואָרט, ווי עס ציט אין זיין וועלט־באַלאַדנקייט אויף איינגעשטילטע שליאַכן, קוקט זיך אַרום אונטערוועגס אין אַלע זייטן, צי גייט נישט ערגעץ מיט דאָס לעבן, און האָרכט זיך איין אין סוד פון זיין וויברירנדיקער שטילקייט. „די איינציקע פאָרעם פון איינזאַמקייט — זאָגט רילקע — וואָס אַ מענטש קאָן אַריבערטראָגן, איז די שיינקייט״. דאָס איז דאָס יחידישע שאַפערישע וואָרט. אַלע מאָל ערשטמאַליק אין געדאַנק און בילד — איינאַליין: די סומע פון אַ סך לעבנס. אַוודאי איז יצירה דאָס גליק פון

גייסטיקער עראָטיק. די ווייען הייבן זיך אָן נאָכן געבוירן, ווען דאָס ווערק איז פאַרענדיקט און עס אָנטפּלעקט זיך זיין נישט־פּאַרטיקיים. בלייבט דאָס וואָרט מיט דיר, אויג אויף אויג: דאָס איז עס? ס'איז דער אומעט, וואָס קומט נאָך דעם טיפן געניוס — ער איז חל אַפילו אויף דעם שרייבער, וואָס מאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיין דענקשפּיל פון אינטעלעקט מיט געפיל איז כולו אוואַנטורע. דאָס זוכט ער זיכערקייט הינטער דער מאַסקע: ווילע־רישער צער פון באַשטענדיקן נישט דערגיין צום וואָרט, וואָס בעט זיך און באַהאַלט זיך.

אין דער אויסגעליידיקטער שבתדיקער קלויז, נאָך „עלינו" און נאָך שיר הייחוד, אָנגעזאַפּט מיט דבקות, מיט בטחון און פּחד, בלייבן אַ מאָל געציילטע מתפּללים, וואָס קאָנען זיך נישט אָפּרייסן, מחמת זיי האָבן נאָך עפּעס צו דערזאָגן, שטילערהייט, כביכולן פּערזענלעך — מחוץ די תפילות פון עולם, וואָס האָט אָפּגעדעכעט און צעגייט זיך. דער רוב האָט דעם טלית שוין אַראָפּגענומען פון אַקסל, אַ קוש געטאָן די עטרה מיט זשעדנע ליפּן, וואָס גאַרן נאָך קידוש און „על המחיה", צונויפגעלייגט אים אין סאַמע־טענעם זעקל. איינציקע זענען צוגעוואַקסן צו אַ ווינקל וואַנט, צום שטענ־דער, וואָס גלאַנצט אַזש פון אָפּגעריבנקייט, צו אַ וואָרט, וואָס וויטיקט אין דער תפילה, און קאָנען זיך אַלץ נישט שיידן מיט דעם הייסן זאָגעכץ, וואָס פאַרקנוילט זיי פון אינעווייניק אַרום און אַרום — כאָטש אין דער קלויז לעשט זיך פאַמעלעך דער ווייסער פלאַם פון גאָט־נאָענטקייט און — דער אָרון־קודש איז פאַרמאַכט.

אַוודאי, נישט מער ווי אַ משל. געבליבן, הייסט עס, אַ קנאַפּע ל"ן יידיש־שרייבערס אויף דער וועלט, דערציילונגען, לידער, ראָמאַנען, עסייען, זכרונות, טאָגביכער פון אַ לאַנגער יידישער יסורים־נאַכט — אָפּגעקייטלטע גאָלדענע רינגען צווישן געראָטענע בלעכלעך, פּערל צווישן גלעזערנע פאַ־טשערקעס, וואָס זענען עכטער ווי עכט, טאַנדעטנע רייד, וואָס גייען אַליין, און הימלשרייענדיקע שטומקייט, וואָס ברעכט זיך פון שווערע שטראַלנדיקע שורות. און אַ קיימא לן האָבן מיר, אַז אונדזערע ביכער רייסט היינט קיינער נישט פון די הענט — בעת עס הוליען אין דער וועלט אינטערנאַ־

ציאָנאַלע בעסטסעלער־יאַרידים. וואָלט די ליטעראַטור אויף יידיש געקאָנט אויסניצן די קאָניונקטור פון חיי צער און איבערוואַרטן, איידער זי לאָזט זיך אַרויס אויפן מאַרק, וואָס איז נישטאָ, וואָלט דאָס וואָרט געקאָנט לענגער בלייבן מיט זיך, זיך צייטיקן אין דער שרייבערישער עבודה, זיך אויסגליַען אין דאָרשט נאָך שלמות, איידער די ליטעראַרישע שאַפונג איז אַ מאָל זוכה צו ווערן ביי אונדז אַ בעסט־קעלער, ווו דאָס ווערק בלייבט ליגן, אַפילו עס „גייט"; וואָלט דער יידישער שרייבער געקאָנט אָנשרייבן זיין זאַץ פולע צען מאָל — און אים דערנאָך אפשר ליבעפול אויסשטרייכן — אָנשטאָט אים אַרויסצויאָגן צען מאָל צעצויגן, אין גיכער ביכערדיקייט, און צונעמען ביי אים די קראַפט פון עלאַסטישקייט.

מיר ווייסן, נאָך דעם אומקום, אין דער בהלה פון דער הייסער רגע, זענען געשריבן געוואָרן אַ סך אַפּליקע ביכער. זיי האָבן זיך אַראָפּגעשריבן פונעם צעבראָכענעם האַרץ. מען האָט גיך אַ כאַפּ געטאָן פון פריסיק די איבערגעבליבענע לעצטע גלאָוּניעס, געוואָלט אָפּראַטעווען דעם בראַנד־גערוך אין אָריגינאַל, האַלטן וואַרעם אַלץ, וואָס געדענקט זיך: דעם אַפּאָ־קאַליפּטישן בראָך און די אידיליע פון שבת־יום־טוב, די פּאַראומערטע מאַמע און דעם זויערלעכן ריח פון די ברויטן, אין וועלכע זי האָט אַריינגע־קנעטן אין די נאַכט־בלויע ווינטערדיקע פּאַרטאָגן גרייזיקע פסוקים תהי־לים — טרייסט אויף יידיש. מען האָט געוואָלט זען נאָך אַ מאָל, אַלץ אין געיעג, דעם מאַרק מיטן פּלומפּ, וואָס קאָפּעט מיט אַ ציטערדיקן טראָפּ פון דער אייזערנער רער, און דעם זיידנס קלויז, דעם לצעוואָטן שלעפּער און דעם מקובל, דאָס בריקל איבערן טייך, וואָס פירט צו דער גויִשער גאַס, און דעם איבערגעלאָזענעם שמאָלן שליאַך הימל, וואָס שטראַלט אַזוי אומ־שולדיק, גלייך ער ווייס נישט, אַז מען פירט אים אויפן לעצטן וועג: אים אויך! ס'אַן עבירה געוועזן יעדער מינדסטער פּרט פון אַ לעבן, וואָס גייט צו אַזאַ טויט. זענען אָנגעיוירן שווערע ביכער צער און קלאָג, וואָס טייל פון זייערע איבערלעבונגען זענען געבליבן ווי די „פלאַם־פּלעץ" אין הוילן אויוון, רוי און צוגעסמאַליעט: ביידע זאַכן אין איינעם.

— וואָרום איבערלעבונגען, זאָגט מען, מוז מען נישט בלויז געדענקען —

מען מוז זיי אפשר קודם „פאַרגעסן", מיט היסח הדעת, איידער זיי קומען צוריק צום דיכטערס האָרץ־שוועל. דאָרט וואַרטן זיי, ביז זיי גייען אַריין אין דער וואַרעמקייט פון בלוט, ביז עס ווערט פון זיי אַ געדאַנק, אַ בילד, ביז עס ווערט פון דער דאָזיקערווירקלעכקייט אַ חלום און עס דערהייבט זיך אַ שרייבערישע שורה, וואָס האָט דעם כוח צו תמצית. דאָס איז דער סוד פון קינסטלערישער דיסטאַנץ — אַ יום־טובדיקע זאַך — צוריקקומען צו זיך אין געבלאָנדזשעט פון זיגזאַג, וואָס זוכט זיך אַליין. „ווילסטו ווערן אַ בליץ, מוזטו דיך קודם לאַנג פאַרען אין די כמאַרעס". אַזוי זאָגט ניטשע, איינער אַ שעף־כעמיקער פון די אינטעלעקטועלע נעפּלען פון יאָרהונ־דערט. ווער ווייס, צי איז נישט דער שרייבער בכלל דער נאַטורס אַ קאַפּ־ריז, זי האָט דאָס געדאַרפט? ער מאַכט אַ תל פון דעם סיסטעם פון אירע נאַרמעס. בכלל האָב איך מורא, זי האָט זיך איינגעקויפט מפטיר מיט דעם דאָזיקן „תכשיט".

אַ סך ביכער, ביי אונדז און ביי אַנדערע, שרייבן זיך פון זיך — כמעט אָן זיך — זאָל זיך דער שרייבער נאָר נישט אַריינמישן: זאָל ער נישט זאַוואַדזען. די מיסטעריע ליפערט די פירמע אין איינעם מיט דער שרייב־מאַשין — און „דאָס קנעפּל" דיכטעט, מיט דעם שם המפורש פון דער מעכאַניק: זאָל דער מחבר שאַנעווען זיינע כוחות! דאָס איז די רוטינע פון גרינגן וואָרט, וואָס האָט נישט צו ליידן פון רוח הקודש: מען „נעמט" דאָס וואָרט און מען „האָט" דאָס, איידער ס'איז באַשאַפן: אומעטום פול — אומעטום ליידיק. זיינע פלינקע „אָריגינאַלן" זענען די באַנאַליטעט פון מאָרגן. דעם לעזער אַרט דאָס נישט: שרייבסט — שרייב! סיי ווי האָט ער זיך אָפּגעוווינט פון לייענען, ווען שוין דער שרייבער טאָן דאָס שטיקל אַרבעט אויך: געשריבן און געלייענט. די מלאכה פון שרייבן איז קיין עבודה נישט: פּגע פון דער טעכנאָלאָגיע. אַ מאָל פינקלען קאַלטע בלענד־פייערלעך אין אַ פּאַטעטישער שורה, אין אַ בעלעטריסטיש בילד — אָבער זיי פירן אין ערגעץ נישט. קיין אַכסניא אויף די וועגן איז נישטאָ — און די רעלסן, וואָס לויפן פון איין עק נאָכט צו דער אַנדערער, טוען זיך אַ האַק אָפּ אין מיטן און ענדיקן זיך, זשאַווערדיק, אין ווילדגראָז הינטער דער שטאָט.

איך קען רוטינירטע שרייבערס, וואָס שרייבן יידיש, צי ענגליש, העב־רעיִש, צי פראַנצייזיש — איז זייער וואָרט: אַלעמענס. זיי נוצן אַ מין צווישנשפּראַכלעכן ליטעראַטור־זשאַרגאָן, וואָס זיינע גרונטעלעמענטן זענען אומעטום דאָ און מען דאַרף זיי נישט ערשט „אַריבערטראָגן" פון איין שפּראַך אין דער אַנדערער: זיי זענען שוין דאָרט אויך — ווערטער־ווירוס, וואָס פאַרשלעפּט די צייט־שלאַפקייט. אַלע אימאַזשן פיבערן קאַלט און זינגען פון היץ. אומפאַרשטענדלעך? מסתמא קאָן מען זיך אָנשטויסן, אַז זיי טויגן נישט — אָבער איך בין נישט זיכער, צי ס׳איז כדאי. אַז סיי ווי האָט דאָס וואָרט אין אונדזער תקופה אויפגעהערט צו זיין „די גאַנצע וועלט" און האָט אויפגעהערט גלייבן אין זיין אייגענער חשיבות. איינער שרייבט קלעצערדיקן „אָץ קוצץ", אין אָריגינאַל, צי אין אַן אַנטליגענער שפּראַך — געפינט ער דערויף אַדעקוואַטע פאָרמולעס אין דעם געהילץ פון אַנדערע לשונות: די וועלט איז אָפן. צו אַזאַ מין קאַצניאַמערלעכן שטום־לשון, וואָס איז היימיש אין אַלע ליטעראַרישע מאָדע־סטילן, איז גוט צו־צומישן פון צייט צו צייט אַ שפּריץ פּערלמוטערנע ווייכקייט פון דער מאַמעס „גאָט פון אברהם" — אַלץ גייט אין איינעם. די מילן מאָלן — אָבער קיין מעל איז נישטאָ. ס׳אַ רעש פון שווערע רעדער אין שוימיקן טייך — און ביז צום דאַך ציִען זיך זיילן שטויב, וואָס פאַרפינצטערן דעם בליק. נישט איינעם אַזאַ ווירטואָזן שטאַמלער האָב איך געקענט, אין דער ליטעראַטור, צי איז יענער. די פּאָליציי האָט צו אים גאָרנישט — כאָטש די שפּראַך האָט ער עפנטלעך פאַרפייניקט. ער האָט איר געטאָן די זאַך — אָבער ס׳איז נישטאָ קיין פּאַראַגראַף קעגן עקסצעסן אין לירישן דעליריום.

דערווייל פּראַווען מיר אין ווינציקע „מנינים" אומעטיקע ימים־טובים מיט ליטעראַטור אויף יידיש — נישט אָן פּרעמיעס, וואָס האָבן גוטע כוונות, צו בלייבן סימבאָלן און נישט, חלילה, זינדיקן מיט גשמיות, נאָר פּרעמיעס פאַר פּראָדוקטיוון שווייגן זענען נישטאָ. סימפּאָזיומס זענען יאָ דאָ. זיי זענען פאַר זיך אַליין געוואָרן אַ מין אונטערגאַטונג פון דער ליטעראַטור. זיי טומלען אויסאַנאַם און באַשיינען דעם יאַריד מיט השתפכות פון פּראָבלעמען, מיט דיאַלעקטישן נעאָ־פּלפול און מיט מוח־גרימעניש פון

צעקריגטע פרינציפּן, וואָס האָבן ליב צו ווערן „סינטעזן". ס׳איז אַן אַט־מאָספערע פון הלל מיט קינות אין איינעם — און אַ מאָל ווערט פון איוב דעם קלאָגער אַ קלוגער קוהלת, וואָס שמייכלט בלייך, מעלאַנכאָליש — אַז צו שילטן האָט ער קיין כוח נישט און דערצו האָט ער אָנגעווירן דעם אַדרעס פון די קללות, וואָס איז אַמאָל געווען אַ סטאַבילער.

אפשר קומט אויס, אַז דער עסיי איז דער שרייבערישער דיאַלאָג מיט דעם אומרו פון דער צייט, אין אַ געוויסן זין: איר פּאָרטרעט. דער עסיי איז כלומרשט נישט צוגעבונדן צו קיין פעסטער טראַדיציע פון פאָרעם, און זייט מיר קענען אים, פרווט ער זיך, אויף אַלע וועגן, ווו מ׳לאָזט אים נאָר בלאָנדזשען, מיט קריטיק און פּאָלעמיק, מיט טראַכטענישן און בילדער און מיט ווידעראַנאַנדן, וואָס כאַפּן זיך ביים וואָרט: מיטן נימשל אַליין. אפשר איז דער עסיי די לעגיטימע ליטעראַרישע פאָרעם פון אונדזער גע־פרווטער תקופה, פאַרמשפּט צו זיגזאַגן אויף דעם ענגן, שאַרפן פּאַס צווישן גלייבענישן, וואָס פאַרגיבען זיך אַליין נישט די וועלט־לוסט פון יי׳אוש. אַוודאי האָט זיך אַ מאָל איינער צעזאָגט חכמעוואַטע, אַז אין צווייפל־פאַלן קלייבט ער אויס דאָס ריכטיקע — פונקט דאָס — אָבער ווער נאָך ווי אונדזער דור ווייס, אַז ס׳איז שווער צו זיין אַ חכם אין דער וועלט־עלנטקייט, צווישן יתומים וואָס זענען מיט איין מאָל געוואָרן „גרויסע", און טראָגן דעם טאַטנס ברמיננישן קאַפּעליוש וואָס קריכט איבער די אויגן: סטראַי פון אַבלות. רעדט מען זיך אַראָפּ פון דעם קונדייסישן קאַפּס צע־רודערטקייט — און דער טרויער נעמט און הוליעט.

אַלע האָבן אָנגעוואָרפן אויף זיך דעם פּחד, אַז די ליטעראַטור איז גע־בליבן אַליין אין אַזאַ בין־השמשות, וואָס מעסט זיך אויף גאַנצע מעת־לעתן — „אַליין, אָן אַ רבין". מיר געדענקען דעם קונדייסישן אומעט פון די בלויע ווינטערדיקע פאַרנאַכטן אין חדר. דורך די פאַרקאָוועטע פענצטער קוקט אַריין אַ ים מיט פּראַסטיקע נעפּלען, אין וועלכן עס שווימען היי־מישע דעכער און, להבדיל, צלמים, וואָס צעשטעכן דעם הימל. פּלוצים ׳שטייט אויף יונה מלמד, הייסט פאַרמאַכן די „סוואָרבעלעך" מיט די נביאים

ראשונים, טוט אָן דאָס טוליפּל, וואָס אויף זיין אויסגעקראָכענעם קאָלנער ווײנען ווײדעלעך פון קעץ, און גייט דאַווענען מנחה־מעריב. בלייבן מיר אַליין אין טוכלער פייכטקייט פון קאַרטאָפל־שיילעכץ און אויסשטײער פאַר כלה־מיידלעך, אַליין מיט דער פאַראומערטער רביצין, אַ קאַרגע יידענע, אַ פּראָסט, וואָס זשאַלעוועט אָנצוצינדן דאָס פאַרקאָפּטשעטע דרײַער־לעמפּל. וואָיוועט מען אין חשכות און די פאַרשייטקייט איז טרויעריק.

געבליבן די ליטעראַטור אַליין, פרי באַגליקט מיט צייטיקייט, איידער זי האָט זיך געריכט — אַליין, אָן אַ „מורה מורנו״, וואָס מען רופט אים אויף ביי יידן מיט אָן אַטלאַסענעם ניגון און פאַר וועלכן עס פירט זיך צו האָבן דרך־ארץ מיט אַ שמיץ איראָניע פון „מי שברך״? וואָרום אָט באַלד כאַפּט זיך דער דרך־ארץ אַליין צוריק. נישטאָ קיינער אין דער ליטעראַטור, וואָס אין זיינע וועגן ווילט זיך גיין — נישטאָ קיין וועגן. אַלע זענען פאַרבענקט נאָך דעם גרויסן רבין פון דעם מעטאַפאָר, וואָס אַרום אים איז יום־טוב — זאָל מען כאַטש אָנטאָן אַ ספּאָדיק דעם קריטיקער, אפשר אים? — דעם „לערער״, דעם „וועגווייזער״, דעם מיטן „לאָמטערן״. אָבער ווער ווייס, צי איז די קריטיק אין גאַנצן זיכער מיט איר אָרט אין דער ליטעראַטור? צו מאָל האַלט זי עפּעס אין איין דערווייזן באַשיימפּערלעך, אַז מען „דאַרף״ זי פאָרט: איינע מיט אַ כתב.

נאָך אַלץ איז מען נישט דורכגעקומען, צי איז דער קריטיקער אַ שרייבער, וואָס זיין וואָרט איז אַ ווערט פאַר זיך — אָדער צי איז ער אַ „מענטש״ ביי דער ליטעראַטור: אַ „וועכטער״, אַ „וועקער״ וכדומה. אין אַזאַ מין געהויבנקייט פון דער מליצהדיקער פּאָזיציע איז מסתמא גלייכער, דער קריטיקער זאָל זיך נישט נאַריש מאַכן מיט קיין שרייבערישע שטיק — וואָס איז מען, אַ ייִנגל, צו האָבן טאַלאַנט? אַזוי אָבער איז מען מער באַ־גלייבט — שיקט מען אַזאַ איינעם מיט אַן ערנסטער „שליחות״. דער עיקר, ס׳זאָל זיין שווער אים צו לייענען און מען זאָל למה״ש נישט קיין הנאה האָבן: שווער, ווייל אָן וואָג. איז איינער אַ בקי כמעט אין אַלע שבע חכמות — אָבער זעלטן טרעפט, ער זאָל האָבן געלערנט באַוווּנדערן דאָס קונסטווערק, וואָס ער באַטראַכט. דאָס וואָלט אים באַגליקט, וואָלט אים

צוגעגעבן חן און אייגענעם קאָלאָריט, — אפשר אינטעלעקטועלן עזות — אין דער אייגענער צייט, אמת, וואָלט ער געוואָרן אַ קליין ביסל פּאַרדעכ־טיק. וואָרום די נודאָטע איז פליגקער און זי האָט בייצייטנס אַרויסגעלאָזט אויף זיך אַ שם, אַז „סאָליד״ איז זי און זי אַליין כאַפּט דעם אָנבליק פון אמת.

איינער טיילט אויס אַטריבוטן — „ראָמאַנטיקער, סימבאָליסט, עקס־פּרעסיאָניסט, סוררעאַליסט״ אאַז״וו — זיין חבר האָט אַ חוש פאַר עסטע־טישער סטאַטיסטיק. קיינער ווייס נישט, אַזוי ווי ער, וויפל מאָל עפּעס ווערט געברענגט ערגעץ — און ער האָט אין דער ליטעראַטור־קריטיק אַ שאַרפן קוק, נישט צו דערזען דעם עיקר. יענעם פּאַרפּעלט ער מיט מאַקסימאַלער זיכערקייט. אַבי ער האָט אַ קאָמפּלעטע זאַמלונג פון יום־טובדיקע טריוויאַלן, איז ער שוין מיט דער בקיאות יוצא חריפות אויך. טייל רופן דאָס: „וויסן״ — און וויסן אַליין נישט ווי נתפּעל צו ווערן. אָבער וויסן, שמועסט מען, דאַרף זיך דיסקרעט איינזאַפּן אין די דינסטע דינקייטן פון דעם שרייבערס שפּראַך, אין זיין אמונה און אין זיין סקעפּטיק, און נישט שטופּן זיך עפּנטלעך מיט איינגעשלונגענע אַרכיוון. דער בקי איז געניט אין אַלע טעותים פון פּרווידס ליטעראַטור־באַנעם און ער געדענקט אַקוראַט ווו סאַרטר, צווישן טעאָריע און שרייבערישער פּראַקטיק, איז סותר זיך אַליין — כאָטש אַזעלכע סתירות נעמען זיך דווקא אויס דעקאָ־ראַטיוו אין דער דיאַלעקטיק, אַז מען שטעלט זיי אויס סימעטריש אויף אַ ברייטן שטח, זיי זאָלן זיך נאָר נישט שטויסן צו נאָענט איינס מיטן אַנ־דערן. דערנענטערן מיר זיך שוין צום ראַיאָן פון ליטעראַטור־וויסנשאַפט, וואָס פאַרמאָגט טיף איינגעקאַרבטע לומדישע קנייטשן — אָבער יענע, הער איך, ווערן היינט צוגעשטעלט מצד דער אינטעלעקטועלער קאָסמעטיק, פּאַרטיקערהייט, גלייך ביז צום שטערן.

מיר דאַכט זיך, אַז די שווערע רושטאָוואַניעס אַרום דעם בנין פאַר־שטעלן אָפט דעם פרייען אויסבליק אויף דעם דיכטערס געשטאַלט און אויף זיין וועלט און אַז דער יסוד פון דעם קריטיקערס שרייבערישע באַמיונגען איז: נאָכשפּירן מיט אַלע חושים דער דיכטערישער געשטאַלט, באַשטימען

איר אָרט, דערפֿירן זיך אַליין צו פֿרייד פֿון התגלות פֿון די פֿאַרהוילעגע שיינקייטן, התגלות פֿון די באַציִונגען און כוונות, וואָס ווילן געוועקט ווערן — נישט אַזוי אַנאַליזירן און „טייטשן", ווי ליב האָבן. דאָס איז דעם קריטיקערס שרייבערישע קונסט — מעג זיין סטיל זיין ביזאַר — אַבי ער איז עכט, מאַניפעסטירט אייגנס. און כאָטש דער דרך פֿון ליב האָבן איז אַלט, און האָט אין משך פֿון דורות, אייגנטלעך, נישט געענדערט דעם ספּאָ־סיב און מיינט נאָך אַלץ שרייבערישן כוח גברא — איז דער דאָזיקער פֿער־זענלעכער אַקט פֿאָרט אַלע מאָל אַנדערש: דאָס אייגענע, אָבער אַנדערש. דער מין אַנדערשקייט וואָס האָט באַגליקט די ליטעראַטור און איר צו־געגעבן אַטריבוטן פֿון יצירה, איז גילטיק פֿאַר אַלע געביטן פֿון דער וואָרט־שאַפֿונג, אויך פֿאַר דער קריטיק, וואָס דערגייט קיין מאָל נישט צו איר חשיבות און צו איר רעכט אויף שליחות אָן דער גייסטיקער שיינקייט פֿון איר סוביעקטיוון שרייבערישן אויסדרוק.

מסתמא גרענעצן זיך די פּראָבלעמען פֿון קריטיק מיט דער מיסטעריע פֿון שרייבן בכלל. דאָס איז דעם שרייבערס פּראָבלעמאַטיק און זיין גליק: שרייבן שווער, זאָגט קאַרל קראַוס — „גלייך ס'איז דאָס ערשטע און דאָס לעצמע מאָל" — אַז אין יעדער שורה זאָלן זיך זמיעשטשען בצימצום, אין איינעם מיט דיר אַליין, מיט דיינע פּחדים און דיינע ספֿקות, אַלע שטראַ־לונגען און פֿינצטערקייטן פֿון דער צייט, אַלע שטימונגען און גייסטיקע ציטערנישן, און זאָלן לייכטנדיק דורכדרינגען איינס ס'אַנדערע, דעם גורל און דעם חלום, די מאַטערניש און די פֿרייד". מיר בויען אַ ליטעראַטור פֿון וואָרט־בנינים, ס'זאָל זיין ווו די שרעק איבערצוקומען, אַז דער דרויסן איז כולו שטורעם און כאַאָס — סיי עס רעדט זיך וועגן רעאַלע בעלעט־ריסטישע הוריות, וואָס האָבן אין דער בהלה פֿון פּרייטיק־פֿאַרנאַכטיקן „ויכולו" נישט באַוויזן זיך אַריינצובאַקומען אין דער פֿאַרפֿונדעוועטער פּיק־ציע פֿון די מעשׂי בראשית גופֿא, און זענען געבליבן אין די ביכלעך — סיי עס גייט וועגן דענק־שטימונגען און פּרווונישן פֿון עסיי און וועגן קריטישע פֿאָרמולירונגען אין דער ליטעראַטור, וואָס ווילן געפֿינען דאָס אָרט פֿון מענטשן און זאַכן און מאַכן לופֿט אין דער קלעמעניש. די גאַנצע

אַרכיטעקטאָניק פון געבויטע זאַצן אין אַלע שפּראַכן און אויף יידיש האָט איין איינציקע כוונה: דאָן־קישאָטס ראָמאַנטיש־פאַנטאַסטישן פּאַרמעסט, צו פאַרענדיקן די בריאה אין מלכות פון וואָרט. דער בראשית האָט זיך אַזוי האָפערדיק פלאַנירט אין דער קאָסמישער וויזיע פון חומש און זייט דעמאָלט יאָמערט דער „יהי אור" אין וווּנדיקער נישט־פאַרטיקייט.

אַוודאי, אין „גאָט־שטאַרקע צייטן" איז דאָס שרייבערישע וואָרט גע־ווען געלאָדן מיט שפּאַנונג, האָט פאַרמאָגט גוזמות צוטרוי צו זיך און צו זיין שליחות, געהאָט ווו זיך אָנצושפּאַרן. געווען אַ רייכע וועלט פון אמונה און כפירה און העזה כלפּי שמיא און אַ סך שפּילרוים צווישן די ספערעס. צו מאָל האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, כביכול האָט זיך צוריקגעצויגן, אפשר נעלם געוואָרן, און האָט איבערגעלאָזט דעם באַשאַף דעם דיכטער: זאָל ער פאַרענדיקן — אַדרבא. שאַפן האָט כמעט פאַרלוירן זיין מיטאָלאָגישן טייטש פון בראשית, יש מאין — און מיט גאָט אין הימל האָט דאָס שוין אַוודאי אַ קנאַפּע שייכות. שאַפן איז געוואָרן אַ סינאָנים פון שרייבן. „שאַפן" ליי־דער און דערציילונגען. נאָר דער אמתער דיכטער איז דערביי נאָך געווען געצנוג קלוג, כדי כאָטש צו זיין אַן עניו. האָט זיך דאָס וואָרט אַוועקגע־שטעלט, אָנפילן מיט זיין כוח דער וועלטס ליידיקייט: זאָל זי אויפהערן שרעקן! היינט, הייסט עס, איז דאָס וואָרט געפאַלן, אויף אַ הויכער מדרגה פון געפאַלנקייט, — ווי עס לעשט זיך אויפן הימל אַ שטערן אין מיטן העלן געפלימער און לאָזט דאָרט, אין דעם פאַרטאַמלטן אויבן, וואָס האַלט אַן מאַיעסטעט, אַ שאַרפן פּאַס קרישטאָלענעם גלאַנץ, וואָס ענדיקט זיך היעראָגליפיש אין אַש.

אַלץ: שלום־עליכם

דאָ ליגט אַ ייִד אַ פּשוטער,
געשריבן ייִדיש־דייטש פאַר ווייבער
און פאַרן פּראָסטן פאָלק איז ער —
געווען אַ הומאָריסט אַ שרייבער.

דאָס גאַנצע לעבן אויסגעלאַכט,
געשלאָגן מיט דער וועלט כּפּרות.
די גאַנצע וועלט האָט גוט געמאַכט,
און ער — אוי וויי — געווען אויף צרות

און דווקא דעמאָלט, ווען דער עולם האָט
געלאַכט, געקאַטשעט און פלעגט זיך פרייען,
האָט ער געקרענקט — דאָס ווייס נאָר גאָט —
בסוד, אַז קיינער זאָל ניט זען.

דאָס זענען די מצבה־ווערטער, וואָס שלום־עליכם האָט אין זיין צוואה אָנגעשריבן אויף זיך אַליין: „אַ ייִד אַ פּשוטער". ער האָט געלאַכט מיטן כּוח פון גאַנצן פאָלק, דערציילט באַרעדעווודיק, היימישלעך, שטיפעריש, אַ מאָל ליריש און אַ מאָל אַפילו סענטימענטאַל. אַלץ, וואָס שלום־עליכם שילדערט, זענען אויסגעטראַכטע אמתן, דורך וועלכע עס רייסט זיך ווי

אַ שטאַרקער שטראָם גלייביקע לעבנס־פרייד. ער האָט געלערנט דאָס ייִדי־שע פאָלק לאַכן אין די צערודערטע יאָרן פון ערב־אונטערגאַנג, וואָס האָט שוין געטונקלט אויפן האָריזאָנט: ער איז געווען אַ דיכטערישע עלעמענ־טאַר־קראַפט, אויף יענער זייט פון דער אַנגענומענער ליטעראַרישער נאָר־מע — האָט טאַקע די סקאַרבאָווע ליטעראַטור־וויסנשאַפט, געווינט צו שאַבלאָנען, לאַנג נישט געקאָנט זיך קיין עצה געבן מיט זיין שרייבערישער באַזונדערקייט. זיין איבעראַשנדיקער כוח האָט באַאומרויִקט. אין זיין רייכער קינסטלערישער נאַטור ריזלען אַלע קוואַלן פון אָנגעזאַמלטער פאָלקס־חכמה און אין זיינע ווייך־צעשפּילטע רייד ברויזט די האַרצרייסנ־דיקע פריילעכקייט פון אַזאַ טרויעריקן לעבן. שלום־עליכם איז געווען דער פאַרליבטער באַזינגער פון „עמך": אַ וועלט מיט ייִדן, פאַרכישופטע שניי־דערלעך, מעקלערס, אַגענטן, קלעזמערס, גבירים, גבורהדיקע קבצנים און יורדים, וואָס אין גוטע צייטן זענען זיי געווען אָרעמע לייט, צעדרייטע דרייערס, לומפּן־באַלעבעסלעך און דאגת־פּרנסה־אַקראָבאַטן, היינט־זשע ווייבער מכל המינים און קיין עין הרע קינדערלעך, און ווידער דאָס ביסל גויים, נעבעך, וואָס זענען אין גאַנצן איבעריק — גאַנץ כתריאלעווקע, גאַנץ יעהופּעץ, פּסיידאָנימען פון קיעוו און באַרדיטשעוו: אונדזער אַלעמענס שטעט און שטעטלעך, אונדזער אַלעמענס וויגן.

מענדעלע מוכר ספרים, שלום־עליכמס ליטעראַרישער זיידע, האָט אַנט־פּלעקט דעם קאָנטינענט קאַבצאַנסק. ער האָט דערזען אַ האָפענונגסלאָז־פאַרגליווערטע וועלט, וועלכע ער האָט איבערגעפורעמט אין פּלאַסטישע געשטאַלטן, יעדע געשטאַלט אַ משפט, אָן רחמנות. ער האָט שטרענג מקפּיד געווען אויף דער קינסטלערישער שלמות פון דעם הויקער, וואָס ער, דער גרויסער פּלאַסטיקער, האָט אָנגעהאָנגען קאַבצאַנסק: עכטער ווי עכט. אין זיין סאַטירישן ווערק זומפּיקן ייִדן אויף בילדערישע רינשטאָקן, האַנדלען אָפּ אַ גאַנץ לעבן מיט ציצית און רצועות און בריוועלעך פאַר קימפּעטאָ־רינס און מעבר־יבוקס פאַר ברמיננס. דאָס איז געווען די אור־פּראָדוקציע פון קאַבצאַנסק און דאָס איז אויך געווען דער אור־קאָנסום. עפּעס אַנדערש האָט מען נישט געהאַט און נישט באַדאַרפט. אַלע זענען געווען גרויסע

באַשערס פון תעניתים און אַפילו מענדעלעס קליאַטשע, דאָס דאַזיקע באַ־רעדעוודיקע שטומע באַשעפעניש, האָט זיך אויך צווישן ייִדן אויסגעלערנט אַריינכאַפּן אַ תענית. פאַרט נישט קיין גוייִשע בהמה, וואָס יאָגט זיך נאָך פּרעס.

שלום־עליכם האָט מיט דעם ווייכן פּאַטאָס פון זיין צעבליטן פאָלקס־הומאָר אויפגערודערט די אידיליע פון ייִדישער אומקומעניש. ער האָט איר גליוועך אויפגעלייזט אין באַוועגונג. דאָס איז געווען דער ערשטער אויפ־שפּראָץ פון איר מענטשלעכער דערלייזונג. יעהופּעץ טומלט, פאַנטאַזיאַ־רעוועט, ראַנגלט זיך, וויל נישט אונטערגיין. דרייט זיך אַ בונטער שלימזל־דיקער קאַראַהאָד, אין וועלכן עס פלי‍ִען מנחם מענדל מיט שיינע שיינדלען און שמעון עלי מיטן באָק, וואָס האַלט זיך פאַר אַ קאָזע, און טוביה מיט די טעכטער און מיטן טאַטעדיקן עגמת נפש, מיטן מילכיקס און מיט די גבירים און מיט די צעדרייטע פּסוקים, וואָס האָבן דעם חן פון צעזונגענעם עם־האַרצישן תהילים. ווייל וואָס טויגן פּסוקים לומדישע, אַז זיי ברענגען נישט אַ ביסל טרייסט אַ צעבראָכענעם טאַטן? האָט טוביה אין זיי אַריינגע־קנייטשט זיין טרויער און זיין בידנע פרייד,ביידע אין איינעם — נישט כדאי פונאַנדערצוטיילן.

לאַכט יעהופּעץ פון דער וועלט און עס קייכט אַ צעיאָכמערטער כאָר פון פאַראומערטע ייִדן, טאַטעס בערדיקע, וואָס רעדן ייִנגלישן פּידרעך וועגן באַהאַלטענע אוצרות און גרויסע געווינסן, און קינדערלעך ווי עלטער־זיידעס — מאַטעלע, קאָפּעלע, הערשעלע, בלייכע קונדייסישע נפשלעך מיט פולע אויגן צעשפּילטן טרויער. אַלע אין איינעם פאַרגייען זיך אין גרעסטן געלעכטער, ווייל כּתריאלעווקע האָט אָפּגעטאָן דער נאַטור אויף טערקיש און הערט די וועלט ווי דעם פאַראיאָריקן בוידעם. כּתריאלעווקע האָט זיך געמאַכט זעלבשטענדיק מיט אירע צעדולטע יאַרידים און נעכטיקע טעג, מיט דעם טראַגישן האַצמאַך פון אירע אויסגעחלומטע מיליאָנען אין בוזעם, וואָס זענען דער פאַנטאַסטישער אומזאָץ־קאַפּיטאַל פון גאַנצן שטעטלדיקן דאגת־פּרנסה־האַרמידער. ווייל דאגת פּרנסה, דאַרף מען וויסן, איז אַ „פּאַך״ אין כּתריאלעווקע — פּונקט ווי חלומות.

אַזוי האָט אָפּגעלעבט דאָס שטעטל דור נאָך דור, צעקריגט מיט דער נאַטור, אַרום דעם מענטש און אין אים, און אַלע זענען געווען זיכער, אַז די וועלט איז נישט קליין זיך צוצופּאַסן צו כתריאלעווקע. וואָס איז די גדולה מיט דער „אָרדענונג" און זייט ווען קען מען זיך דאָס פּאַרלאָזן אויפן שכל הישר פון לעבן? מנחם מענדל האָט אַלץ אַוועקגעשטעלט אויף סאָ־לידער שלימזלדיקייט און בכלל האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין אַ פלאָנ־טער נאָר, אַז מ'האָט געהאַט די פולע זיכערקייט, אַז מ'עט פון דאָרט קיין מאָל נישט קאָנען אַרויס — פיינט האַלבע זאַכן... יאָ, ווי לאַנג אָבער קאָן מען אַזוי לעבן קידער־ווידער מיט דער נאַטור? און ווי קומט דאָס אייגנט־לעך, וואָס אין מיטן דערינען נעמען גאָר ייִדן פּלוצים לאַכן? אויף וואָס אַרויף? און ווי שעמען זיך מענטשן נישט פאַר לייטן?

אפשר איז דאָס דער רעוואָלוציאָנערער אויפבראָך פון שלום־עליכמס געניאַלן געלעכטער. ער האָט צום ערשטן מאָל געלערנט ייִדן לאַכן — אָן טרערן, אָן שטעכווערטלעך, אָן ליטווישע קרעמענעס אָדער גאַליצישע יאַש־טשערקעס, אָן די באַרימטע ייִדישלעכע רעקוויזיטן פון הומאָר מיט אַ פּיר־רוש, וואָס פאַרגינט זיך נישט אַ ביסל פריילעכקייט, אָן דעם גמרא־מלמדישן גראָבן פינגער. זיי האָבן באַדאַרפט דאָס ביסל לאַכן ווי ס'לעבן. און פונקט אַזוי ווי ס'איז נישט געמאָלט קיין רוסישע רעוואָלוציע אָן דער טיפער אויפטרייסלונג און פרישער צעאַקערונג פון רוסישן לעבן דורך מאַקסים גאָרקיס דיכטערישן גייסט, אַזוי וואָלט נישט מעגלעך געווען די אויפבליִונג פון אַ נייעם ייִדישן לעבן אויף דער וועלט פון חורבות, אָן דעם פרילינג־שטורעם, וואָס שלום־עליכמס הומאָר האָט צעברויזט איבער אונדזער פאָלק, פון פאָלקס אייגענע טיפענישן, און מיט וועלכן ער האָט אינערלעך צוגע־גרייט צו זיין גייסטיקן ניי־געבורט. דערוועקט אין זיך דעם כוח צו לאַכן איבער זיך אַליין, האָט זיך יעהופעץ צום ערשטן מאָל אַליין אָנגעקוקט אויף חידושים, צום ערשטן מאָל מיט אַ נייעם בליק זיך טיף דערקענט, דערפילט איר גורל, דערפילט אין זיך דעם אויפשפּראָץ פון אינערלעכער פרייהייט.

*

איך טרעף מנחם מענדלען אין אילת און אין סדום, אויף שאָסייען, אין מידבר,ביים ים, אין געבערג, אין אונדזערע נייע שטעט און דערפער: מנחם מענדל אַליין, זיין זון, זיין אייניקל, זיין גלגול — מיר אַלע. מיר האָבן דאָך אייגנטלעך נישט קיין אַנדערע יידן און מער־ווייניקער קומען מיר אַלע פון כתריאלעווקע. ווי טיף־אַנדערש דאָס אַלץ איז געוואָרן אין אַזעלכע קורצע עטלעכע יאָר! אָט פירט ער אַ שווערן טראַקטאָר אין די זאַמדן פון נגב און אין קאָרידאָר פון ירושלים ברעכט ער בערג — ער אָדער טוביה, אָדער איינער פון יענער חברה. טענהן אַ מאָל פיינשמע־קערס: יאָ, ווו איז דער הומאָר?... קאָן זיין, אַז ס'איז טאַקע נישט מער אַזוי פריילעך, זייט ס'האָט אויפגעהערט צו זיין אַזוי טרויעריק... אַלץ איז גע־וואָרן פשוטער און שווערער. היינט טראָגן יידישע פלייצעס אַזאַ שווערע לאַסט, איז ממילא נישט פאַראַנען דאָרט קיין אָרט פאַר דעם אָרנאַמענטאַלן הויקער, וועלכער איז געווען פאַר אונדז אַמאָל אין גלות דער שורש פון אונדזער צעהאָצמאַכטן זעלבסט־חוזק. מנחם מענדל איז אַהיימגעקומען. גע־ענדיקט דאָס לייכטע לעבן פון קייקלען זיך צום אָפּגרונט. איצט איז דער שווערער באַרג־אַרויף פון אַן אויפגעוואַכט פאָלק. דאָס איז דער ווונדער־לעכער גלגול פון שלום־עליכמס מנחם מענדל.

אַ קאַפּיטל בערגעלסאָן

איבער די פולע יאָדרע־שורות פון בערגעלסאָנס דיכטערישן ווערק שפּרייט זיך דער זאַטער גלאַנץ פון קינסטלערישער שלמות. דורך זייער שווערער און מידער צייטיקייט גייט צו מאָל אַ שטילער שורש פון באַהאַל־טענער ווייטער איראָניע, אַזוי ווי עס פּאָרעט זיך אַ שטיפעריש ווינטל צווישן די איבערגעפולטע, אָנגעגליטע זאַנגען. ער רודערט דאָ אייגנטלעך נאָר פון שיינקייט וועגן, וואָרום קיינער דאַרף נישט זיין „מיטווירקונג" ביי דער דאָ־זיקער רייכער פּראַכט, אָבער זיין שטיפערישקייט העלפט אונדז לייכטער דערטראָגן דעם שווערן פּאַטאָס פון דעם דאָזיקן געוואַלדיקן וווּנדער, וואָס וואָלט זיך אָן אים, אַזוי צו זאָגן, געשעמט אין זיין ווייטער אומענדלעכקייט אַריין, צו אַנטפּלעקן בפרהסיא אַזאַ פולע גבורהדיקע שיינקייט.

און אַזוי איז אויך מיט בערגעלסאָנס בעלעטריסטישן סטיל. זיין באַהאַל־טענער איראָנישער שמייכל, וואָס דרייט זיך אַרום, אומזעבאַר, צווישן זיינע שווערע אומעטיקע שורות, פאַרלייכטערט אונדז טראָגן דעם פּאַטאָס פון דער וועלט, וואָס איז אָנגעזאַמלט אין זיי. די איראָניע איז די ליכטיקע שפּאַרע, וואָס עפנט זיך צו מאָל אין דער אומדערבאַרעמדיקייט פון בערגעל־סאָנס קינסטלערישן וועלטבאַנעם, און מאַכט אונדז די וועלט אויף אַ ווײַלע צוגעלאָזטער, רחמימדיקער. זי איז אַזוי ווי די שטילע בנעימותדיקע רביצין, וואָס דרייט זיך אַרום שמייכלדיק צווישן די בייזע יורה־דעהס פונעם רב און איז דאָס איינציקע שטיקל טרייסט, אַז ער וועט פּאָרט נישט אין גאַנצן טריפה מאַכן, דער אכזר. וואָרום זי ווייס, די רביצין, אַז דער רב איז גאָר בסך־הכל

אַ ייד אַ חלוש, אַ צעבראָכענע כּלי, פֿאַר וועמען ס'איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן — די איראָניע פֿאַרגרינגערט דעם פּאַטאָס פֿון יראת הכּבֿוד.

עס איז אַזוי צו זאָגן אַ פּרוּוו צו רעלאַטיווירן דעם שטרענגן אַבסאָלוט פֿונעם גורל — אָבער טאַקע נישט מער ווי אַ פּרוּוו, אַ נישט־געראָטענער. עס פֿינצטערט אַ האַרטע מאַכט איבער דעם מענטשלעכן לעבן — און עס ליגט אין דעם אַ שטיק קינסטלערישע חכמה, וואָס בערגעלסאָן האָט אונדז צוגע־פֿירט צו דער דאָזיקער השגה גראָד דורך דער אינדזלדיקער אָפּגעשלאָסנקייט און פֿאַרשניטנקייט פֿון די וועלטפֿאַרלוירענע קליינשטעטלדיקע ווינקלען, ווו דער אומדערבאַרעמדיקער גורל האָט אַ שטאַרקערע שמירה איבער זײַנע אונטערגעגעבענע, און פֿון וואַנען עס איז נישטאָ וווהין צו אַנטלויפֿן. זיי זיצן דאָ אַלע אין דער וויסטער מרה שחורה, וואָס שפּרייט זיך אַרום זיי ווי אַ ווײַט פֿונאַנדערגעוואָרפֿענע נעץ, אין וועלכער זיי צאַפּלען אָפּ די יאָרן, ווי מיזערנע געפֿאַנגענע נפֿשלעך, ביז צום סאַמע סוף. טייל מאָל פּרוּווט זיך נאָך דער אָדער יענער אין בערגעלסאָנס דיכטערישער וועלט אַרויסזאָגן עפּעס אַ „געדאַנק" וועגן דעם שטומען אומגליק, וואָס רוקט זיך אָן אויף אים, אָפּ־חוזק אַ ביסל מיט אַ האַלבן וויץ פֿון דער אייגענער עלנטקייט, כּדי צו באַ־ווײַזן זיך אַליין, אַז מ'איז נאָך, נישקשה, נישט אין גאַנצן קיין פֿאַרלוירענער און אַז מען וועט נאָך אפֿשר פֿאַרט ווי אַרום אַ פּרוּוו טאָן אַרויסדרייען זיך פֿון „אָט אָ דעם אָ" — אָבער דער דאָזיקער „געדאַנק" דערגרייכט געוויינ־לעך נישט ווײַטער ווי ביז צום האַלבן נישט־דערזאָגטן וואָרט, פֿון וואַנען ער פֿאַלט ווידער צוריק אין זײַן פֿריערדיקער האָפֿענונגסלאָזיקייט.

און צוליב וואָס אַ שטייגער זאָל מען דאָ בכלל נאָך רעדן, אַז אַלץ האָט שוין דער גורל פֿון אָנהייב אָן אַזוי שאַרף און שנײַדיק אָנגעצייכנט? שווײַגן זיי טאַקע אַלע און גיבן זיך אונטער: מירל און עטיל קאַדיס, מלך און יוזי ספּיוואַק און אַלע אַנדערע, וואָס קאָנען פֿאַר זיך נישט דערוואַרטן מער קיין שום טרייסט פֿון דעם מיזערנעם קליינשטעטלדיקן חוזק, מיט וועלכן עס פּרוּוון זיך אָפּנאַרן די פּוסטע חכמעוואַטע נפֿשלעך. פֿון דעם אייגענעם אומעטיקן בחורישן שטיבל פֿון דער שטעטלדיקער אַפּטייק, פֿון וועלכן עס איז מיט אַ צײַט צוריק „אָפּגעגאַנגען" דער שטילער פּראָוויזאָר מלך, מיט זײַן „שטענ־

דיק־שעמעוודיקן שמייכל״ און מיט זיין שווייגנדיקער עקשנות, איז איצט אַוועק יוזי ספּיוואַק, איז אַריבער צו פּיליפּאָוון קיין קאַמינאַ באַלקע, אַריבער שטום ביז צום סאַמע סוף, וואָס האָט אים פּאַרט געמאַכט אַ ביסל ווייך און נאָכגעביק, און האָט ביי אים פּאַרט אין דער סאַמע שווערסטער רגע פון זיין אַוועקגיין צום אַמאָליקן שונא, אַרויסגעריסן דעם אָפּגעהאַקטן ברום: „נו?...״ אָבער ווי קאַרג עס זאָל נישט זיין אָט די מאָדנע „השתפּכות הנפש״, וועלכע איז אָנגעקומען יוזין מיט אַזעלכע שווערע חבלי־לידה — זי איז דאָ אין תוך גענומען אין גאַנצן איבעריק און רייסט לחלוטין נישט איבער יוזיס איינגעשפּאַרטע שוויגן.

פּאַטאָס פון שווייגן, חוזק און עלנטקייט... פון „אַרום וואָקזאַל״ ביז „מידת הדין״ — אַלע מאָל האָט געפינצטערט איבער בערגעלסאָנס מענטשן אַן אומ־היימלעכע, שרעקעוודיקע משא, וואָס די געפּענטעטע נפשלעך האָבן זיך אַלץ געפּרוווט „פּאַררעדן״ מיט ווייכע רייד, וועגן וועלכן מען האָט זיך אַלץ געמאַכט האַרץ, אַז דער גאַנצער ענין איז אפשר פּאַרט נישט אַזוי שרעקלעך, ווי עס דאַכט זיך אויס — אָבער „דער פּאַרגליווערטער הויכער וואָקזאַל״ האָט ווייטער שטום געסטראַשעט, „אויסגעהערט גלייכגילטיק דעם געלעכטער פון די טומלדיקע סוחרימלעך און ווידער געדרימלט״, פּונקט אַזוי ווי דער „איי־זערנער צדיק״, פּיליפּאָוו, האָט שוין פון ווייטנס, פון זיין פינצטערער אומזע־באַרקייט, דערדושעט דעם הילפלאָזן וויץ, צו וועלכן דער אָפּגעכוימלטער ד״ר באַביצקי, דער „זייטיקער מענטש״, האָט זיך אַלע מאָל פון ס׳ניי ראַזמאַכעט. דערביי דאַרף מען געדענקען, אַז פאַר קיין זייער האַרבער אַפּיקורסות האָט ער גאָר לחלוטין קיין השגה נישט געהאַט, דער דאָקטאָר, און ער וואָלט שוין מן הסתם געווען היפּש צופרידן, ווען עס גיט זיך אים כאָטש איין, אַרויסצוזאָגן אָט דעם קיצלדיקן איינפאַל, אַז „זי איז, הייסט עס, אַוועק אויף קרומע וועגן, די רעוואָלוציע״ — אַן איינפאַל, וואָס אַזעלכע מענטשן ווי בורמאַן אין דער „פאַרגרעבטער שטאָט״ און ליפּקיס אין „נאָך אַלעמען״ וואָלטן צו אים אַוודאי אויך שטאַרק חשק געהאַט, און דאָס בנוגע דעם „לעבן בכלל״. ער, דער קלוגיטשקער דאָקטאָר, וואָלט נאָר אפשר וועלן אַ ביסל באַ־

פעסטיקן זיין מיזערנע פּיצל האָפענונג, אַז צו אים, דעם „זייטיקן מענטש", האָט דער גאַנצער ענין בכלל אַ גאָר קנאַפּע שייכות און אַז עס וואָלט געווען דער שענסטער יושר, מען זאָל אים דאָ אין גאַנצן נישט טשעפּען, עס זאָל אויף אים נישט שולט זיין די „מידת הדין" פון דעם גורל — און מער גאָרנישט. אָבער אָט דער פאַרחלשטער „וויץ", וואָס זשיפּעט קוים, קומט קיין מאָל נישט צושטאַנד. ער ווערט בייצייטנס דערדושעט פון דער מוראדיקער שווערקייט, וואָס פינצטערט איבער דעם אויפגעברויזטן שטעטל, ווי דער בייזער, שוויי־גנדיקער גורל.

אין אָט דעם וועלט־פאַרלוירענעם שטעטל ליגט נאָך אַלץ בערגעלסאָנס בעלעטריסטישע וועלט, די אַלטע און אויך די נייע, די רעוואָלוציאָנערע. זי ליגט נאָך אַלץ צווישן די איינזאַמע שטעטלדיקע גאַסן, וואָס ציען זיך לאַנג און נודנע, אין זייער פאַרשטומטן אומעט. זי שטייט נאָך אַלץ אין ביי דעם אויסגעפּיינטן גבירישן חתן־בחור, וואָס נודעט זיך איינער אַליין מיט זיין לייטישקייט, ביי דעם חקירהדיקן העברעישן לערער, דער פאַרשלעפּטער קרענק, און ביי דעם מרה שחורהדיק־שווייגנדיקן מיידל, וואָס איז „אַ שלעכטע און אַ ביטערע, ווי איר אייגן נישט געלונגען לעבן", — אָבער טאַקע אין אָט דעם קליינעם פאַרשניטענעם לעבן האָט בערגעלסאָן אָנגעזאַמלט אַזעלכע אוצרות מיט קינסטלערישער איבערלעבונג, אַז דער ווינציקער שטח ווערט אַזש צו ענג פאַר דער שווערקייט פון זיין קאָנצענטרירטן געפיל.

און אפשר איז טאַקע בערגעלסאָן אַזוי אַרום געקומען צו דעם אומגע־לומפּערטן שם, אַז זיינע ראָמאַנען זענען צו געדיכט און איינטאָניק. אמת איז אַז זיי זענען נישט קיין צייט־פאַרטרייב, וואָרום זיי פאַרטרייבן פון זיך דעם ליידיקן רוים, דעם ברייטן שטח, אויף וועלכן אַנדערע שרייבער וואָלטן מן הסתם געקאָנט זיין „אַמוזאַנט" און פלאַך. זיי קאָנסומירן ווייניק פּלאַץ פאַר דער „מעשה" גופא, וועלכע איז ביי בערגעלסאָנען אייגנטלעך נישט מער ווי אַ מין אויסרייד, אַבי ער זאָל אונדז נאָר קאָנען אַריינפירן אין דער פאַר־הוילענער וועלט פון זיינע מענטשן. ער איז אויסן זייער אינעווייניקסט לעבן, וווהין ער דערגרייכט ביז אין די טונקלסטע טיפענישן מיט דעם וווּנ־דערלעכן אינסטרומענט פון זיין עקזאַקטן, אומבאַרירטן וואָרט.

און דאָס איז דאָך נאָך אַלעמען דער גילטיקסטער סימן פון אמתער דיכטערישקייט. אַנדערע שלעפּן זיך אַרום איבער דער ליטעראַטור, אָנגע־פּאַקט מיט אַזאַ מין פּאַרטיקן, אַלוועלטלעכן שילדערונגס־זשאַרגאָן, וואָס איז אָנגענומען אין אַלע ליטעראַטורן, מיט וועלכע מען פּאַרטשאַדעט דעם ניי־אַלטן דיכטער, דעם נאַיוון.

בערגעלסאָן, ווי יעדער אמתער קינסטלער, מאַכט זיך זיין אַרבעט שווע־רער. ער האָט געשאַפן נישט נאָר אַזאַ שטאָלצן ליטעראַרישן בנין, וואָס שטייט ביז איצט איינציקאַרטיק אין דער יידישער ליטעראַטור, נאָר ער האָט זיך אויך אַליין אויסגעמייסטרעוועט קודם זיין אינדיווידועל געצייג, וואָס האָט ערשט מעגלעך געמאַכט דאָס דאָזיקע וואונדערלעכע ווערק — יענעם דינעם, בייגעוודיקן, געשליפענעם אינסטרומענט, וואָס עפנט אים אַ וועג דורך אַלע פינצטערע געדיכטענישן: זיין וואָרט.

ער האָט איזאָלירט זיין וואָרט פון יענע משורדיקע בייקולעכלעך, וואָס האָבן זיך אָנגעטשעפּעט אין אים אין פּאַרלויף פון די ליטעראַרישע אַנט־וויקלונגען, וואָס דערקוטשען מיט זייערע אונטערהאַלטענישן און לאָזן דאָס וואָרט נישט קומען צו זיך, צו זיין אייגענער קינסטלערישער ווירקונג. ער האָט דאָס וואָרט ווידער געשטעלט אויף זיך אַליין, האָט עס אָוועקגעלאָזט איבער זיין גייסטיקער וועלט, אַזוי ווי אַ שטרענגער, געטרייער טאַטע, וואָס וויל זען אַ גוטן תכלית, האָט אים נישט מיטגעגעבן גאַרנישט, אַחוץ זיין אינע־ווייניקסטע אומבאַרירטקייט, זיין אויפנעמערישע קראַפט, און צוריקגעקומען איז עס פון זיין גייסטיקן וועג אויסגעוואַקסן און שטאַרק, אין דער זיכערער האַלטונג פון דערפילטער שליחות.

בערגעלסאָן האָט געגעבן זיין וואָרט די גייסטיקע קראַפט, עס זאָל אַנט־פּלעקן נאָר דאָס, וואָס זיין דיכטערישע כוונה וויל פון אים אַרויסבאַקומען, נישט מיטשלעפּן קיין קאָנטערבאַנד. וואָרום די וועלט ליגט אייביק אָנגעגרייט פאַר דעם דיכטער אין דעם ריינעם, בראשיתדיקן וואָרט, אויסגעפּאַרעמט און פאַרשלאָסן, ביז זי ווערט געוועקט פון זיין שאַפערישן גייסט. יעדער קלענסטער עלעמענט פונעם לעבן האָט זיך אַזוי צו זאָגן זיין אייגענעם שיר

אין מלכות פון דער שפּראַך, וועלכער שטעלט זיך איין פאַר אים, ווערט פאַר אים דער לעגיטימער מליץ־יושר — און די אויפגאַבע פונעם דיכטער איז אַרויסצורופן פאַר יעדן קלענסטן חלק פון דער רעאַליטעט דאָס אָנגעגרייטע וואָרט, וואָס וואָרט צו טאָן זיין געבאָטענע שליחות.

אין בערגעלסאָנס ווערק האָט דאָס וואָרט באַקומען צוריק די דאָזיקע בראשיתדיקע פונקציע, וואָס איז נאַטירלעך איבעריק געוואָרן אין דעם טומל פון ליטעראַרישער טאַנדעט־אינדוסטריע. ער האָט געגעבן דעם אָפּגע־נוצטן, פאַרבליאַקעטן וואָרט נייע אורשפּרינגלעכע יוגנט־קראַפט, פּונקט אַזוי ווי דאָס אָפּגעכוימלטע שטעטל האָט באַקומען אין זיין ווערק אַן אייגנאַרטיקע קינסטלערישע געשטאַלט, וועלכע עס האָט פאַר אים קיין מאָל ניט געהאַט. עס האָט זיך געפאָדערט אַ סך גייסטיקער מוט און כּוח צו פאַרנעמען זיך ווידער אויפן שטעטל, נאָך דעם ווי עס איז שוין באַזונגען און אַרומגעשיל־דערט געוואָרן פון אַלע זייטן דורך דער געדיכטער לירישער מלאַיעווקע פון דער שבת־קודשדיקער טשאָלנט־ראָמאַנטיק; דורך דעם גאַנצן טעאַטראַלישן קלאַפּער־געצייג פון די פאַרשטעלטע שטעטלדיקע יידן, וואָס האָבן „גע־נומען" מיט די איבערדימענסיאָנירטע רבנישע קוליסן־בערד און מיט דעם נשמה־יתירהדיקן אַטלאָס, אָדער מיט דער צו שטאַרק אַקצענטירטער גראָ־ביאַנישער כאַמולעדיקייט, וואָס איז אויסגעקרכנט געוואָרן פון נישט גע־ענדיקטע איידעלע בית־מדרשניקעס. דורך אָט דער גאַנצער זיסער פאַלש־קייט, וואָס איז יאָרן לאַנג געשטאַנען אין צענטער פון דער יידישער ליטע־ראַטור, האָט בערגעלסאָן דורכגעבראָכן אַ וועג צו דעם מענטש אַליין, צו יענע נישט־קאָסטיומירטע, ד. ה. „אומאינטערעסאַנטע" אָביעקטן, וועגן וועלכע עס פאַלט דעם סקאַרבאָוון באַשרייבער גאָרנישט איין, מחמת עס פאַלט אים ביי זיי אויסערלעך גאָרנישט אויף. זיי זענען אַזוי צו זאָגן פּאַסיווע אָנפּאַנ־גערס אין דער יידישער ליטעראַטור און זיי האָבן זיך אַפּנים גאָר קיין מאָל נישט געריכט, אַז מען וועט זיי דאָ בכלל אַ מאָל באַדאַרפן, זיי זענען אייגנט־לעך נאָך אַלץ נישט צוגעגרייט צו זייער שטעלונג אין דער ליטעראַטור און זיי פילן זיך דאָ נאַטירלעך קיין מאָל נישט אַזוי היימיש ווי יענע אַלטגע־זעסענע שיינע און מיאוסע יידן, וואָס זענען דאָ גאַנצע מקורבים און וואָס

האָבן אַ ריין־שטאָפלעכע חשיבות, נאָך איידער דער דיכטער האָט זיך בכלל צו זיי צוגערירט. זיי זענען שוין רויערהייט אַ מין ליטעראַרישער האַלב־פאַבריקאַט, פאַרזאָרגט מיט אינטערעסאַנטקייט צוליב זייער פאָלקלאָריס־טישן כאַראַקטער אַליין, און זיי קאָנען זיך דערפאַר אין דער ליטעראַטור גופא אייגנטלעך אָן עצה געבן אָן דעם דיכטער.

בערגעלסאָן האָט קיין מאָל נישט גורס געווען אָט די וואָלוועלע פאָל־קלאָריסטישע שטייגערדיקייט אין דער ליטעראַטור — און צוזאַמען מיט דער עמאַנציפּאַציע פון דעם שטייגער איז געקומען ביי אים די באַפרייונג פון דעם אָנגענומענעם ליטעראַרישן נוסח. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון יענע בדוק־ומנוסהדיקע ליטעראַטור־רעקוויזיטן, וואָס האָבן איינגעשפּאָרט דעם דיכטער די העלפט אַרבעט.

דאָס איז דער סוד פון בערגעלסאָנס וואָרצלדיקער קונסט. אַנדערע מוזן אָפּמאָלן און אָפּשילדערן גאַנצע לאַנגע זייטן, מוזן אונדז באַזינגען דאָס בלויע פונעם הימל, איידער מיר לאָזן זיך בכלל אַריין מיט זיי אין וועלכער ס'איז גייסטיקער באַציונג. ביי בערגעלסאָנען לייענען מיר די ערשטע עט־לעכע שורות און מיר געפינען זיך שוין אין סאַמע מיטן פון זיין וועלט. מיר דערפילן דאָ באַלד אין זיין ערשטן וואָרט, אַז מיר האָבן געוואַרט דערויף, אַז טאַקע נאָר אַזוי האָט דאָס געקאָנט געזאָגט ווערן. ער איז דער רעאַליסט פון דער מענטשלעכער מיסטעריע. יעדער איינער פון זיינע מענטשן האָט ערגעץ ווו אַ טונקעלן פונקט אין זיין נשמה, וועלכן דער דיכטער העלט אויף מיט וווּנדערלעכער געניטקייט. בערגעלסאָן גייט נישט צו צו זיין שטאָף, מעשה קינסטלערישער גזלן: גיב זיך אונטער — אַדרבא, ער נעמט אים איַין מיט שטילע ריידעלעך, מיט האַלבע און נישט־דערזאָגטע, אויף וועלכע מען וואָלט זיך גאָר קיין מאָל נישט געקאָנט ריכטן, אַז זיי מיינען באמת אַזוי פיל.

מען רעדט ביי בערגעלסאָנען נישט קיין מאָנאָלאָגן אָדער דיאַלאָגן, נאָר מען זאָגט זיך דאָרט עפּעס אונטער כלאחר־יד און מיט האַלבע ווערטער, יעדער אויף זיך אַליין אָדער אויף אַן אַנדערן, גלייך מען וואָלט מורא געהאָט, אַז מיט די דירעקטע אָפענע רייד קאָן מען נאָך פלוצים קאַליע מאַכן דעם

קאָמפּליצירטן סטראַטעגישן פּלאַן, לויט וועלכן בערגעלסאָן וויל איינגעמען אַלע אין איינעם. עס קומט ביי אים קודם אַ סדרה מיט זייטיקע זאַכן, וואָס האָבן די פונקציע „אַריינצוגאַרן”. אַזוי צו זאָגן, די ווירקלעכקייט, צו דערוועקן ביי איר דעם צוטרוי, אַז ער מיינט דאָ נישט קיין שום בייז, און אַז זי האָט זיך לחלוטין נישט וואָס אויסצוהיטן פאַר אים — אָבער פּלוצים האָט ער זיך ווי אַרום דערביוועט צו איר שוואַכער זייט און דערמיט איז שוין פאַרזיגלט איר גורל.

װעגן זלמן שניאור

נאָך אַ לאַנגער, פּרוכפּערדיקער װעלטװאַנדערונג, איז זלמן שניאור, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אַהײמגעקומען קײן ישראל. װאָס װעט ער זיך נאָך אַרומדרײען אין אַזאַ קעלט איבער פרעמדע שטעט און לענדער, צװישן פּאַלאַצישע חורבות, אין דעם עלנט פון װוילטאָג, אין װעלכן ײדישקײט גײט אונטער מיט אַזאַ גבירישן גלאַנץ! לאַנג האָט שניאור געװאָגלט איבער דער װעלט מיט זײן שװערן גײסטיקן פּאַרמעג, אויף העברעיש און ײדיש, אין פּאָעזיע און פּראָזע, מיט אַזאַ רײכער, פּאַרביקער גאַלעריע פון קינסטלערישע געשטאַלטן און לאַנדשאַפטן, אַלץ װאַרצלדיק, שװאַרצערדיק; שקלאָװ מיט די טאַטעס און די בנים, מיט די יונגען און מײדן און פעטערס, פולבלוטיקע דינאַסטיעס האָרעפּאַשניקעס, עם־הארצים, טרעגערס, גנבים, בעל־עגלות, עמך און פּני, דערצו דער קיסר און דער רבי, נח פּאַנדרע און דער ממזר און דער גאַנצער צאַפּלדיקער יאַריד פון ײדן ברײטבײנערדיקע, ברײט־נשמהדיקע, װאָס מאַכן אַזאַ פרײלעכן טומל אין שניאורס ברױזנדיק װערק. דאָס איז אַ חברה ײדן, נישט קײן אויסגעטראַכטע, נישט קײן אויסגעמיחושטע — לעבעדיקע פּאַרשוינען, כוח־גבראַניקעס, קריגן זיך, ליבן זיך, קאַטעװען זיך, עולם־הזהװען, אַלץ הײמישלעך, גוטברודעריש, אַז עס קומט צו אַ שטיק געזונט, צו זײן מיט זײ אין אײנעם, אין זײער קרעפטקער חברותא. זײ דערמאָנען אין די אויסגעחלומטע „גרױסע ברידער", די שלעגערס, מיט װעלכע מיר אַלע פלעגן זיך באַרימען אַמאָל אין חדר און אָפּסטראַשען די שקצים.

זײ אַלע האָט שניאור אָװעקגעשטעלט אין זײן װערק מיט מײס־

טערישער קראַפּט, געזען מיט דעם שאַרפן אויג פון קינסטלער, וואָס לאָזט זיך נישט נאַרן, מאָלט די וועלט, ווי זי דאַרף צו זיין, — און נישט געפּאַנפּעט, חברה! וואָס גייט אים אָן, וואָס די נאַטור האָט אַריינגעפּאַטשקעט זיסע חנדלעך, מאַכט דאָרט קרומע שטיק, נישט דערגייענדיק ביז צום סוף, נישט דערזעענדיק מיט דעם פולן ליכט! טרעפט, אַז ער צעבייזערט זיך אַ מאָל, מעשׂה בעל־מלאכהשער מייסטער, אויף די נודניקעס דאָרט, כאַפּט ביי זיי אַרויס אין סאַמע מיטן דאָס פאַרטאַטשטע שטיקל אַרבעט, קנעט איבער נאָך אַ מאָל און אָבער אַ מאָל דעם גאַנצן לעבנס־פּלאַנטער — און זאָל מען דעם קינסטלער קיין דעות נישט זאָגן! און זאָל מען זיך נישט מישן, אַז מען יכולט נישט! ער האָט מוט און כוח צו קינסטלערישער שיינקייט אין גוטן אַלט־פרענקישן זין פון וואָרט. ער האָט מוט צום געזונטן שפּרודלדיקן פּאָלקס־הומאָר און ער קאָן באַשטיין, יידן זאָלן הנאה האָבן און לאַכן מיטן גאַנצן האַרצן: וואָס ט'איר מורא? פאַראַנען ליטעראַטן, וואָס לייגן אַריין אין שרייבן זייער גאַנצן טאַלאַנט, כדי עס זאָל אַרויסקומען מאָדערניסטיש און כדי מען זאָל זיי נישט האַלטן, חלילה, פאַר אָפּגעשטאַנענע. שרייבן זיי אַ מין ליטעראַטור אויף גרימעניש, עפּעס ווי עמעצן אויף צו להכעיס, אויף זייערע שורות שלעפּט מען זיך שווער ווי אויף גרודעס. פאַראַנען ליטעראַטן, וואָס סטראַיען זיך אויס מיט אָנגעבלאָזענער מרה שחורה, מ'זאָל זיי האַלטן פאַר טיפזיניק: „איך האָב ברוך השם קיין הומאָר נישט" — שרייט עס אַרויס פון זיי אין יעדן וואָרט — און מיט וויפל שאַרפזיניקייט זיי האָבן קיין הומאָר נישט! וואָרום דער סנאָב האָט נישט קיין הנאה, אַז ער האָט הנאה — און אויב אַ זאַך איז שיין, איז זי שוין פאַרדעכטיק. וואָרום ער האָט ליב, אַז מען לאָזט אים אונטערדיכטן, דעם ליטעראַטור־קלויזניק און מוח־קוועטשער: וואָס הייסט, ער וועט נעמען גלאַט הנאה האָבן פון דעם, וואָס יענער שרייבט? וואָס וועט זיין מיט זיין אייגענעם גמרא־מלמדישן פאַזיע־פּלפּול?

שניאור האָט זיך מתיר געווען קינסטלערישע קלאָרקייט, הומאָר, און ער פאַלט ביי זיך נישט אַראָפּ, וואָס ער איז אַ שריפטשטעלער מיט לעזער — אַלץ אין פּשוטן זין, אַזוי ווי מען פלעגט אַמאָליקע יאָרן לייענען גוטע ביכער — וואָס איז די בושה צו האָבן דערפאָלג? אפשר דערפילט היינט שניאור אין

זיין העברעיש און יידיש די אייגענע שליחות, וואָס שלום־עליכם אין זיין צייט. מען לייענט אים. מען לייענט און מען האָט הנאה: עס לייענט דער לייענער ממש, וואָס קאָן האַלטן אַ ספר אין האַנט, און עס לייענען סתם יידן, וואָס „זאָגן" ליטעראַטור, אַזוי ווי די טאַטעס פלעגן אַמאָל זאָגן מחזור יום־טוב אין קלויז: יאָ פאַרשטאַנען, נישט פאַרשטאַנען, הנאה געהאַט אין הורט און מסתמא אויך על פי טעות אַ קרעכץ געטאָן — הנאה געהאַט פון דעם קרעכץ, ס'איז יום־טובדיק.

איז איצט שניאור געקומען קיין ישראל, איינזאַמלען זיין ברייט־צעוואָק־סענעם קינסטלערישן באַגאַזש, קרוינען דאָס ווערק, פאַרענדיקן און אפשר אָנהייבן פון ס'ניי, וואָרום שניאור געהער צו יענע לעבנס־מיוחסים, וואָס האָבן אַ מין דזשענטעלמען־אָפּמאַך מיט דער נאַטור: זיי טשעפּעט מען נישט. אפשר איז דער נאַטור אַליין אַן עבירה, אָנצורירן איינעם פון יענע געקליי־בענע — זי איז דאָך יאָ אַ מבין. פאַראַנען, דאַכט זיך, ביי שניאורן איינער אַ פעטער, אַ ייד אַ גביר, וואָס אויף די עלטערע יאָרן דערמאָנט ער זיך, אַז מען דאַרף אָפּגטן דאָס אַלטע ווייב, נעמען אַ בתולה און אָנהייבן מאַכן פרישע בריתן. האָט מען טענות אין שטעטל און מען שאָקלט מיט די קעפּ — נאָך אַלעמען אָבער הערט מען אויף האָבן טענות און זיך חידושן: ער מעג. וואָרום דאָס איז אַ פעטער פון די פעטערס, האַלט ער אין גאַנצן נישט פון די חנדלעך פון זיקנה און איז נישט גורס די נאַרישע צעטיילונג פון דער נאַטור אויף יונגע חתנים, קנאַקערס, וואָס נעמען צו די שענסטע כלות, און ווידער אַלטוואַרג, וואָס דאַרפן נישט מער ווי הוסטן און דעכען און דאָרט מאַכן אַ מאָל אַ ברכה אויף עפּעס.

שניאור איז געקומען קיין ישראל און ער פאַרקאַטשעט, זאָגט מען, די אַרבל צו אַ נייעם קינסטלערישן פאַרמעסט. אַרום זיין שרייבטיש פּילט זיך אַ נייער געדראַנג פון געשטאַלטן, וואָס דאַרפן ביי אים געבוירן ווערן דווקא דאָ, אין ישראל. דאָס דאַרף ווערן דער גרויסער „נאָך אַלעמען", וואָס פליסט אַריין אין באַנייטן אָנהייב. וויל איך דאָ נישט מאַכן קיין סך־הכל פון שניאורס קינסטלערישן שאַפן און אַוודאי נישט מאַכן ביי אים קיין ליטעראַרישע באַ־

שטעלונג — ער פֿאָלגט דען? קאָן זיין, אַז אויף שניאורס קינסטלערישער־האַנט וואַרט אין ישראל די ברויזנדיקע עפּאָפּעע פֿון קיבוץ גלויות, פון דעם דראַמאַטישן תנך פון אונדזערע שווערע טעג, וואָס גאַרט נאָך קינסטלערי־שער געשטאַלטונג. דאָס וועט זיין שקלאָוו אין יידישן וועלט־מאַסשטאַב, אין ליכט פון יידישן וועלט־גורל, וואָס וועט אויפהייבן אונדזער ליטעראַטור צו דער הייך פון איר אמתער נאַציאָנאַלער שליחות — הלוואַי!

באַגעגעניש מיט טאָמאַס מאַן

מיט אַ פערציק יאָר צוריק האָב איך מיך באַגעגנט מיט טאָמאַס מאַן אין דעם ווינער האָטעל, ווו ער איז איינגעשטאַנען. ער איז געווען איינגעוויקלט אין אַ געבלימלטן זיידענעם כאַלאַט, מיט אַ שווערן טראָלדיקן גאַרטל, און האָט דורכגעמאָסטן גיך, אַהין און צוריק, דעם גרויסן עלעגאַנטן סאַלאָן — שמאָל, שאַרף און מיט אַ טונקעלן פייער־גלאַנץ אין זיין צוגעשפיצטן אַנימאַלישן קאָפּ, אַזוי ווי אַ לעמפּערט, וואָס שפרייזט אַרום אין אַ קאָמפאָרטאַבלער, קעניגלעכער שטייג.

אין אַ ווינקל, ביים שרייבטיש, איז געזעסן זיין יידישער סעקרעטאַר, אַ ליטעראַטור־דאָקטאָרל פון פּראָג, וואָס האָט מיט פּאַטעטישער חשיבות איבערגעקוקט האָטעל־חשבונות און געשריבן אַדרעסן און האָט אַלע מאָל אויף ס'ניי אויסגעציקלט צו טאָמאַס מאַן מיט אַזאַ געשמאַקן, הכנעהדיקן טראָפּ עטלעכע זיסלעכע מליצות, וואָס האָבן זיך אַלע — פון זיין אייגענעם כבוד וועגן — אָנגעהויבן מיט דעם טיטל „מייסטער", אַזוי ווי אַ יונגערמאַנטשיק שווינדלט אַריין פאַלשע פּזרס ביים מעביר זיין די סדרה, כדי עס זאָל זיין „שענער".

ס'איז געווען פאַרן מבול. טאָמאַס מאַן איז דעמאָלט געקומען קיין ווין אויף אַ קורצער צייט, כדי „אָפּצורעפּרעזענטירן" גיך די דייטשע ליטעראַטור און זיך ווידער אומקערן צוריק צו זיין מינכענער שרייבטיש — אַזוי ווי אַ גרויסער גמרא־מלמד וואָס כאַפּט זיך אַ מאָל אַריבער, פון יוצא וועגן, צו

אַ באַלעבאַטישער שמחה ערגעץ, זאָגט אָפּ זיין שטאַרק־אָנגעלייגטן מזל־טוב און קערט זיך שוין אום צוריק צו די גמרות, נאָך איידער די תלמידים האָבן זיך דאָרט אויף אים געריכט. ער האָט נישט קיין צייט צו „פּראַווען", כאָטש די דייטשע גייסטיקייט האָט זיך אין די לעצטע יאָרן אָנגעזעצט אויף אים, אַז דווקא ער זאָל זי פירן. מוז ער דאָס טאַקע פון צייט־צו־צייט טאָן, אין באַוווסטזיין פון זיין אחריות, ווי דער עלטסטער ברודער פון דער דייטשער ליטעראַרישער משפּחה. ער מוז זיך בעל כרחו „משמח זיין" מיט די ליטע־ראַרישע בעלי־בתים, וואָס „פייערן" אַלץ אָפטער, וואָס ווייניקער זיי שאַפן. ער עפנט קונסט־אויסשטעלונגען, שרייבט לייטזעליקע הקדמות פאַר יונגע, נאָך נישט באַקאַנטע שרייבערס, זאָגט אַרויס אַ מיינונג וועגן די „פּאָדערונגען פונעם טאָג", וואָס קלאַפּן אָן אין טיר — און „כדי שלא לבייש", פון דייטשלאַנדס כבוד וועגן, האָט ער אָנגענומען דעם נאָבעל־פּרייז פאַר ליטע־ראַטור, „פליכט־באַוווסט" און מיט ערנסטע געמאָסטענע רייד, מיט אַ זייער קנאַפּן זשעסט, וואָס באַפּרידיקט גאָר ווייניק די אינטערנאַציאָנאַלע ליטעראַ־טור־פּאַטריאָטן — און דאָס אַלץ, כדי ער זאָל זיך נישט מבטל זיין צו לאַנג פון דער גרויסער לעבנסאַרבעט, וואָס וואַרט אויף אים, צווישן אַלע נאָך נישט געשאַפענע קינסטלערישע וועלטן.

מיר שמועסן — אָבער טאָמאַס מאַן בעט זיך ביי מיר „נאָר נישט קיין אינטערוויו", למה"ש, ניין. „אַ שריפטשטעלער — זאָגט טאָמאַס מאַן — איז אַ מענטש, וואָס דאָס שרייבן קומט אים אָן שווערער ווי יעדן איינעם". זיין גייסט רוט זיך קיין מאָל נישט אויס אין דעם דיכטערישן וואָרט, וואָס פאַר־פליכטעט אים, אויפצודעקן אַלע מאָל נייע געדאַנקלעכע און בילדערישע באַציונגען, אונטער זיין אויבנאויפיקן טייטש. טאָמאַס מאַן לעבט איבער מיט יעדן איינציקן וואָרט אַלערליי ראַפינירטע ראָמאַנטישע אַוואַנטורעס, וואָס פאַרפירן אים אויף פאַרבאָרגענע גייסטיקע וועגן, זיי איבערראַשן אים אַלע מאָל מיט נייע, נישט לעגיטימע גענוס־מעגלעכקייטן, וואָס ליגן באַהאַלטן, ווי זיסע עראָטישע ניואַנסן אין זיינע ווייכע קנייטשן און פאַלבאַנעס, פאַר וועלכע דער ליטעראַרישער באַלעבעסל האָט קיין חוש נישט. יענער פאַר־

קערט מיט דעם וואָרט נאָר אין זיין לעגיטימער פאָרעם, ער מעג הנאה האָבן — נאָר לויט פאָרשריפט.

אָט די גייסטיקע לוסט־ענערגיע, וואָס ווירקט זיך אויס אין דער שאַפער־רישער „אויסגעלאַסנקייט״ פון זיין שפראַך־עראָטיק, פילט אָן דאָס וואָרט ביי טאָמאַס מאַן און גיט אים אַזאַ קרעפטיקע עלאַסטישקייט און פאַרביקייט, אַזאַ רייכקייט מיט ניואַנסן, אַזאַ שטאַרקן עקספּאַנסיוו־כוח איבער די גרענעצן פון זיין קאָנווענציאָנעלן באַטייט, אַז מיר מוזן פשוט לענגער פאַרווײלן דערביי, כדי אויסצושעפּן אין גאַנצן זיין רייכן געגוס־פאָנד. זיין וואָרט גערדיערט און ווירקט לענגער, ווייל עס גייט ביי אים דורך צוויי אינסטאַנצן, איידער עס באַקומט זיין גילטיקע געשטאַלט: די שאַפערישע אינטויציע און דעם שאַרף־קאָנטראָלירנדיקן אינטעלעקט.

טאָמאַס מאַן געהער צו יענע קינסטלער, וואָס פאַרלאָזן זיך נישט אויף דעם רוח־הקודש אַליין, וואָס זייער אָרגאַנישער סקעפּטיציזם האָט נישט קיין איבעריקן דרך־ארץ אַפילו פאַר דער אייגענער פּאָעטישער שכינה, וואָס האָט אָפּט אַ טבע צו פאַרפירן די דיכטערס אין די דערהאַבנסטע הימלישע בלאָטעס, אין יענער זיסער, צעפאַרעטער מלאַיעווקע, אין וועלכער עס ווערט צעקראָכן די קינסטלערישע געשטאַלט.

און טאָמאַס מאַן האָט באַנייט דעם צוטרוי צום קינסטלערישן וואָרט, וואָס די וועלט האָט שוין געהאַלטן פאַר אָפּגענוצט און קראַפטלאָז. ער האָט ווידער געגעבן דעם וואָרט זיין שאַרפע כאַראַקטעריזיר־קראַפט, וואָס מאַכט בכלל די שפראַך פאַר אַן אינסטרומענט פון דער בעלעטריסטישער קונסט. אַ דאַנק זיין וונדערלעכער וואָרט־מייסטערשאַפט, זיין אַקוסטישער אָבסערוואַציע, וואָס איז אפשר נאָך שאַרפער און אומברחמנותדיקער ווי זיין אויג, און וואָס הענגט טיף אינערלעך צוזאַמען מיט זיין מוזיקאַלישקייט, זענען אויסגעוואַקסן זיינע פּלאַסטישע געשטאַלטן, וואָס כאַראַקטעריזירן זיך אַלע דורך זייערע אייגענע און אייגנווויליקע שפּראַכלעכע פאָרמען, קונצן און קאַפּריזן, דורך זייערע שאַרף־דיפערענצירטע אויסדרוקס־אַקצענטן, וואָס פּאָטענצירן ערשט יענע פּלאַסטישקייט, וועלכע טאָמאַס מאַן דערגרייכט מיט דער הילף פון דער באַצווינגענדיקער קראַפט פון זיין אויג.

אָט די שאַרפע כאַראַקטעריזיר־קראַפט פונעם וואָרט, מיט וועלכער טאַ־מאָס מאַן פאַרפאָלגט אַזוי ברוטאַל זיינע באַשעפענישן ביז אין די טיפסטע באַהעלטענישן פון זייערע נשמות, האָט אים געמאַכט ווייניק באַליבט ביי דער מאָדערנער יושר־ליטעראַטור, וואָס באַהאַנדלט אירע העלדן מער מיט רחמים ווי מיט טאַלאַנט, און לאָזט זיי, אַזוי צו זאָגן, לויפן — אַז קומען זאָלן זיי שוין גיכער אויף אַנדערע הענט, מחמת די אייגענע טויגן סיי ווי צו גאָרנישט. מען האַלט דאָס פאַר נישט איבעריק „עטיש", וואָס ער „באַשרייבט" בכלל און „קרימט זיך נאָך" מיט אַזאַ בייזער בעלעטריסטישער לוסט, וואָס ער איז נישט „מטיב" אַ ביסל מיט דעם בידנעם לעבן. זיין קינסטלערישע וועלט איז אויפ־געבויט פון צוויי בעלעטריסטישע עלעמענטן: קאָמיק און עלנטקייט. די דאָזיקע צוויי עלעמענטן האַלטן זיך ביי אים פעסט צונויפגעבונדן איינער מיטן אַנדערן און פאַרהיטן דעם דיכטער פון די געפאַרן פון דער קאַריקאַטור און דעם סענטימענטאַלן פאַטאָס. זייער רעזולטירנדיקע ליניע איז די איראָ־ניע — יענער גייסטיקער רעגולאַטיוו, וואָס מיט זיין הילף דרייט מען זיך אַרויס פון דער עטישער אַנטשיידונג צווישן גוט און שלעכט. זיין מאָראַל איז, ווי טאָמאַס מאַן זאָגט אַליין, נישט קיין „אַקטיוויסטישע", נאָר אַ „פּלאַסטישע".

די דאָזיקע „פּלאַסטישע מאָראַל" גיט דעם קינסטלער אַ היתר אויף יענעם „קאַלטן" עסטעטישן צוגאַנג צו דער מיזערנעקייט פונעם לעבן, וואָס די אָפיציעלע ליטעראַרישע צער־בעלי־חיימניקעס וואַרפן אים פאָר. מען וואַרפט אים אויך פאָר, אַז זיינע געשטאַלטן זענען שליסל־פיגורן, מאָדעלן פון דער געזעלשאַפט, וועלכע טאָמאַס מאַן האָט אַריבערגעחוזקט פונעם לעבן אין דער ליטעראַטור אַריין. אָבער אויך אָט די אַלע טענות, האָט טאָמאַס מאַן באַרויקט זיינע „מאָדעלן" מיט דעם אַלטן קינסטלערישן אמת, אַז עס רעדט זיך אין זיין ווערק קיין מאָל נישט וועגן זיי, נאָר אַלע מאָל וועגן אים, דעם דיכטער, און נאָר וועגן אים אַליין. אין דער איראָניזירונג פון דעם ליטעראַט און פון זיין „ליידנשאַפט אַלץ אַרויסצוזאָגן", ליגט אַ היפּשער חלק זעלבסט־איראָניע פאַר זיין אייגענער אַרויסזאָגערישער ליידנשאַפט, וועלכע טאָמאַס מאַן האָט נאָר, צוליב „טאַקטישע" טעמים, אַריבערגעטראָגן אויף יענעם, כדי ער זאָל זי פון דאָרט זען בעסער, שאַרפער, מיט ווייניקער רחמנות.

וואָרום אָט די „לײדנשאַפט אַרויסצוזאָגן אַלץ", מיט וועלכער די דיכ־טערס נעמען זיך איבער און קומען בײַ זיך אויס אַזוי חשוב, איז פֿאַר טאָמאַס מאַן נאָך שטאַרק פּראָבלעמאַטיש אין איר לעבנסווערט. פֿאַר אים איז דער דאָזיקער ענין לחלוטין נאָך נישט קלאָר. זײַן אייגענע קינסטלערשאַפט בײַ־טיקט זיך בײַ אים אַליין אַלע מאָל אין אַ נײַער פֿאַרענטפֿערונג, אין אַן אייביקן חשבון־הנפש און ווידוי, איידער ער באַקומט אַרויס דאָס שטיקל זיכערקייט, אַז דער גײַסט פֿאַרזינדיקט זיך נישט קעגן דער נאַטור. אַז מיט דעם חלק לײדנשאַפֿט, וואָס ער גיט אַוועק אויף „אַרויסצוזאָגן", פֿעלשט ער נישט זײַן אייגענע וויטאַליטעט, פֿאַרמינערט ער נישט די קראַפֿט, וואָס ער איז שולדיק דעם לעבן גופא. די דאָזיקע פּראָבלעמאַטיק שטייט אין מיטל־פּונקט פֿון טאָמאַס מאַנס ווערק, וואָס איז אין תוך אַ לאַנגער ווידוי אויף זײַן קאָמפּליצירטער גײַסטיקער באַזונדערקייט.

טאָמאַס מאַן וויל נישט באַלערנען די וועלט מיט מוסר און דידאַקטישע תּורות. זײַן שאַפֿערישער ווילן איז קאָנצענטרירט אויף זײַן אייגן לעבן, וואָס איז אַזוי שטאַרק רעפּרעזענטאַטיוו, אַז ער קאָן דערמיט „מוציא" זײַן די גאַנצע צײַט. „ווער איז אַ דיכטער? — פֿרעגט טאָמאַס מאַן — דער, וואָס זײַן לעבן איז סימבאָליש פֿאַר אַלע. איך גלייב, אַז ווען איך דערצייל וועגן מיר אַליין, רעדט פֿון מיר אַרויס די צײַט, די מענטשהייט". אָט די רע־פּרעזענטאַטיווע חשיבות פֿון זײַן אייגן לעבן, די „ערפֿאַרכט פֿאַר זיך אַליין", ווי געטהע זאָגט, איז דער אייגנטלעכער אָנהייב פֿון טאָמאַס מאַנס וווּנדערלעכן אויטאָביאָגראַפֿישן ווערק. ער ווייס וויל, אַז מיט זײַן אייגן לעבן האָט ער דער וועלט וואָס צו זאָגן, און אַז עס איז פּשוט אַן עבירה עס זאָל פֿאַר אים פֿאַרלוירן ווערן כאָטש דער שוואַכסטער רעפֿלעקס פֿון זײַן גײַסט. ער האַלט, טאָמאַס מאַן, אַז די בעלעטריסטישע שיינקייט ליגט נישט אין די קורצע אייגנאַרטיקע שורהלעך, אין די נישט־דערוואַקסענע קאָרלי־קעוואַטע „פֿראַגמענטן", נאָר דווקא אין דער הרחבהדיקער פּלאַסטישער אויס־פֿירלעכקייט פֿון דער עפּיק, וואָס איז פֿאַר אים אַלע מאָל טיף פֿאַרקניפּט מיט דער פֿאָרשטעלונג פֿון „ים און מוזיק".

אַזוי וואַקסט אַרויס פֿון דער ליבשאַפֿט צו זײַן אייגענעם לעבן די פֿאַר־

שטעלונג וועגן זיין פּעדאַגאָגישער אַחריות פאַר דער צייט. זיין ווערק איז די אומענדלעכע באַמיונג צו ברענגען זיין גייסטיקע פּערזענלעכקייט אין אַן אינעווייניקסטן הסכם מיט דער וועלט. מיר דאַכט זיך, אַז דער גייסטיקער שליסל צו דער דאָזיקער ווונדערלעכער וועלט איז זיין קליינע יוגנט־דערציילונג „טאָניאָ קרעגער", ווו דער דיכטער האָט זיך אַליין צום ערשטן מאָל קאָנצעפּירט, אַזוי צו זאָגן, בזעיר־אַנפּין, ווו ער האָט אין מיניאַטור אויסגעשעפּט מיט זיינע שאַרף־געשליפענע קינסטלערישע כלים די טיפע פּראָבלעמאַטיק, וואָס אַנטפּלעקט זיך דערנאָך אויף אַ ברייטערן שטח אין אַלע זיינע שפּעטערדיקע ראָמאַנען און דערציילונגען. אין אָט דער דערמאָנטער יוגנט־דערציילונג האָט טאָמאַס מאַן שוין אַוועקגעשטעלט גאַנץ שאַרף דעם ווידעראַנאַנד צווישן דעם דעקאַדענטן קינסטלער און דעם איינגעפונדעוועטן ווירקלעכקייט־נאָענטן בירגער, צווישן דעם גבורהדיקן לעבן און זיין אייגענער ראָמאַנטישער „סימפּאַטיע מיט דעם טויט". דאָס איז איינער פון די צענטראַלסטע מאָטיוון אין טאָמאַס מאַנס שאַפן.

דעם גייסט פאָרמולירט טאָמאַס מאַן ווי די ירידה פון דער נאַטור, איר דעקאַדאַנס פון דעם געזונטן צום קראַנקן. פון דער מעכטיקער פּאַטריציער־וועלט, וואָס לעבט הונדערטער יאָרן מיט דער אָנגעזאַמלטער קראַפט און טראַדיציע פון שאַפערישע דורות, הייבט זיך פּלוצים אָן אָפּברעקלען אַ שטיק אינדיווידועלער גייסט, טאָמאַס בודענבראָק — און מיט אים הייבט זיך אָן די דעקאַדאַנס פון דער אַלטער פירמע, וואָס קוקט ביסלעכוויז אַראָפּ — אויף דעם גייסט. זי גיט נישט מער אַרויס פון זיך קיין מעכטיקע קאָנסולן און מאַגנאַטן, נאָר בלייכע ליטעראַטן און ווונדערקינדער, שלאַפע פאַרשווינען, וואָס האָבן נישט מער קיין כוח צום לעבן אַליין, צו דער נאַטור, און מוזן דערפאַר יוצא זיין מיט די „קאַלטע עקסטאַזן" פון זייער פאַרדאָרבענעם אַרטיסטישן נערוון־סיסטעם, מיט דעם גייסט. נאַטור און גייסט זענען ביי טאָמאַס מאַן סינאָנים מיט געזונט און קראַנק — און ער לייקנט נישט, אַז זיין אייגענע באַשעפערישע סימפּאַטיע איז שטענדיק מיט דער גרעסטער וואַרעמקייט ערגעץ ביי דער פּאַטאָלאָגישער זייט פון עם לעבן, ביים גייסט און ביי דער קראַנקייט. די געזונטע פאַרשווינען האָט טאָמאַס מאַן שטענדיק באַטראַכט אין

זיין ווערק, ווי סטאַטיסטן, וואָס דאַרפן פאַרזאָרגן מיט הינטערגרונט די העלדן — די וואָס גייען שטאַרבן.

און פונקט אַזוי ווי דער האָפּראַט בערענס, דער סאַרקאַסטישער „מעדי־ציניקער״ פון דער סאַנאַטאָריע, וואָס קאָן נישט ליידן, אַז זיינע פּאַציענטן מאַכן אין מיטן דערינען נאַרישע חנדלעך, פונקט ערב גסיסה, פּיעשטשען זיך און ווילן פּלוצים גאָרנישט שטאַרבן, גלייך דער גאַנצער ענין וואָלט דאָ גע־ווען אַ שפּאַס — פונקט אַזוי נעמען זיי אויך שטאַרק אויס ביי טאָמאַס מאַן אַליין, ווען זיי טוען אים נישט אָן קיין בושות פאַר די אויגן פון דעם מלאך־המוות, נאָר שטאַרבן שיין, בכבוד. מאַכן אים נישט אַ תל פון דעם פייערלעכן צערעמאָניאַל פונעם טויט, אויף וועלכן דער פּראָסטאַק וויל גאָר אָפּט קיין מבין נישט זיין. ער האָט נישט קיין הנאה, דער „ליבהאָבער פונעם טויט״, ווען מען שטאַרבט דאָרט ביי אים אָפּ ווי באַלעגאָלישע כאַמעס, וואָס האָבן נישט קיין חוש פאַר ערפאָרכט, פאַר דעם שיינעם פּאַטאָס פון שווייגן, פאַר דער ווערדיקער „האַלטונג״ אין אָנבליק פון טויט.

ב

חבלי־פריידן * די ערשטע פרעזידענטן * אין אָנהייב *
זיידעס און אייניקלעך * פורעניות און עקדה *
דור פון דורות * אויך דאָס איז ירושלים *
אַלטע ערד * אָוונט אין צפת *
נסים מיט חשמל * אויף דער שוועל *
טוביה אין ישראל * „עמך״

חבלי־פריידן

צוואַנציק גרינע יאָרן פון ישראלס מיניאַטור־יובל — 1968-1948 — אַ יובל „אויף דער לער". אַוודאי פאַרמאָגן די דאָזיקע קוים אויפגע־שפּראָצטע, אָנפּאַנגערישע יאָרן אַ קנאַפּע צייט־חשיבות לגבי דעם איבער־געלאָדענעם חשבון פון אַן אַלט פאָלק, וואָס איז געוווינט צו מעסטן זיין צייט פון פורעניותן און חלומות, שיפלות און דערהייבונג, מיט מאָנומענ־טאַלע יאָרטויזנטער. ווער האָט טאַקע כוח צו אַזוי פיל צודרינגלעכער וועלט־געשיכטע? אַמאָל, ביי אַ טומל אין גאַס, האָט דער טאַטע אַ זאָג געטאָן מיט אַ האַלבן בייזער: „דו מיש זיך נישט... דו, גיי אַריין...". היינט זענען מיר אַלע אין דרויסן, אין סאַמע מיטן געווירבל, און די היסטאָריע הוליעט... שטייען מיט אונדז די יאָרטויזנטער אין דער איינזאַמקייט פון אַלע דורות און זייער פולע שווערקייט טונקלט וואַרעם אַריין אויך אין די צוואַנציק יונגע יאָרן פון דער מדינה — כאָטש זייער האָפערדיקייט האַלט, אַז זי שטעלט שפּאָגל־נייע טריט. דאָס איז דער סוד פון אונדזער פאָלקס יאָרטויזנטער: זיי האָבן זיך אַריינגעפּרעסט מיט תוך און תמצית אין דעם האַרטן קנופּ פון אונדזער גייסטיקן יחוד. ס'אַ שטרענגער צימצום: באַשערט אַ פאָלק מיט אַזאַ האַרבער גאָט־נאָענטקייט. זי האָט מיט דעם פאַרדבקהטן ניגון פון אמונה און מיט די קאַליריקע תאווה־אַוואַנטורעס פון צווייפל און לעסטער געווירקט פאַרמאַטיוו אויף אונדזער כאַראַקטער און געשאַרפט אונדזער סטיל מיט דעם ריטעם פון געראַנגל.

זינט ער האָט זיך צו אונדז אַנטפּלעקט אין פערלמוטערנעם שימער

פון אונדזער לעבנס קאַיאָר, האַלטן מיר אין איין זוכן גאָט — און עס איז כביכולס שרעקשפיל מיט אונדזער גורלדיקער אַליינקייט, וואָס אַנטפּלעקטערהייט פאַרהילט ער פון אונדז זיין פנים, אַזש עס וואַקסט די פרייד פון התגלות. קונדייסעוועט אַ טאַטע ביים קינדס קראַנקנבעט, אַז דאָס נפשל אין צעשוווּמענעם נעפל פון פיבער זאָל כאַטש בלייך אַ שמייכל טאָן פון דעם אומעטיקן קאַטאָוועס.

שטייט ביים פלויט אַ פאַרגאַפּטע וועלט, קוקט זשעדנע און קייכט פון מיטגעפיל, פון פאַרביסענער לייטזעליקייט, איבער דער מיסטעריע פון אונדזער געהויבענער אויסטערלישקייט. צי קער דאָס נישט צום חשבון פון נצח־ישראל? וואָס עס האָט זיך אַלץ אָפּגעטאָן מיט אונדז, קעגן אונדז, אין געווירבל פון צייטן און לענדער, אונטער די רעזשימען פון וואַקכאַנאַלישן באַרבאַריזם, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די וועלט־האַרמאָניע פון פריילעכער רישעות און טיפּשות אין דעם רויען, נאָך אַלץ נישט פאַרטיקן באַשאַף — היינט פראַוועז מיר דעם יובל פון ישראל מיט די חבלי־פריידן פון ווונדיקן ווּוקס. ווידער שטייען מיר אין שכנות פון באַרג סיני: טרעפפּונקט פון מיטאָס און העליקאָפּטער. די תפילות קענען שוין פון לאַנג דעם וועג צום הימל — שווערער איז פאַר די העליקאָפּטערס, זיי זענען ניי אין דעם ראַיאָן — טאַפּן זיי אַ וואַנט אין דער הייך, אפשר ווילן זיי זיך צוחנפענען צו דער פמליא של מעלה. דאָ, אין שכנות, האָבן מיר אַמאָל אָנגעהויבן אונדזער גייסטיקע וועלט־קאַריערע, אונדזער יידישע לעבנסנויט — צי צווייפלט עמעצער, אַז די צוויי זענען געקניפּט און געבונדן און אַז פאַר דעם ווילן צו מאָראַלישער גרויסקייט באַצאָלט אַ פאָלק מיט יסורים?

האָבן מיר זיך אומגעקערט פאָרויס, אין ראַיאָן פון התגלות. מיר האָבן אים געקענט, דעם סיני, איידער צה״ל האָט דאָרט אָפּגעהאַלטן זיין נצחון. מיר האָבן לאַנג געטראָגן דעם באַרג סיני אויף אונדזער לעבן, געבראָכן זיך אונטער דער שווערער משׂא, דער קרוין, יעדער לויט דער שלמות פון זיין צעבראָכנקייט. איצט זענען מיר ווידער דאָ, צוריקגעקומענע פאַרלוירענע, אייניקלעך פון דער מענטשהייטס נישׂרפים, אָנגעזאָפּטע מיט דעם

געמישטן בראַנד־ריח פון סנה און טרעבלינקע — און מיר פאַרמעסטן זיך ווידער, זיך שווער מאַכן דאָס לעבן, ווי דעמאָלט אונטערן באַרג, ווען מיר האָבן אַרויסגעפאָדערט דעם פרא־אָדם אין זיך אַליין און אין דער וועלט. די וועלט קאָן אונדז עד־היום נישט מוחל זיין, וואָס דער גייסט פון באַרג סיני האָט צוגענומען ביים מענטש די פּריווילעגיע, צו לעבן ווי אַ בהמה. וואָס זשע טויג מיר עניוות: אפשר איז אונדז באַשערט, צו באַנייען די גרויסקייט פון אונדזער פאָלק אין דעם קליינעם לאַנד, דעם שווערן.

האָט זיך אין די צוואַנציק יונגע יאָרן פון דער מדינה, אָפּגעציטערטע יאָרן, אַוודאי העזהדיקע, מיט דעם שווערן באַרג־אַרויף, צעוויכערט אונ־דזער פאָלקס היסטאָרישע ערד־ציטערניש. ציטערט די ערד, וואָס וועקט זיך קוים. הויך, איבער איר, מאַניעט אַ בלייכער חומשדיקער שטערן פון הבטחה, און אונטן, אין פינצטערע נעכט, בליצן באַנדיטישע מעסערס. דורך דער געדיכטער ליידיקייט, איבערבאַפּעלקערט מיט אין־סוף, וואָס איז פול מיט זיך אַליין, אָנגעהויערט מיט שאָטנס פון גרויסע נעכטנס, וואָס טרעטן נישט אָפּ — שלעפּן זיך צערודערטע שבטים אין זאַמדן און זומפּן, דורך גבואהשע פסוקים, וואָס דערנערן אין האָריזאָנט. די שבטים זענען שוין אַלע געווען דאָ אַמאָל, אין וויטן פאַרצייטנס. איצט זענען זיי ווידער געקומען, אָנגעיאָגטע פון אַלע ווינטן און ווייען — יידן אָנגעשטאָפּטע מיט אַ שלל פאַנטאַסטישער אָרעמקייט, וואָס זיי האָבן אויפגעזאַמלט אין די הרי־חושך, מיט אומרו, קינדערלעך, פּעק מיט טעאַטראַלישע לאַכעס, צע־פּלאָנטערטע לשונות, צעפלאָטערטע הערצער. די מענטשן ווערן באַלד אַוועקגעשטעלט פנים־אל־פנים מיט אונדזער נאַטור, וואָס האָט זיך גע־רוגזהוועט אין איר פאַרלאָזנקייט, אַ שטיק גורל פאַר זיך: מיט געלער טריקעניש, וואָס איר נאַקעטקייט קרייזלט אַ מאָל אין אַן אָוונט אַ פאַר־בלאָנדזשעט ווינטל, נישט פון הי — מיט גרויע שטייניקע בערג, וואָס ס׳גלוסט זיך זיי מאַכן חנדלעך פון וויאָלעטענעם זשאַווער, בעת ער שימערט זילבערדיק, מיט אַ רויטן אָפּגלאַנץ פון קופּער: דער אמתער פּלאַץ אויף צו „שימערירן״.

איך זע די סענקעוואַטע, ביינערדיקע יידן מיט שוואַרץ־שפּענערדיקע

פּנימער, האָרעווען אין די פּאַטאַשװערק פון סדום און אין שלמה המלכס קופּער־מינעס פון תימנע. האַקן שטיינער אין ירושלים, גראָבן גריבער אין די אַנטוויקלונגס־ראַיאָנען: באר־שבע, כרמיאל, דימונה, קרית־שמונה, בראָטן זיך אויף די רושטאָוואַניעס פון גאַנצן לאַנד, וואָס מיינען דאָס ביטער ערנסט מיט דעם חומשדיקן בזיעת אַפּיך תאכל לחם... דאָס איז „ישראל נומער צוויי״: אָנהייב פון קולטור — ווען האָבן יידן, איידער ס'איז געבוירן געוואָרן די מדינה, בכלל זוכה געווען אָנצוהייבן? אַז אַלץ האָט מען סיי ווי „געהאַט״ און ס'איז אַלע מאָל געווען דער גוי, וואָס האָט דאָס געמאַכט...

נישט לאַנג צוריק, אויף אַ טיול, האָב איך דאָ ערגעץ באַגעגנט אין דעם גאָרנישט פון אָרום אַ מין בוים: אַזוי הויל און טרוקן, ווי זיין אייגנס אַ שאָטן, ווען ער וואָלט אים געהאַט. דער „בוים״ איז פון בראשיתדיקן שטויב, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן צווישן דעם באַשאַפס רושטאָוואַניעס — אפשר רופט מען דאָס: קאָסמישע אַש און אפשר פשוט, עפר־ואפר. ס'איז אַ באַליידיקטער בוים, דאַר, געקאָרטשעט, אַראָפּ מיט דער קרויך, נאָך טיפער — ביז עס גיט מיט אים אַ דריי, אַהין, אַהער, און צום סוף ערשט: קאַפּויער. דאָס איז דעם מידברס אַ בוים: געשעפּט פון דער ליידיקייט. מסתם איז דער מידבר אין סאַמע אָנהייב געווען די פּאַסיקסטע אָרענע פּאַר אונדזער פאָלקס גאָט־געראַנגל. אין מידבר, דאַרף מען רעכענען, איז כביכול נישט אַזוי פאַרנומען, ווי אין שטאָט — און „לאָזט זיך דינען״. דער מידבר־בוים שטייט דאָ „פון זיך אַליין״, פון קיינעם נישט געפלאַנצט. ער האָט גאָרנישט און איז גאָרנישט: אַן אביון צווישן געוויקסן.

איך ווייס נישט צי האָט דער נביא אין זינען געהאַט אויך אָט דעם סאַרקאַסטישן בוים, ווען ער האָט אונדז געטרייסט מיט דער ברייטהאַרציקער נבואה: ואספתי... והבאתי... וגאלתי... די ערד האָט געדאַרט און גע־וואַרט און זי האָט זיך מסתמא נישט געריכט, אַז דער נס מוז געשען דווקא היינט. מיר האָבן אַן אַלטע טראַדיציע פון אָפּגעלייגטע משיחס־צייטן — האָבן מיר זיך פאַרלאָזט אויף די נאָרמאַלע פאַרשפּעטונגען און זיך שטי־לערהייט געטרייסט: באַחרית הימים, מאַ...

לאַנגע דורות האָבן די ייִדעס אָפּגעריכט תּיקון־חצות אין אַלקער, וואָס האָט געטונקלט טוכלע אין גויִשע שנייען און פֿרעסט. ייִדעס, האַלט איך, דאַרף מען, אין דער נויט פֿון אונדזערע יאָרן, ניצן אַ ביסל עקאָנאָמישער, מען קאָן זיי ליב האָבן בשותּפֿות: מײַנער, צי דײַנער — מ׳האָט עפּעס אָנגעגרייט ייִדעס פֿאַר יעדן באַזונדער? איז מײַנער געזעסן אין די נעכט בײַ אַ קאַנעצל אויף דער ערד, אין צאַנקענדיקן שײַן פֿון די פּחדים, און האָט אָנגעטאָן אויף דער צפּתער יאַרמלקע אַ זעקעלע ערד, וואָס אַ משולח האָט געהאַט געבראַכט פֿון דער מערת־המכפּלה. דאָס ווײַסע זעקעלע האָט ער אַלע יאָרן געהאַלטן אויף אַ בעליק אונטער דער בלוי געקאַלעכטער סטעליע, ווו ער האָט אויך אויסבאַהאַלטן פֿאַר חבֿרה דעם לעדערנעם טײַס־טער מיט פֿראַנץ יאָזעפֿס באַנקנאָטן, באַמאַליעוועטע מיט ראָזעווע בת־מלכּהס, וואָס שפּילן אויף האַרפֿעס. און אַז די דורות זענען געוואָרן שוואַכער און אַנדערש, זענען פֿון די האַרצרײַסנדיקע בײַנאַכטיקע תּפֿילות און קינות געוואָרן דעקלאַמירטע „לידער פֿון ציון" און אַקאַדעמישע „פֿעסט־רעדעס", וואָס אַדוואָקאַטן אין די שטעטלעך האָבן געהאַלטן אויפֿן חנוכּה־באַל לכּבֿוד אונדזערע העלדישע מכּבייער. זיי האָבן גערעדט דײַטש און פּויליש, רוסיש און אונגאַריש און האָבן אַרײַנגעפֿלאָכטן ציטאַטן פֿון משה העס און מאַקס נאָרדוי, אַ מאָל פֿון מאָריס ראָזנפֿעלד — אַזש עס האָבן פֿון ענטוזיאַזם געצאַפּלט די קאָרסעטן בײַ זייערע דאַמען. דאָס זענען אַלץ נאָך געווען די יאָרן פֿאַרן אויפֿקום פֿון דער מדינה.

און איך בין געווען בײַם מעמד פֿון דער מדינה, פֿרײַטיק נאָך מיטיק, דעם 14טן מײַ 1948, אין אַלטן מוזיי פֿון תּל־אָבֿיבֿ. ס׳איז ערבֿ־שבת בין־השמשות, כאָטש ס׳איז ערשט דרײַ אַזייגער און די זון דאַרף נאָך זײַן אין הימל. איז זי אָבער צערודערט, בלייך, קאָן זיך קיין אָרט נישט געפֿינען. דער הימל איז גרוי, שמעקט מיט ליקוי־חמה. אפֿשר האָט ער אָנגעווירן דעם צוטרוי צו דער פֿרישער קאָנסטעלאַציע, וואָס גרייט זיך אונטן — צי גייט מען נישט ענדערן די מעשׂי־בראשית?

יענער פֿרײַטיקדיקער טאָג איז געווען אַ מין גרויסער „קורצער פֿרײַ־

טיק״ אין היסטאָרישן פּאַרנעם: געיאָגטער ערב־שבת פון נייעם יידישן וועלט־באַשאַף אין איילעניש. די זון אויפן הימל האָט אויסגעזען אַ ביסל פּאַרטאַמלט, גלייך ס'איז איר פּלוצים אין גאַנצן אַרויס פון קאָפּ, וואָס איז איר עובדה דאָרט אויבן: שיינען, ווי אַלע טעג, גלייך גאָרנישט — צי אפשר האָט מען זי גאָר אַרויסגעהאָנגען, כדי צו סימבאָליזירן עפּעס נייס, אָנזאָגן אַ בשורה...

און פון וואַנען האָב איך די זיכערקייט, אין דער צעמישעניש פון בהלה און פּחדים, אַז מען האָט זי נישט פאַרביטן, די זון, און אפשר שיינט זי אין מיטן טאָג, גרוי שבגרוי, מיט קאַלטן, גרינעם לבנה־שימער, מעשׂה קאַפּריער! עס קאָן דאָך אַלץ געמאָלט זיין אין תוהו ובוהו, פאַר מעשי בראשית: ווער האָט גאָר דעם קאָפּ זיך אומצוקוקן אויף די אַלטע ירושה־חנדלעך, מיט וועלכע זון און לבנה שפּילן זיך אין רויִקע צייטן?

דאָס איז געווען אין יענעם גרויסן „קורצן פּרייטיק״: אַ טאָג, אַ גרע־נעץ, וואָס שטעלט אָפּ די צייט אין מיטן לויף, האַקט פּלוצים אָפּ אַ לאַנגן גאַנג פון ביזאַנטיקע יאָרטויזנטער: ווער זשע ווייס, וואָס עס וואַרט אויף אונדז אויף יענער זייט פון דעם דאָזיקן גורלדיקן גרענעץ־טאָג? מענטשן אין גאָס איילן זיך און פאַר דעם בנין פון מוזיי גייען אַרויף און אַראָפּ בחורים פון דער הגנה. מען פילט די „כּלי״ ביי זיי אין קעשענע. זיי ניש־טערן מיט די בליקן און קוקן פאַכמעניש. איבער נאַכט זענען ביי זיי אויסגעוואַקסן סלוזשבאָווע וואָנסעס פון רויטן שטרוי. דער ענגלענדער איז נאָך אין לאַנד, ער מיינט, אַז ער באַלעבאַטעוועט, און ער איז ברוגז וואָס יידן ווילן ביי אים נישט זיין קיין „,,נייטיווס״. דאָס לאַנד איז כולו שפּאַנונג און געהיימע טויעכצער אין אָנלבנהדיקע נעכט. די לופט איז „אומלעגאַל״ און די כוואַליעס אַוודאי. עמעצער פירט דאָרט אַן אַלטע טאַרעדייקע, אַ קויטיק שטיק בראָכוואַרג, וואָס האַלט זיך פאַר אַ שיף. ביי נאַכט פאַרגנבעט זיך דאָס שיפל צום ברעג, ווו עס וואַרטן די „יינג־לעך״. זיי כאַפּן אַראָפּ די פּאַסאַזשירן און טראָגן זיי אויף די פּלייצעס, שטיל, די נאַכט זאָל נישט הערן און נישט אויספּלוידערן — זיי באַהאַלטן זיי אויס איבערן טאָג אין אַ נאָענטן קיבוץ.

דערנאָך קומט די אַנדערע נאַכט: „חומה ומגדל" — אויך „אומלעגאַל". לויטן ווייסבוך טאָרן זיך ייִדן נישט באַזעצן אויפן באָדן אין בעווינס פאַלעסטיין — גרייט מען צו ביי נאַכט פאַרטיקע סקעלעטן פון אַ קיבוץ, ציטעריקע קוליסן פון אַ מויער און אַ טורעם, אַ שטוב פאַר די קינדער און אַ פלאַץ צו באַהאַלטן די כלים — און פאַר טאָג פראַוועט מען חנוכת־הבית אויף די זאַמדן, וואָס זענען שוין צוגעווינט צו ביינאַכטיקע סודות און צו נסים. איך בין אָפט געווען ביי די צערעמאָניאַלן פון אַזאַ פאַרטאָגיקער „עליה על הקרקע". די אויטאָבוסן און די טענדערס ליידיקן אויס אויפן פלאַץ עטלעכע צענדלינג בחורים און מיידלעך, אפשר נאָר וואָס אָנגעקומענע פון די לאַגערן, פון די צעשטורעמטע כוואַליעס. זיי טראָגן צעמענט און ברעטער און זעק ברויט: שטעלן אויף דעם נייעם קיבוץ. עס שמעקט מיט פאַריאָגטקייט פון שבת־הגדול. עטלעכע דרענגלעך זענען שוין איינגעגראָבן אין זאַמד, אָבער זיי טרייסלען זיך נאָך. אַ בלוי־ווייסע פאָן פלאַטערט, שמאָל און ציטערדיק, אונטער דעם פרימאָרגיקן הימל. אין אַזאַ שעה פון אָנהייב איז ער נאָך נישט פאַרנומען, דער הימל. יונגוואַרג דערלאַנגט די געסט טיי אין אָפגעשיילטע בלעכענע טעפלעך. די טיי איז געזאַלצן און דאָס ברויט זאַמדיק — אָבער דער האָרע־טאַנץ קאַראַהאָדעוועט מיט צעזונגענע רינגען, און אברהם האַרצפעלד, מירער ישיבה און עליה שניה, פאַרגייט זיך הייזעריק מיט דעם ניגון פון אַ זיידן: „אמר רבי עקיבא... ואהבת לרעך כמוך..." קאָן זיין, אַ מין הימען פון די עקשנים, וואָס לאָזן נישט אָפּ דעם „ואהבת", כאָטש זיי האַלטן פעסט די „כלי" אין קעשענע.

דערווייל פלאַצן אַראַבישע באָמבעס און די כנופיות מאַכן אומזיכער די שאָסייען און די פעריפעריעס פון די שטעט. שטעט? עטלעכע געציילטע, נישט־פאַרענדיקטע שטעטלעך, אַרום און אַרום. דאָ און דאָרט אַ קאָלאָניע מיט דאָרפישער באַלעבאַטישקייט פון אַלטן סטיל, און שיטערע שנירלעך קיבוצים, וואָס מאַטערן זיך מיט לויזע בודזשעטן, מיט פעסטע דעפיציטן און הונגערן אויפן חשבון פון דער סוכנות. דאָס איז „פאַלעס־

טינע״ פון פאַר דער גרינדונג פון דער מדינה. אַז מען וויל, איז דאָס לאַנד אַ ראָמאַנטישע דאַטשע פון ציוניסטישע בעלי־בתים, אַ ביסל פּקי־דים פון „באַראָן״, העברעיִשע לערערס און פּאָעטן, לאַנדווירטן, באַריש־ניעס מיט נשמה, טאָלסטאָיאַנישע גאַטזוכערס, וואָס זוכן אַ טאָג אַרבעט. די שטיבער זענען גראָם און נידעריק און אויף די הילצערנע גאַניקלעך טרינקט מען טיי מיט וואַרעניע, מען שפּילט שאַך און מען זאָגט נאָך אַ שאַרף וואָרט פון ביאַליקן.

דאָס אַלץ וועט נאָך דויערן היפּש לאַנג. דאָס לאַנד איז ליידיק און דאָס פאָלק איז ווייט, בענקט נאָך ציון, האָט מורא אויפצוהערן בענקען. פאָרן אַרום שליחים איבער דער וועלט און האַלטן פאַר מידע ייִדן גע־רעדטע רעדעס: „שוין געהערט...״. העכסטנס שיקט איינער דאָס ייִנגל לערנען אין דער יפֿוער גימנאַזיע און אַ מאָל פאַרמעסט זיך דער שטאָ־טישער קאָמיטעט און שיקט אַרויס אַ גרופּע געקליבענע ייִנגלעך: שע־וועליורעס, רובאַשקעס, לידער, טשייניקעס — רעקוויזיטן פון פאַר דער מדינה.

האָב איך יענעם פרייטיק אין דער פרי באַקומען אַ צעטל פון „וועד״, צו קומען דריי אַזייגער אין דיזענגאָף־מוזיי. צוליב וואָס — שטייט נישט. עמעצער זאָגט עפּעס — אָבער ס׳אַ סוד. דאָ און דאָרט באַווייזט זיך אַן אַלטער פאַרלאַטעטער פאַנצער־וואָגן. איך גיי לענג־אויס די אַלענבי־גאַס, האַרט ביי די הייזער אויף דער רעכטער זייט, אויסצומיידן די אַראַבישע סנייפּערס, וואָס שיסן אַריבער פון יפו. אַלע גייען אויף דער זייט גאַס. די אַנדערע איז ליידיק. טייל גייען, ווי איך, צום מוזיי — אַנדערע פילן גאָרנישט, אַז ס׳איז אַ היסטאָרישע שעה. אויף פאַרקאַנעס און ווענט וויינען נאַסע טרויער־מעלדונגען וועגן געפאַלענע ייִנגלעך. דער ייִשוב שלינגט טרוקענע טרערן. ביים אַלטן הדסה־שפּיטאָל אויף מזאה־גאַס ליגן אין דרויסן אויף דער ערד בינטלעך יונגע ביינער, צוגעדעקט מיט טלי־תים אָדער ליילעכער: פרישער שניט פון דער נאַכט.

אַזוי איז געשען דער נס פון ישראלס באַנייונג. מיר זיצן צונויפגע־

פּרעסט אַ קאַרגע דריי הונדערט מאַן אין זאַל פון שטאַטישן מוזיי. די הערצער ציטערן. דוד בן־גוריון לייענט איבער די מגילה פון ישראלס אומאָפּהענגיקייט און הרב מימון מאַכט אַ שהחיינו. די צערעמאָניע איז קנאַפּ. דער עולם גייט זיך פונאַנדער, פאַרשטומט פון גליק. איך פיל נאָך היינט דעם יום־טובדיקן טעם פון די טרערן, וואָס האָבן מיר געבריט אין האַלדז. דערנאָך זענען געקומען טעג און נעכט פון בלוטיקן געראַנגל פאַר יעדן ברעקל ערד, פאַר יעדן בערגל, פאַר יעדן שטיקל שאָסיי, פאַר יעדן פּרדס און יעדן ברונעם, פאַר יעדן הויז. אַרום אַ וועלט מיט האַר־מאַטן, טאַנקען און אינטערנאַציאָנאַלע אינטריגעס — און מיר זענען וויי־ניק, ווי אַלע מאָל, און פאַרמאָגן נישט אַ סך מער ווי אוראַלטע ירושה פון נבואהשן פּאַטאָס און אפשר דערצו אַ ביסל „כלים" און איינעם אַ טאַנק אָדער צוויי. אָבער וועגן אָט דעם איינעם אָרעמלעכן יידישן טאַנק האָט מען זיך דעמאָלט געחכמהט, אַז ער איז געשטאַנען אַ סך שנע־לער ווי די אַראַבישע זענען אַנטלאָפן: טעכנאָלאָגיע פון פּלאַי־פּלאַים.

דאָס זענען געווען די ערשטע טעג, איבערגעלאָדן מיט תנכישן פּאַ־טאָס. עס האָט דאָך געקאָנט זיין, אַז די נבואה פון גאולה זאָל פאַרבלייבן נאָך עטלעכע תקופות אַ פּסוק און עלטערן זיך אין דער בעסטער תנכישער געזעלשאַפט — עלעהיי „וגר זאב עם כבש": דער וואָלף איז שטענדיק גרייט צו דער אידיליע, אָבער אַך און וויי צו דעם שעפעלע. האָבן מיר זיך מיישב געווען און צוגערוקט די הימלדיקע פּסוקים נענטער צו דער ערד, גאַנץ נאָענט. אַוודאי קאָנען זיי נישט פאַרלאַנגען, די פּסוקים, עס זאָל זיי גיין אויף אונדזער צעוויייטיקטער ערד אַזוי שיין, ווי אין דעם לויטערן אורגלאַנץ פון תנך, ווו עס דערקוטשען נישט קיין אָביעקטן. מיר האָבן אימפּראָוויזירט מדינת־ישראל מיט ראָמאַנטיק און בהלה, בחפזון געבויט און געקעמפט, און צו דעם אַלעמען, זאָגט מען, דאַרף מען נאָך זיין קלוג אויך: נישט פון די לייכטע זאַכן. לייכט איז בלויז אונטער־צוגיין. אפשר זענען טאַקע אַנטוישט באַשטימטע ליבהאָבערס פון אונדזער שיינער אָריגינאַל־נוסח, וואָס מיר האָבן פאַרראָטן דעם גורל, כמעט די

מיסיע, צו זיין געפאַלן, און פאַרקערעוועט אונדזער לעבן באַרג אַרויף, מיט שטורעם אין פנים. וואָס זשע וועט טאָן די מענטשהייט מיט איר געלייטערטער רחמנות, אַז עס וועט איר אויספעלן יידישער יאוש, וואָס איז געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון דער וועלט־האַרמאָניע?

די ערשטע פּרעזידענטן

חיים ווייצמאַן

געוואַנדערט אין די בערג פון ירושלים. אַ סך זענען נאָך אַלץ גרוי און פּאַרכמורעט, ווי אין די יאָרטויזנטער פון זייער פאַרגעסנקייט. דאָס איז אַ פאַרגליווערטע אידיליע פון פעלדזן צווישן זיך. וואַקסט איינער אַרויס פון אַנדערן און איינער דראַפּעט זיך אויף יענעמס קאַרק, צעלייגט זיך דאַרט אויבן און קלעטערט נאָך העכער, פלעכט זיך אַרום יענעמס קאָפּ: אויסטער־ליש־ווילדער קינדער־שפּיל פון פעלדזן.

קוויקט זיך דאָס אויג מיט יונגן, ציטעריקן גרינס פון פאַרפלאַנצטע וועלדלעך, וואָס לערנען זיך פּאַמעלעך וואַקסן אויף שטיינער — נאָך נישט, אָבער אָט־באַלד. עס האַלט אין אויסוואַקסן דער „יער הנשיא", דער פּרעזי־דענטן־וואַלד, פאַרפלאַנצט לכבוד דעם ערשטן מלוכה־פּרעזידענט, פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן. איך האָב געזען די צווייגלעך, אויף וועלכע עס שפּילן זיך טראָפּנס טוי אין דער זון.

אָט איז ער אין זיין פּאַלאַץ אין רחובות: פאָלקסטימלעכער אַדלמאַן אין אַ געמיטלעכער יידישער שטוב, וואָס האַלט קנאַפּ פון אָפיציעלע אָנשטעלן. אָפּגעפּראַוועט פּרעזידענטישקייט, לויט „פּראָטאָקאָל", איז זיך דער פּאַלאַץ מחייה מיט אַ היימיש יידיש וואָרט און מיט אַ ווערטל, ווי אַמאָל אין מאָטעלע ביי פּינסק, צווישן רוסישע שנייען און נביאים ראשונים, צווישן די קלוגע

פּעטערס, וואָס שמעקן מיט וואַלד און מיט „שאַך״, מיט סאַמאָוואַר און מיט לעבנס־חכמה, אַנגעזאַמלט אין דורות.

די דאָזיקע לאַנדשאַפט האָט חיים ווייצמאַן זיין גאַנץ לעבן געטראָגן אין זיך. ער האָט זי מיטגענומען פון די פּינסקער בלאָטעס קיין לאָנדאָן און זשע־נעווע, קיין פּאַריז, ניו־יאָרק, דרום־אַפריקע — און פון דאָרט קיין ישראל. ער איז געבליבן זיין גאַנץ לעבן צוגעבונדן אינערלעך צום פאָלקס־מענטש: אינטעלעקט מיט אַ היימישן אונטערשלאַק פון שכל הישר, וואָס לאָזט זיך נישט נאַרן פון גלאַנץ און פראַזן.

אַזוי האָט געלעבט דער ערשטער פּרעזידענט פון מדינת ישראל: פּשטות און גדולה. ער איז געווען דער מדינה־פּרעזידענט אונטערוועגנס. לאַנגע יאָרן האָבן מיר אים געזען וואַנדערן איבער דער וועלט, געהערט אים קלאַפּן אין יידישע טירן און הערצער, געהערט זיין שטילן, הייזעריקלעכן קול, געפילט זיין שווערן געראַנגל מיט דער צינישער איבער־חכמה און גערעדאַנקען־פּויל־קייט — געראַנגל מיט אַ וועלט מיט שונאים און אַזוי גערופענע „גוטע פריינד״.

צום ערשטן מאָל האָב איך געזען חיים ווייצמאַנען אויף דעם עלפטן ציו־ניסטן־קאָנגרעס אין ווין: אַ שלאַנקער, בלייכער יונגערמאַן מיט אַ שפּיציק־פאַרשוירן שוואַרץ בערדל, דער עמבלעם פון אַ רוסיש־יידישן אינטעלעקטואַל פון יענער צייט — און אונטער דעם הויכן שטערן מעלאַנכאָליש־קלוגע אויגן.

און עס דערמאָנט זיך מיר חיים ווייצמאַן פון די קאָנגרעסן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה: קאַרלסבאַד, ווין, באַזעל, ציריך. אָט זענען די טראַ־דיציאָנעלע שטורעמדיקע נאַכט־זיצונגען: פראַקציעס, דעפּיציטן, קאַמף־אָפּשטימונג צווישן אידעען און בוכהאַלטערס. די קולואַרן פון קאָנגרעס רו־דערן מיט „קריזיס״. פון דער סטעליע פון אָנגעהיצטן זיצונגס־זאַל קאַפּען אָנגעגליטע ווייסע ליכט־טראָפּנס אויף מידע ליסינעס. עס שויבערן זיך שוואַרצע בערד פון „בונטאַרן״ און אין פאַרשלאָסענע זייטיקע שטיבלעך קאָכן „חכמים״ די אייביקע פּשרה.

פלוצים קלאַפּט דער האַמער אויף דער פּאַרמאַטערטער טריבונע: ווייצ־מאַן. די אָפּאָזיציע שווייגט, פריקרע און אַ ביסל צופרידן. געווען מאָמענטן,

ווען ווייצמאַן האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין אַ זייט און געדינט דער באַוועגונג ווי אַ פּשוטער סאָלדאַט. ער איז אָפּט געווען מיד און אַנטוישט — אָבער ער האָט זיך קיין מאָל נישט געלאָזט אָפּשרעקן פון אַ דורכפאַל און פאַרביטערונג האָט ער קיין מאָל נישט צוגעלאָזט צו זיך.

„קאָן זיין" — האָט זיך ווייצמאַן אַמאָל געוועדטלט — „אַז מען מוז נישט דווקא זיין אַ משוגענער, כדי צו זיין אַ ציוניסט — אָבער מיט משוגעת איז בעסער...".

און שוין זייענדיק פּרעזידענט פון מדינת ישראל, פאַרצייכנט פּראָפ. ווייצמאַן אין זיינע זכרונות: „ווען איך וואָלט איצט געהאַלטן דערביי, אָנ־צוהייבן פון ס'ניי מיין לעבן, וואָלט איך אפשר גענומען פאַר אַ מוסטער דאָס לעבן פון אונדזערע פּויערים אין נהלל אָדער דגניה...". און עס איז באמת נישט נייטיק קיין שטאַרק צעשפּילטע פאַנטאַזיע, אויסצומאָלן זיך איינס פון אונדזערע דערפער אין עמק אָדער גליל, ווו עס דרייט זיך, מיט שטילע טריט, אַן איידעלער זקן, וואָס האָט אָפּגעטאָן אין זיין לעבן אַ וועלט מיט געבענטש־טער אַרבעט פאַרן פאָלק און פאַר דער וויסנשאַפט — און איצט, אויף די אַלטע יאָרן, איז ער אַהיימגעקומען צו דער מאַמע ערד.

יצחק בן־צבי

עס איז אַ לעבעדיקע געדיכטעניש אין די פאַרטן פון לאַנד, וואָס לאָדן אויס טאָג פאַר טאָג פרישע שיפן. צאַפּלען די פאַרטן מיט צערודערטע מענ־טשן, מיט פּעק און אומרו, מיט קינדערלעך און זיבעציק לשונות, מיט דער־מאָנונגען פון נעכטיקע שרעקן און מיט פרישער פרייד, וואָס ציטערט אויף און האָט דערוויל נאָך אַ ביסל מורא פאַר זיך אַליין. דראַפּען זיך צום הימל רושטאָוואַניעס פון נייע שיכונים, וואָס יאָגן זיך אַליין אונטער און וואַקסן נאָך אַלץ נישט אַזוי גיך, ווי מען דאַרף. טראָגט זיך אימפּעט אויף פעלדער, וואָס האָבן אַמאָליקע יאָרן נישט באַדאַרפט מער ווי אַרויסגעבן פאַמעלעך פּראָסטע תבואה און פּטור — און היינט מוזן זיי „אויף כוח" דערלאַנגען

באַגוול און טאַבאַק און רייז און אַנדערע „עקזאָטישע" געוויקסן, וואָס פֿאָדערן זיך פֿון אַ מאָדערנער ווירטשאַפֿט. רייסן זיך יונגע וועלדלעך מיט אומזיכערן גרינס צווישן גרויע פֿעלדזן, וואָס זענען אייביק געווען פֿריי פֿון בליען — היינט מוזן זיי: אַלץ מוז בליען און וואַקסן, אַז נישט, וועט מען נישט אויסקומען. וואַקסן פֿאַבריקן און וואַרשטאַטן אין שטעט און דערפֿער און נייע אַנטוויקלונגס־ראַיאָנען. קומען צו לאַבאָראַטאָריעס, שולן, שפּיטעלער, גראָבן זיך מינעס אין די בערג, נאָפּטגריבער אין פֿאַרשידענע טיילן פֿון לאַנד — ווער זשע האָט צייט צו פּראַוּוען ימים־טובים?

דאָס איז דאָס לעבן אין ישׂראל. קומט זיך צונויף אין לאַנד די טראַגיש־צעריסענע יידישע וועלט־משפּחה פֿון שבֿטים, אַנגעיאָגט פֿון אַלע ווינטן, — בויט מען צו אין איילעניש נאָך אַ פֿליגל צו דעם נישט פֿאַרענדיקטן בנין און נאָך איינעם. פֿייפֿן נאָך ווינטן אין דער האַלב־פֿאַרטיקער היים און מענטשן האָבן טענות — ווער זשע האָט צייט אויסצוהערן טענות! אַז אַלץ איז נאָך אָנגעוואָרפֿן מיט געהילץ און אייזן, צעמענט און מענטשלעכער האָרעוואַניע, אַלץ האַלט זיך אַלע מאָל „אין ענדיקן" און קוים געענדיקט, דאַרף מען שוין ווידער ערגעץ אָנהייבן.

גלאַנצט דער נשׂיא מיט דעם דיסקרעטן, איידעלן גרוי פֿון מענטשלעכער פּשטות, אַלע ניואַנסן פֿון גרוי — און איך בין נישט מקנא דעם פּראַק, וואָס אונדזער שעף פֿון פּראָטאָקאָל צווינגט אַ מאָל אַרויף אויפֿן מלוכה־פּרעזידענט: מילא, איז דאָס שוין, באין ברירה, אַ פּראַק פֿון די פּראַקן, אָבער אומזעבאַר קריכט אַרויס צו ביסלעך דער גרויער היימישער וואָל־שפּענצער, געשטריקט פֿון רחל ינאית, דעם פּרעזידענטס פֿרוי. דאָס איז דער גאַלאַ־שפּענצער פֿון דער צווייטער עליה, וואָס איז געקומען קיין ארץ־ישׂראל מיט אַ זיבעציק יאָר צוריק, פֿון פּאָלטאַווע, צי פֿון פּלאָנסק, האָט געקעמפֿט, געחלומט און געהונגערט אין דער איינזאַמקייט און דערווייל געלייגט פֿונדאַמענטן צו דעם נייעם לעבן.

אַ סך געדענקען אין ירושלים דעם גרויען הילצערנעם באַראַק אין האַרץ פֿון רחביה, אַ באַראַק, וואָס האָט אַמאָל געקאָנט זיין גלאַט אַ יידישע

שטוב ערגעץ אין פּאַלטאָווע צי אין אַן אַנדער אָרט, און נישט מאַכן קיין שום מינע פון חשיבות. היינט האָט זיך מיישב געווען דער אייגענער „באַראָק" און איז געוואָרן דער פּאַלאַץ פון ישראלס מלוכה־פּרעזידענט — אין גאַנצן אַן אַנשטעל. ער איז איינגעאָרדנט מיט צניעותדיקער עלעגאַנץ, וואָס באַווייזט זיך נישט, און מיט דעם נאַטירלעכן מאַנגל פון פּרעזידענטישן לוקסוס.

„קומט אַריין" אַ ייִד צום פּרעזידענט, פילט ער זיך באַלד היימיש. עס מערט זיך באַלעבאַטישער סטיל אין די פּראָסטע טישן און בענק און אין דעם באַשיידענעם כיבוד, וואָס מען דערלאַנגט אַ גאַסט — נישט אַזוי ברייט ווי ביי גבירים, נאָר אַזוי האַרציק ווי ביים מרא דאתרא — און די ווענט זענען אָנגעפּאַקט מיט ספרים, נישט אויף אָרנאַמענטיק, נאָר פּשוט אויף צו לערנען.

זלמן שזר

אַמאָל, אויף אַ זומערדיקן שבת, פאַר די גרויסע תעניתים, אַ שבת מיט פליגן און הייסן אַטלאַס און מיט דער לעבנס־חכמה פון פּרק מיט ווילעכער באַרלעך־יויך פון שבת־אויבסט — אַמאָל, אַמאָל פלעגט זיך דער רבי אויפהייבן און אַרויספאָרן אויף שבת צו די חסידים אין אַ שכנותדיקן פּאָלוואַרק. דער „הויף" איז ליידיק געוואָרן — אָבער די ליידיקייט איז געווען אַ געהויבענע.

מיטגענומען האָט מען דעם „הייליקן זיידנס אייניקלעך" און עטלעכע מקורבים, וואָס געדענקען נאָך דעם אַלטן רבין — און אַרויסגעפאָרן איז מען אין עטלעכע פּרייַלעכע בריטשקעס, וואָס האָבן געזונגען, משמח צו זיין דעם רבין. דער „פּוילישער וועג" האָט זיך געצויגן מיט הכנעה.

די פּאָלוואַרקעס אַרום רבינס שטאָט זענען געווען לרוב פאַרטומלט מיט שפע און מיט פּריצים, מיט כאַשטערס און מעקלערס און מלמדים פאַר די קינדער — האָבן די יידן, קיין עין־הרע אָנגעשטאָפּטע גבירים, נישט געהאַט דעם קאָפּ, צו פאָרן צום רבין. פלעגט שוין דער רבי זיך אַליין מטריח זיין. און די התרוממות האָט געשטראַלט איבער די פּאָלוואַרקעס.

*

אונדזער נשיא איז אַ יום־טובדיקע געשטאַלט און יידן זענען זיך מחייה, אַז זיי קאָנען אים זאָגן אָן צערעמאָניעס: זלמן... ר׳ זלמן — אינטימיטעט מיט דרך־ארץ. דער נשיא איז באַשאָנקען פון דער קאָנסטיטוציע מיט אַ שיי־נעם מאַנגל אין פּאָליטישער מאַכט — און די דאָזיקע פּריווילעגיע טראָגט ער מיט חן.

נישט לאַנג איז זלמן שזר אַרויסגעפאָרן מיט אַ פריינדשאַפט־וויזיט אין עטלעכע לענדער פון דרום־אַמעריקע און אפשר וועט ער אָפּטרעטן אויפן צוריקוועג אין צפון־אַמעריקע אויך. אין וואַשינגטאָן „ווייס מען גאָרנישט" — הייסט עס, ס׳אמת.

זלמן שזר, זאָג איך, איז אַ יום־טובדיקע געשטאַלט — צי ער פּראָוועט „פּראָטאָקאָל" מיט אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן אין דעם שטילן פּאַלאַץ אין ירושלים, צי ער „שמועסט אין לערנען" מיט יידן תלמידי חכמים, אָדער ער פאָרט אַרויס איבער דער וועלט אין שליחות פון גוטן ווילן.

ער איז כולו גוטער ווילן און איידעלער, יידישער הומאַניזם מיט — סבר פנים יפות, צי ס׳איז דער פּראָפעסאָר פון דער אוניווערסיטעט, צי אַ ראש ישיבה פון בני ברק, אַ חב״דניק, אַ סטודענט, אַ ייד מיט „פּראָיעקטן", צי גאָר אַ גאָטזוכער: צו אַלעמען האָט ער צייט, ביז דער „שליש" דערמאָנט אים מיט אַ פאַרצווייפלטן בליק, אַז אייגער אין וואַרטזאַל האָט אַ פרישן פּירוש אויפן „זוהר".

אַלע „מוזן זען" דעם נשיא — און דאַכט זיך, ער אַליין מוז אויך אַלעמען זען און הערן. וואָרום צום נאָענטסטן איז אים דער מענטש, נענטער, באַ־לערנדיקער, מאָנערישער ווי „דער סיסטעם" און יענע „אידעאָלאָגיע". ער זעט קודם כל דעם פשוטן חי וקיים, וואָס די פּאָליטיק האָט צו אים קיין צייט נישט, וואָרום יענע איז אַזוי טרוד מיט „אויסלייזן" די גאַנצע מענטשהייט מיט אַ מאָל, אַז אויף דעם איינעם בידנעם בשר ודם וואַרפט זי אַפילו קיין בליק נישט: ס׳לוינט נישט.

*

ווען האָט דער נשיא פון ישראל צייט, צו זיין אַ רגע ווידער זלמן שזר — טאָקע ער אַליין, אַן דער קרוין, אַ ייד, אַ תלמיד חכם, אַ שרייבער, אַ זאָגער, אַ חריפותדיקער שמועסער — אַז דער טאָג איז ביי אים פול מיט „פּראָטאָקאָל״.

האָבן מיר די טעג געפּראַוועט אַן אינטימע מסיבה אין בית הנשיא, לכבוד דעם דיכטער אפרים אויערבאַך. עס איז אַ וואָכעדיקער טאָג, צווישן די געדענק־טעג פון שואה און דעם יום העצמאות. אָבער אין דער שטילער, רחבותדיקער שטוב פון בית הנשיא שוועבט אַ הויך פון נשמה יתירה. מען נוצט זי דאָ אויך אין דער וואָכן.

דאָס הויז פון נשיא וויל אַליין קיין פּאַלאַץ נישט זיין, עס „פּאַרלירט זיך״ אין אַ ווינקלדיק ירושלימער געסל, אַ מין לפני ולפנים פון רחביה, צווישן אַלטעביימער, און עס האַלט זיך אַרכיטעקטאָניש גאַנץ דיסקרעט, כמעט נישט צו דערזען.

אין די וויטרינעס לענג אויס די ווענט זמיעשטשען זיך אַלערליי זעל־טענע „כלים״, חנוכה־לאָמפּן, קידוש־בעכערס, בשמים־ביקסלעך, געשניצטע שבת־קאַנדעלאַבערס מיט ציטעריק־דינע יידישע פייגעלעך, וואָס אָט הייבן זיי זיך אויף און טוען אַ פלי. דאָס זילבער האָט אין זיבען נישט קיין גרילץ צו טאָן מיט צו פיל גלאַנץ.

קומט איצט דער דיכטער האַלטן יום־טוב אין ישראל: אַן אורח, אַ תושב, ער בלייבט צו ביסלעך און גייט דערווייל.

אַזוי פלעגט זיך דער זיידע פאַרצייטנס דרייען פאַרן דאַווענען, אַרויף און אַראָפּ, איבער דער לאַנגער קלויז און „ציען מוחות״ מיט די בלויע רויך־רינגען פון דעם טערקישן ליולקע־ציבעך, איידער ער קאָן פועלן ביי זיך, צו לייגן טלית און תפילין. ער האָט לאַנג געהאַלטן „פון פאָרנט״.

*

נישט לאַנג איז דער דיכטער חיים גראַדע פאַרבעטן געוואָרן אין לאַנד ווי דעם פּרעזידענטס פּערזענלעכער גאַסט.

אַלע מאָל, ווען גראַדע איז דאָ אַרויסגעטרעטן מיט זיין לומדיש־מאָלע־

רישן יידישן וואָרט, צי האָט ער געדעדט וועגן ביאַליקן צי וועגן ירושלים, וועגן צפת צי וועגן ווילנע, שלום־עליכם, פּרץ, רייזען, יהואש — האָבן זיך פולע זאַלן מיט יידן, עמך און אינטעליגענץ, אָנגעצונדן מיט זיין זאַגערישער ליידנשאַפט, ווי פאַרצייטיקע בתי מדרשים פלעגן שלינגען די הייסע רייד פון אַ מגיד, אַ שטראָפער און טרייסטער, וואָס האָט דערלאַנגט אויפן באַלע־מער אי דעם גיהנום, אי דעם גן־עדן, דעם פחד און די פרייד, ביידע נאָענט, ביידע פאַר יידנס וועגן.

מסתמא האָט זיך די האַרבע יוגנט פון חיי צער, צווישן דער מאַמעס קאָשיקעס געפרוווירענע עפל און די נישט געגעסענע „טעג" אין דער שטרענ־גער ישיבה פון די „מוסרניקעס", טיף איינגעקאַרבט אין דער שאַרפקייט פון זיין כאַראַקטער — איז דאָס אָבער שוין „פסיכאָלאָגיע". אַוודאי איז ער אַ בעל מוסר און אַ ייד, אַ כעסן — אַ בריה צו מאַכן זיך דם־שונאים. ער דערמוטיקט זיי — קומען זיי.

„אַ שווערער ייד" — זאָגן אינטימע נישט־פאַרגינערס. אפשר איז ער „שווער" מיט דער משא פון זיין איבערגעלעבטער קלעמעניש, מיט דער פאַר־ברענטער וועלט, וואָס טליעט אַלץ נאָך אונטערן אַש. אפשר „שווער" מיט זיינע האַמעטנע קאַנטן, מיט זיין עקספּרעסיווער העזה, מיט דער פרייד פון רייד, וואָס וויל זיך נישט צאַמען?

דאָס אַלץ אין איינעם זמיעשטשעט זיך אין זיין ברוויזנדיקער פערזענ־לעכקייט. זאָל איך זאָגן האַרמאָנישער אומרו? אַוודאי האָט חיים גראַדע אַן עודף טעמפּעראַמענט, השתפכות און חריפות — און זיין האַרץ, זאָגט ער, פירט קריג מיט גאָט.

איינער פון די אושפיזין אין בית הנשיא.

אין אָנהייב

נייע פּלאַנירטע שטעטלעך, און אפשר טאָקע שטעט, צווישן פּסוקים חומש: אָט דאָרט איז סדום און נישט ווייט די נאַקעטע בערג פון חברון און אין הינטערגרונט דער ים המלח — און דאָ, פאָרנט, טאַראַראַמעווען האָפּערדיק בולדאָזערס און בוי־מאַשינען. דער גאַנצער אַרום האָט זיך גענומען אַ ריר טאָן און ווערט לעבעדיק — נאָך נישט, אָבער באַלד: וויפל איז דער שיעור צו גליווערן אין שטומער אייביקייט, „לאַנדשאַפט״ פאַר עקזאָטישע פילמען!

געדענק איך איינס אַן איינזאַם דרענגל אין אָט אַזאַ זאַמדיקן מידבר, אַ דרענגל אַ גאָרנישט, שטייט און הוידעט זיך אין ווינט, איינאַליין אין דער ליידיקייט, און שווייגט אויס אַ בלויען חלום פון קומענדיקן וווקס און באַוועגונג: דאָ וועט זיין אַ יישוב ביי יידן — דאָ, אַרום דעם שעמעוודיקן דרענגל.

דאָס איז געווען קנאַפּ פאַר דער מלחמה. דאָס לאַנד איז פוסט, פול מיט שפּאַנונג, מיט שטילער, געפּרעסטער גרייטעניש צו עפּעס, וואָס האָט נאָך קיין נאָמען נישט. די ענגלענדער זענען דאָ און יידן זענען ווייט און האָבן צייט, בויען אין דער פרעמד הייזער און פאַבריקן — און ציוניסטן זענען אויך „חכמים״: ס׳ברענט? מ׳עט זען...

אויף אַ וואָקזאַל לאַדט מען אָפּ וואַגאָנען געהילץ — סאַמע גויים און איין ייד. די גויים טראָגן אַלע צו צוויי קלעצער אויף אַ פּלייצע — דער ייד נישט מער ווי איינאיינציקן קלאָץ. „היתכן, פעטער?״ — פרעגט דער אויפ־

זעער — „אַלע טראָגן צוויי קלעצער און איר בלויז איינעם?" — „פֿאַרשטייט איר" — ענטפֿערט דער חכם — „די גויים פֿוילן זיך צו גיין צוויי מאָל".

דער אַספֿאַלטירטער כביש האָט זיך שוין לאַנג געענדיקט און איצט שלעפּט זיך דער אויטאָבוס אין די זאַמדן, האַצקעט אויף בערגלעך און גרוד־דעס, קריכט אַריין אין וואַדיס, קריכט ווידער אַרויס — און אַליין איז די „כלי" בסך הכל אַ טראַנטע מיט בלעכענע באַקעס: אַ קליאַטשע מיט בענזין.

דער מאָטאָר סאַפּעט און שלעפּט: וואָס האָט מען צו אים? מיט אַ מאָל גיט זיך די מאַשין אַ טרייסל און פּלאָנטערט דורך אַ פֿריילעכע קופּע פּאַרערס. פּאַמעלעך ציט יעדער אַרויס פֿון שותּפֿות־קנויל זיינע פּערזענלעכע רמ"ח אברים — און מיר פֿאָרן ווייטער.

דער נהג, אַן עלטערער ייד מיט אַ ברייטער ליסינע און פּאַרצייטיקע שפּאַקולן, שמייכלט אין אָפּגעריבענעם שפּיגל, האָט הנאה פֿון דער היימיש־לעכער אַוואַנטורע. כמאַרעס שטויב און זאַמד בייסן די אויגן — בייסן זיי: דער אויטאָבוס זינגט און אָמפּערט זיך מיט דער שווערער ערד.

פֿון ווייטנס פֿלאַטערט די פֿאָן אין ווינט. דער ווינט האָט אַ סך פּלאַץ אין מידבר — הוליעט ער. אַ נאַכט פֿריער זענען אַרויף אויף דער „נקודה" אַ הייפֿל בחורים און מיידלעך: מער אידעע ווי „נקודה". די אידעע איז אַרומ־געצוימט מיט שטעכיקע דראָטן. די יונגע לייט האָבן מיטגענומען אויף לאַסט־אויטאָמאָבילן זעק מיט ברויט און פֿעסער וואַסער — אַחוץ געוויסע „כלים", צו באַשיצן דעם יישוב קעגן באַנדיטישע איבערפֿאַלן.

און איצט פֿראַוועט מען דעם יום־טוב פֿון „עליה על הקרקע". פֿאַר טאָג האָט מען אימפּראָוויזירט אַ באַראַק און איצט שטייט שוין אויך אַ גרויסע סוכה פֿון דרענגלעך און פֿלאַכטעס און אין דער סוכה אַ לאַנגער סקריפּעב־דיקער טיש און צעהוידעטע בענק. יונגוואַרג איז יום־טובדיק צערודערט און קיין כּיבוד מאַנגלט אויך נישט: פֿאַרטרוקנטע סענדוויטשעס, געבראַכט פֿון שטאָט, און גרייטע רעדעס — כמעט אָראַטאָרישע קאָנסערוון.

און געווען איז דאָס אַלץ ערשט נישט לאַנג צוריק, דאָס לאַנד איז געווען אינטים און יום־טובדיק, איין גרויסע היימישלעכע דאַטשע, קליינע שטיבער

און גאַניקעס, ווו מען טרינקט טיי מיט וואַרעניע. מענטשן זענען געווען סאַמע געקליבענע, איינע נאָענט מיט די אַנדערע, און די פּראָבלעמען האָבן נישט ווי געטאָן. די זון האָט צעגאָסן כוואַליעס פייער איבער דער ערד און קיין ברעקל שאָטן איז נישט געווען — אָבער מיט יעדן צוגעקומענעם מענטש איז געוואַקסן די לעבנספרייד אין לאַנד.

זאָל איך זאָגן, אַז יענע צייט איז אַוועק אויף אייביק און וועט זיך שוין קיין מאָל נישט אומקערן צוריק? אַוודאי איז אונדזער לעבן היינט ווייט פון חלוצישער ראָמאַנטיק און אידיליע. דער אידעאַל פון דער יוגנט ביים היינ־טיקן טאָג הייסט: קאַריערע, וואָס העכער אַרויף און וואָס גיכער! טו זיך אַ שטופּ — און נישט קיין צייט פאַרלירן מיט חלומות! לערן אַ פאַך, ענדיק אַ שטודיום און זײַ נישט קיין בטלן!

פון דעסטוועגן וואָלט געווען אַ גוזמא צו זאָגן, אַז אַזוי זענען אַלע, אָן אויסנאַם, און אַז עס האָט זיך אויסגעלאָזט די האָפענונג אויף אַ באַנייונג פון חלוצישן גייסט אין ישראל. טייל מאָל פלאַקערט ער אויף דאָ און דאָרט. ער זוכט היינט אַנדערע וועגן פאַר פּיאָנערישן אימפּעט.

אָט הערן מיר וועגן דער נייער נגב־שטאָט ערד, נישט ווייט פון חומשדיקן חברון, נישט ווייט פון ים־המלח, אַ שפּאָגל ביי פּלאַנירטע שטאָט פון א׳ ביז ת׳, אַ שטאָט פון סאַמע יונגעלייט, פריש און בלישטשנ־דיק, מיט אינדוסטריע־פּאַלאַצן און האַנדלס־צענטערן, מיט מאָדערנער קול־טור און קאָמוניקאַציע — אַ שטאָט, וואָס האָט בדעה צו ווערן אַ פרישער וווּנדער אין ישראל: נאָך פאַראַנען געגנט פלאַץ אין לאַנד פאַר לעבעדיקע וווּנדער. דערווייל, אַזוי לאַנג זיי בויען אָדער גרייטן זיך בויען, לעבן די מענטשן אין געצעלטן, אין די זאַמדן, אָנגעשפּאַרט אין די נאַקעטע בערג, אין דער הימלשרייענדיקער שטילקייט פון אַרום, אין די צעשפּילטע חלומות, און לייגן אַריין זייערע גאַנצע יוגנטלעכע כוחות אין האַרעפּאַשנער שאַ־פערישער אַרבעט, וואָס בויט אַ פריש שטיק לאַנד, מיט הייסן אָטעם. זאָל איך זאָגן, אָט די חברה ראָמאַנטיקער פון אונדזער אַלטן פאָלק, יחידים טאָקע, אפשר איינזאַמע, אָבער מיט אַ כוח פון מסירת נפש, האָבן נישט באַנייט דעם חלוצישן גייסט אין ישראל?

זיידעס און אייניקלעך

וואָלט איך געווען אַ מאָלער ביי יידן, וואָלט איך אין אַזעלכע צייטן אָפּגעלאָזט דעם הימל מיטן ים, מיט די בערג, מיט דער זון, וואָס גייט אויף יעדן פרימאָרגן — וואָס זשע, זי וועט נישט אויפגיין? און מיט וואָס אייגנט־לעך זעבען בערג און פעלדזן חשובער ווי איינער אַ ייד פון קורדיסטאַן צי פון פערסיע, אַ גאָלדשמיד צי אַ טעפּעך־וועבער? דער אַלטער איז אַ נייער עולה, אַ זקן, אַ דעמב, אין אַ פאַרביקער טענדעווערענדע, מיט אַ טורבאַן אויפן קאָפּ, געוויקלט פון אַן אַלטן פּרוכת, — און דאָס פּנים: ווייסע גרודעס באָרד און ברעמען, צווישן אַלטע סענקעוואַטע ביינער, אָנגעוואָרפן אָן אַ טאָלק. די ביינער דינען דאָ שוין אַוודאי אַ קאַרגן יאָרהונדערט און זיי האָבן כוח אויף נאָך און נאָך. באַלעבאַטעוועט דער אַלטער איבער עטלעכע טוץ אייניקלעך און אור־אייניקלעך, זין און שנורן און איידעמס: זיינס אַ פּריוואַטע באַפעלקערונג. אַרום איינער פון דעם אַלטנס יינגסטע אור־אייניקלעך, ברווין און שיר־השירימדיק, דרייט זיך אַן אַמעריקאַנער בחור, אַ „פּיילאָט", וואָס „אַזוי" איז ער אַ גאַנצער מאַכער דאָרט אויבן, אונטערן הימל — דאָ אָבער, צאַפּלט ער און קאָן זיך קיין עצה נישט געבן מיט דעם יינגלישן שטיקל האַרץ, וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן ביי דעם אַלטנס אייל־בערטיקן אייניקל.

און נאָך אַן אַלטיטשקער, אַ זקן אַ יתום: אַ דריבנע יידעלע, אַ גאָרנישט, און דאָס פּנים איין ליכטיקער שמייכל, איינגעטונקען אין ציטעריקע בינטלעך ווייסן שוים, וואָס ווילן ביי אים נאָך אַלץ קיין באָרד נישט ווערן — איז

נישט! דער אַלטיטשקער האַלט איצט פונקט אין מיטן מאריך ימים זיין — דאָס איז, זאָגט ער, אַ „פאַך" ביי ייִדעס. אָנגעהויבן אַמאָל מאריך ימים זיין, זעט ער, עס „גייט". אפשר האָט מען דאָרט אויבן אין דער בהלה, פאַרגעסן אָן אים — וועט ער גיין דערמאָנען?

לעבט ער זיך אַזוי פּאַמעלעך, אַ פריילעכער זיידע — האָט נישט און דאַרף נישט. ער האַלט שוין נאָכן פאַרמעג און נאָכן גע‏יעג, נאָכן צער און נאָך די בזיונות. וואָס זשע נאָך? ער האָט שוין געהאַט אין זיין לעבן הייזער און נאָפּגערובנס און אַן אייגענע שיף אין דאַנציג — איז געקומען האַרבסט 1939: אויבן אַ הימל מיט נאַציס און באָמבעס און אונטן אָנגעשטאָפּטע שאָסייען מיט פחדים און יאָגעניש און צעטראָטענע מענטשן, נעכט און גרענעצן, תפיסות און לאַגערן און סיבירער טייגעס — און דווקא מיך, שמייכלט דער זיידע, האָט זיך דער גורל אויסגעזוכט צו דערהאַלטן ביים לעבן: אַ חכמה...

ווי זשע קום איך צו דעם זקן? כאַפּט אַ מאָל אַ רעגן שפּעט ביי נאַכט אין תל־אביב, ווייט ביים פּאַרט, שטעל איך מיך אַוועק איבערוואַרטן אונטער איינעם אַ סקעלעט פון די פרישע הייזער, וואָס דראַפּען זיך צום הימל. שטייט אָן אַלטיטשקער, איינגעהילט אין גראָבע בורקעס, מיט אַ פאַרקאָפּטשעטן לאַמטערן אין האַנט, און פּראַוועט נאַכטוועכטער. שניידן זיך דאָ, צווישן די זאַמדן, בייע גאַסן מיט נעמען פון דער הפטורה — און דער אַלטיטשקער, צווישן אָנגעוואָרפענעם צעמענט און אייזן און געהילץ, לאַשטשעט מיט מילדע אויגן די נייע הייזער, וואָס וואַקסן אונטער דער האַנט: „זיינע" הייזער. ער האָט הנאה פון די ייִדן, וואָס וועלן זיך דאָ אַריינציען; פון די אַרבעטער, וואָס גליטשן זיך אויף די רושטאָוואַניעס מיט פולע פּלייצעס ציגל; פון די בעלי־בתים, וואָס דערלייגן עמעצענס ירושה און ווערן אַלע נתעשר — ער איז שטאַרק פאַרנומען מיט זיינע הנאות, דער זיידע.

האָרך איך זיך איין אַ רגע אין זיין צוגעלאָזטער באַרעדעוודיקייט — און פּלוצים: דאָס איז דאָך ער... וואָס דען — נישט ער?... קאָפּטשעט דער לאַמטערן פון נאַכטוועכטער און דורכן רעגנדיקן נעפּל צעשטראַלט זיך פון ווייט־ווייט איינע אַ גלעזערנע וועראַנדע, אין וועלכער עס האָבן אַריינגע־

בענקט אַמאָל מײַנע קינדערישע בליקן. אָט איז דאָס שטעטל און אָט איז נאָך די גאַנצע וועלט — וווּ איז אַהינגעקומען די וועלט, ברידער? זיצט אין דער גלעזערנער וועראַנדע ר׳ זאַנוול הערש, אויבנאָן ביים טיש, הרחבההדיק און ברוגזלעך, און נעבן אים דאָס איידעמל, מיט גאָלדענעברילן און אַ פּאָר־שוירן בערדל, מיט ווילנער ש״ס און שפּינאָזע, מיט אַ ביסל אַסטראָנאָמיע און בירזשע. האַלט דאָס איידעמל אָן עפּנטלעכן וויכוח מיט גראַף טאָלסטאָי און אָן אוידיענץ ביים קייזער פראַנץ יאָזעף אין ווין. בליט דער ווייסער טיש אין דער גלעזערנער וועראַנדע מיט געפּרעגלטן אתרוג און שאָך און מיט קלוגע רייד אונטערן בליצלאָמפּ... ער... אַוודאי ער... נאָר דאַכט זיך, אַמאָל העכער געווען, אַ היפּש ביסל העכער...

און איצט שטייט ער דאָ, מיט אַ לאַמטערן צווישן די רושטאָוואַניעס, איינגעשרומפּן און ליכטיק, און האָט נישט מער קיין חשבונות מיט דער וועלט. לעמבערג — ווילנע — מאָסקווע — אוזבעקיסטאַן — שאַנכיי — פּאָרטו־גאַל — בערמודאַ — פּאַריז — תל־אביב — ער מאָנט נישט ביי קיינעם גאָר־נישט און האָט נאָך אַלץ אַ קלאָרן קאָפּ, דער אַלטיטשקער. אפשר נאָך פון יענע ווייטע צייטן מיט שפּינאָזען. וואָס זשע דאַרף איינגנטלעך איין מענטש אַליין, אַ מענטש אין די יאָרן, אַזאַ קלאָרן קאָפּ... קאָן ער אַוודאי מכבד זיין נאָך אַ יידן און נאָך איינעם מיט אַ ביסל שכל הישר, גלאַט אַזוי, אויף נישט צו באַדאַרפן... דערויף האָט מען זיי דאָך, די זיידעס פון דער וועלט, מיינער צי דיינער, אונדזער אַלעמענס זיידע: מען קאָן אים ליב האָבן בשותפות...

*

חברה קליינוואַרג אין ישראל: קינדערלעך טונקעלע, העלע, חומשדיקע, שקצוואַטע אין פּאַרטעכלעך, הייזעלעך, טיכלעך, האַלב־נאַקעט און ברוין, אין זאַמד און אין זון, אין פּאַרק און ביים ים, אין שטעט און דערפער און קיבוצים און דאָרט, וווּ עס איז נאָך דערווייל כמעט גאָרנישט פּאַראַנען, אַחוץ בלויער חלום אויף זומפּן און פעלדזן — גאַגערן שוין קינדערלעך ביים סאַמע אָנהייב און פּאַרהילכן דאָס לאַנד מיט פריילעכן טומל...

צייטיקט זיך חברה קליינוואַרג ווי אונדזערע פּרוכטן, האַרב און זאַפטיק,

אַנגעגאָסן מיט יונגן וויין. וואַקסן קינדערלעך גיך און נאָך גיכער און ווי ס׳לאָזט זיך, אָן צערעמאָניעס, און איידער וואָס און ווען, צעבליט זיך אַ לויכ־טנדיק באַשעפעניש, פול מיט געזאַנג, מיט פרייד, די אויגן קלאָר און דער שטערן איין העזה, און ברעקלעך וואָרט פלאָנטערן זיך און בליצן, — אָבער דערווייל מוז מען פלוצים אַ לויף טאָן, אַ הירזשע טאָן. דרייט זיך קליינוואַרג און שפּילט מיט דער וועלט, לאַכט פון איר אומגעלומפּערטער גרויסקייט. דריגעווען די דרויבעלעך מיט דער וועלט ווי מיט דעם זיידנס באָרד, אַהין און אַהער און קאַפּויער, אַלץ איינס ווי מען פּלאָנטערט: ס׳איז סיי ווי פריילעך.

זיי טראָגן אויף זיך שווערע תנכישע נעמען, די פּיצלעך, נעמען פון אבות, נביאים, גבורים און פּאַרצייטיקע חכמים. הייסט איינער אברהם, שמשון, יהושע און עס דערגייט ביז ירמיהו און ווייטער, און יעל און רות זענען אויך דאָ — וואָס וויל מען פון די שעפעלעך? און איינער הייסט מיכה — גלייך גאָרנישט! דאָס קליינע מיט אַ פּאַטעטישן נאָמען פליט אויף פלינקע פּיסלעך צווישן דיביימער. פלוצים רייסט זיך אָפּ דאָס נפשל פון צערודערטן קינדער־קראַנץ אין פּאַרק, טוט זיך אַ דריי, בישטערט ווי אַ חיהלע, פּאַרקוקט זיך ערגעץ, יאָגט און קערט זיך אום, און מורמלט עפּעס צו זיך אַליין.

מיר גערענקען אַלע פון אַמאָליקן שטעטל די משהלעך, שלמהלעך, פּיי־געלעך, מירהלעך, ציצית, קאַפּאָטקעלעך, פּאהלעך, צעפּעלעך און קלוגע אוי־געלעך, קלוגע און טרויעריקע, וואָס האָבן שוין געהאַט אַריינגעקוקט אין טיפע אָפּגרונטן און האָבן שוין אַלץ געוווסט — וואָס זשע, מ׳ווייס נישט?... זיי זענען געווען פול אין חדר און אין גאַס, ביים טייך און אין וועלדל, אין שאָטן פון קראָמען און קלויזן און פּאַראומערטע טאַטעס, וואָס האָבן אַלע מאָל געהאַט טעכטער חתונה צו מאַכן, אַפילו מ׳האָט נישט. דאָס זענען געווען קליינע יידעלעך אונטער אַ בייזן הימל, וואָס האָט געבלוטיקט אין די פּאַר־נאַכטן, אַ צעשטאָכענער פון קופּערנע צלמים און שווערע צערקווע־ציבעלעס. און היינט זענען זיי יינגלעך אין ישראל, מאַנצביליש אויסגעוואַקסענע, ביי־

נערדיקע, הייזעריקע גאָרגלען, מיט קוויטשיקע באַסן: רמי... רפי... גבי... אהוד... עודד... עמוס... יורם... רוני... דאַני...

*

„...קח נא את בנך את יחידך אשר אהבת את יצחק...״ דאָס איז געווען ביים סאַמע נעפלדיקן אָנהייב פֿון אונדזער פריער באַגעגעניש מיט זיין ליבן נאָמען — האָט ער נישט געקאָנט צוואַרטן, כביכול, און האָט שוין אויסגעפּרוווט אברהמען, זיין געטריישאַפט, זיין צוגעבונדנקייט: „נעם יצחקן, דיין בן יחיד, און ברענג אים פֿאַר אַ קרבן...״ קורץ און שאַרף — און מסתמא מיט רחמים.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די אומענדלעכע קייט פון עקדות אין אונדזער לאַנגן לעבן. און היינט? ווידער עקדות... ייִנגלעך אונדזערע, פון די זעקס טעג, פון אַלע טעג, פון העכער פיר יאָר — צונויפגערופענע, מאָביליזירטע פון שטאָט און פון קיבוץ, פון די אוניווערסיטעטן און וואַרשטאַטן, 19, 20, 24, 25, מיט בערד און שווערע שויבערס, מיט שטאָל און אייזן אויף צעקנייטשטן כאַקי — אויסגעוואַקסן איבער נאַכט, איבער דער רויער נאַכט פון אונדזערע טעג.

איך קען די ייִנגלעך פון גאַס, פון קינאָ, פון די גערטנער: ביכער, פוסבאָל, טומל, מיידלעך. אַלע מאָל רופט איינער אַריבער אויף יענער זייט, — שרייען ביידע זייטן. איך קען די חברה פון די צעשפּילטע לערן־הפסקות אין די פריילעך צעיושעטע שולהויפן: פאַרביקע ווימלעניש פון שפּרינגערס און ראַנגלערס — רויט, גרין, אָראַנזש, בלוי — קאָלירן־שפּיל פון קולות. אַ מאָל, ביי מיין פרימאָרגנדיקן גאַנג, גיב איך זיי פון ווייטנס אַ גלעט מיט אַ לאַשטשענדיקן בליק: זאָל דאָרט הענגען אויפן פאַרקאַן מיינס אַ חלק נחת פון ייִדישע קינדער.

ס׳אַ חברה שויבערס, העלע, טונקעלע, געקרייזלטע, דזשינדזשיס מיט שפּרענקעלעך — אַ מאָל אַ שאָטן פון אַ וואָנסעלע: אַ וואָנסעלע אַ גאָר־נישט. באַווייזט זיך אַ ייִנגל מיט אַ יאַרמלקע אויפן קאָפּ. דאָס בחורל האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף קאַרגע צוויי מעטער הויך — און דאָס יאַרמלקעלע

אויבן איז געשטריקט פון בונטער וואָל, אויסגענייט מיט ווייכע צאַצקעס. דאָס ייִנגל לייגט תפֿילין פֿאַר דער שול. אַ מאָל לאַשטשעט זיך צו אַ שע־מעוודיק מיידל — שמייכלען ביידע זייער בשותּפֿותדיקן סוד.

גייען אין גאַס גאַנצע רעדלעך יונגוואַרג — וואָס וואַקסן אין סאַמע מיטן גייען: אַן עבֿירה צייט! טייל מאַכן אַקראָבאַטישע קונצן אויף די ראָווערן, וואָס מ׳האָט באַקומען צו בר־מיצווה. מען יאָגט צו אַ קורס, פֿון אַ קורס — און מען צעשמייסט דערווייל די לופֿט מיט אַ שאַרפֿער ייִנגלישער פֿייפֿעריי.

קאָן די באָבע נישט אַנטדרימלט ווערן און זי האָט תּרעומת אויף דער „הייַנטיקער יוגנט": ס׳קינדער דאָס? דער זכּרון זאָגט איר, אַז זי איז אויך אַמאָל יונג געווען. זי און דער זיידע — אָבער קערן וועלטן גאָר? אַז קיין „שלום" זאָגט דאָס נישט און קיין דרך־ארץ פֿאַר אַן עלטערן האָט מען אויך נישט — און דאָס ביסל ייִדישקייט, מ׳שטיינסגעזאָגט: שקצים מיט תּנך.

*

נישט לאַנג צוריק איז מיר צופֿעליק אויסגעקומען צו זיין אַ עדות־עדות פֿון אַ שמועס מצד אַ חבֿרה צוריקגעקומענע אין שטויביקע אויטאָבוסן, אָדער אין אַ „טרעמפּ", נאָך אַ „פּעולה" ערגעץ אין סועץ, צי ביים ירדן, אפֿשר אין גולן. ס׳איז געווען אַ שמועס צווישן זיך, פֿון מענטשן, אַלע צונויפֿגעבונדענע פֿון גורל: אָפּגעריסענע רייד, ברעקלעך חשבון, אין מיטן פֿון שווערע דערמאָנונגען — אַ שמועס כּמעט אַ תּפֿילה.

דערציילט איינער און איינער כאַפּט אונטער: „...ביים ירדן... ברע־נענדיקער דזשיפּ... אויף ביידע זייטן געשליפֿענע מעסערס... קאַמף פּנים אל פּנים — אַ וואָרט אַזאַ. פֿון דער זייט האָב איך אַ קוק געטאָן אויף דעם ייִנגל, וואָס איז געווען צווישן די מעסערס. איך האָב אַריינגעקוקט אין דעם פּנים ווי אין אַ צעקנייטשטער ספֿר־תּורה. די ריסעס זענען יונג פֿאַר־האַרטעוועט געוואָרן און די אויגן: טונקעלע אָפּגרונטן גורל, וואָס זענען אָנגעגרייט פֿאַר אַ גאַנץ פֿאָלק.

די ייִנגלעך רעדן שטיל, כמעט שעמעוודיק. קיינער באַרימט זיך נישט מיט ווילייִנגערישע שטיק. מיט אַ מאָל צעשווייגט מען זיך, פאַרטראַכט זיך: אפשר טוט ביי איינעם אַ ציטער דאָס געוויסן — הרגענען גאָר?... אָבער אין איינעם מיט דעם פאַרציטערטן געוויסן שרייט דער גורל, טאָמער קאָנען זיך, חלילה, פון ס'ניי איבערחזרן מיידאַנעק און אוישוויץ, אויב דער שונא וועט זיך מעכטיקן איבער אונדז...

יענער רוקט זיך אָן גלייך אויף דיין לעבן. זיין ביקס איז שאַרף גע־לאָדן — און דאָס מעסער בליצט. זיין געוויסן איז קאַלט אָדער ס'איז אין גאַנצן נישטאָ: געדענק — דו אָדער ער... הבא להרגך — שיס! אָדער ס'איז דיין טויט... אַ סעקונדע — טראַכט נישט! דו האָסט קיין ברירה נישט: שיס! טרעף!

*

יעדן טאָג וואַקסט די משפחה אבלים אין ישראל — און די געפאַלענע זענען דאָך אַוודאי ברידער. אין רויִקע יאָרן, אַז אַ ייִד איז ניפטר געוואָרן, האָט ער כאָטש מיטגעבראַכט אויפן הייליקן אָרט אַריכת ימים. געוועזן על פי רוב ייִדן מידע, זאַטע אין יאָרן, וואָס האָבן געלערנט אין חומש דעם סוד פון „קץ כל בשר" — ווער זשע קאָן האָבן טענות?

היינט רייסט מען אָוועק בלייִענדיקע לעבנס ביים סאַמע אָנהייב. זיצט אַ היפּשע משפחה טאַטעס און מאַמעס אויף נידעריקע בענקלעך און מען שווייגט שטום: אַז צו זאָגן איז נישטאָ וואָס. ערגעץ וואַלגערט זיך יאָ אַ ספרל אין שטוב, פון יענע ספרימלעך, מיט פאַרגעלטע בלעטלעך, מיט אָפּגעריבענע טעוועלעך — אָבער קיין טרייסט איז נישטאָ.

די שטיבער זענען פלוצים איבעריק גרויס. דער שפּיגל איז פאַר־האַנגען און אויף דער וואַנט קלאָגט אַ בילד אין אַ רעמל שוואַרצקייט. אויף דעם טרוקענעם פאַרמעט פון די פּנימער ביי די טאַטעס זענען אָנגעוואַקסן קויטיקע בערד, וואָס שטעכן. דער קרעמער פון שכנות, מיט אַ גאַרטעלע אויפן פאַרטעך, וואָס האָט דעם ריח פון נאַפט און הערינג, דאַוונט מנחה־מעריב.

ווער ווייס ווהין דערגייט די תפילה — אָבער סיי ווי: יורם איז שוין נישטאָ... און אהוד אויך נישט!... עודד... חיים... דאַני... איציק... דזשאָרזש... געבליבן זענען טאַטע־מאַמע, יונגע ווייבלעך מיט פיצלעך קינ־דער. די יתומימלעך ווייסן גאָרנישט, אַז מען קאָן זיי שוין מצרף זיין צום טרויער. ווילן זיי אָבער דווקא שפּילן „מלחמה". „דאָס לעבן גייט ווייטער".

נו, דער טויט שטייט דען? ער שלייכט זיך אַרום איבער דער וועלט, קריכט אַריין אין שטילע שטיבער, פאַרסמט די פעלדער, ביי אונדז און אין אַנדערע לענדער. מיר קוקן זיך צו צום בייזן ווונדער און נישט אַלע מאָל קאָנען מיר זיך אָפּהאַלטן פון התפעלות: „היסטאָריע...".

טרעפט, אַז די האַרמאַטן פאַרגעסן זיך אַ ווײַלע און שוויגן — באַ־ווייזט זיך אַ שטיקל הימל איבערן פעלד, דער הימל פון אייביק. שמועסן די ייִנגלעך פּשוטע, טיפע ווערטזאַכן: אַ מיידל אין דער היים... אַ פילם, וואָס מ'האָט אַמאָל געזען — און אפשר טוט אַ בלישטש פון ווייטנס אַ מאָר־גנדיקער טאָג, ווען די וועלט וועט זיך ווידער אויפהייבן פון די קויטיקע גריבער און וועט זיך גוט אָרומוואַשן — די וועלט?!

*

דאַני, דער קליינער דן, איז אַהיימגעקומען אויף אַ קורצן אורלויב. אויף אַ יום־טוב שיקט מען צו מאָל אַהיים די ייִנגלעך פון סועץ, פון סיני, פון רמת הגולן, פון ים המלח. שוין פריער האָט מען לאַנג געוואָרט אויף דאַנין און ס'איז אַלץ נישט געוואָרן פון דעם וואַרטן. האָט מען ווידער געוואָרט. דאָס מין וואַרטן איז אויך שיין.

ייִנגלעך, וואָס שטייען מיט אים אין איין קאָמפּאַניע, האָבן פון מאָל צו מאָל געבראַכט צעקנייטשטע, קויטיקע צעטעלעך, באַשריבן פון ביידע זייטן. האָט זיך פאַרזאַמלט די גאַנצע משפחה און מ'האָט, מיט פאַר־אייניקטע כוחות, געפּרוווט דערגיין, וואָס קאָן דאָרטן שטיין אין דעם פּאַפּירל. אָפּגעריסן איז דאָס פון אַ געווירעטן שולהעפט און באַקריצלט מיט פליגעלעך און עקעלעך, אותיות אַזעלכע.

„אמא" — האָט מען יאָ געקאָנט איבערלייענען: דאָס איינציקע וואָרט.

וואָס האָט זיך אָפּט איבערגעחזרט אין דעם צעטעלע, דערנאָך האָט זיך עמעצער אַנגעשטויסן, אַז אָט יענע געקרייזלטע צאַצקע ביים סוף פון בריוול איז מחויב צו הייסן: „מצבי... מצוין...״ מיר איז, הייסט עס, גוט.

פון וואַנען די ייִנגלעך נעמען עפּעס אַזעלכע דריבנע פייגלדיקע אותיות, יאָ און ניין — איז נישט קלאָר. זיי זענען דאָך געוווינט זיך מטפל צו זיין מיט ריזיקע וואָגיקע כלים, די היילים פון צה״ל — און דאָ: — אַ פּלעכטל, אַ שטריכעלע, אַ קיילעכל, אויף נישט צו לייענען. נו, אַבי ער קומט: דאַני. דאָס האָט מען זיך אָנגעשטויסן: ער קומט אויף יום־טוב.

די שטוב האָט זיך צעשטראַלט אין אַלע ווינקעלעך. די מאַמע פאַרגינט זיך נישט אַזאַ גרויסע פרייד אויף איין מאָל — זי צעטיילט דאָס גליק אויף קליינע פּענעצלעך: איצט אַ ביסל, טאָקע שוין, און דעם רעשט שפּעטער און נאָך שפּעטער. דער אורלויב דויערט אַ גאַנצן יום־טוב, אַ נאַכט און אַ טאָג און אַ שטיקל ערב־יום־טוב אויך.

עס וועלן קומען געסט, שלמה און עוזי. יעל וועט אויך אַריינקומען לכבוד דאַנין. משקה איז אָנגעגרייט און די עוגה איז כולה האַניק. זי שמעקט מיט פאַרבייסנס צום זיידנס יום־טובדיקן קידוש מיט די העלע ניגונים.

ס׳ווערט באַלד פאַרנאַכט, אָט־אָט — פלוצים צעהילכן זיך אויף די טרעפּ דאַניס שווערע טריט. די זעלנערישע שיך זענען געקאָוועט, אָנגעוואַקסן מיט דורכגעמאָסטענע טיפע זאַמדן — אַ גאַנצן מידבר מיט זאַמד: ווי קריכט מען גאָר אַרויס פון אַזעלכע טיפענישן!

ווייס איז אויך דער שטויב אויפן שויבער פון געדיכט אָנגעפּלאָנטערטע, צונויפגעדרייטע דראָטן, נישט פונאַנדער צו נעמען — און אָט איז דער לענגלעכער מיליטער־זאַק אויף דער פּלייצע. דאָס אין איינעם איז: דאַני. דער מונדיר איז דורכגעווייקט מיט שוויס און דאָס פּנים גאָלד און קופּער.

די מאַמע פליט אים אַקעגן אויף אַלע טרעפּ: „דאַני...״ „אמא...״. זי רעדט שוין, זי האָט נאָך נישט אָנגעהויבן — אָבער זי רעדט „פון מיטן״: „...איז, דאַני, יאָ... דאַני: אפשר... און אפשר פאָרט...״ זי ווייס נישט אַקוראַט, וואָס זי זאָל זאָגן — אָבער זי זאָגט סיי ווי. קיין סך מער ווי „דאַני...״ קומט נישט אַרויס פון דעם הייסן מאַמי׳שן געשטאַמל.

אָבער דאַני, איידער ער האָט זיך צעקושט און אַרומגעקוקט אַ ביסל אין שטוב, איידער ער האָט באַוויזן אַראָפּצוּוואַרפֿן פֿון זיך דעם זאַק — ליגט ער שוין אין דער גאַנצער לענג אויף דער סאָפֿע: ער ליגט. ער ליגט אין אָנטועכץ, אין די שווערע סאָלדאַטסקע שיך. עס ליגט מיט אים אין איין קנויל דער באַרג מיט מידקייט, וואָס ווייטיקט אין די ביינער, ייִנגלישע ביינער, וואָס האָבן זיך פּלוצים צעוואַקסן און זענען געוואָרן מאַנצבילישע מיט אַן אָנגעוואַקסענער שווערער באָרד.

עס הויערט אין דעם קנויל שלאָף דער גאַנצער מידבר, די לאַנגע דורכ־געוואַכטע נעכט, די טעג, וואָס ציִען זיך, געל און גלייך, די אַרומיקעליידיקייט, די בונקערס, די כלים, דער האַרטער יאָך, די באַפעלן, די מאַרשן און דער גאַנצער שווערער גורל פֿון פֿאָלק, וואָס איז דאָ פֿאַרזאַמלט, אַרום און אַרום אין מידבר: נאָך אַ מאָל אין אַלטן מידבר.

דאָס איז איצט דאַני. ער איז געקומען אויף אַ טאָג אורלויב, אַ טאָג יום־טוב אין דער היים ביי דער מאַמען. די מאַמעס וואָרט צו געניסן איר גליק — גיך געניסן, איידער דער טאָג ענדיקט זיך. אויף אַ בענקל זענען אָנגעגרייט דאָס ווייסע געפּרעסטע העמד און די בלויע יום־טובדיקע הויזן. די מלבושים וואַרטן און ווילן זיך אויך צעשטראַלן.

אָבער דאָס ייִנגל איז טיף פֿאַרזונקען אין האַרטן שלאָף. מען טוט אים אויס די שיך — ער פֿילט נישט און הערט גאָר נישט: לאָזט אים אויסרוען די ביינער! זיי שטרעקן זיך אין שלאָף. זיי דאַרפֿן נאָך אַלץ אַ וואַקס טאָן, די ביינער, אָניאָגן זייער ייִנגלשע גרייס — זיי זענען נאָך אַלץ נישט פֿאַרטיק: לאָזט דאָס ייִנגל שלאָפֿן!

די שעהען אַרום שפּרייטן זיך, ווערן טונקל און שטיל — גאַנץ שטיל. דער אָוונט איז אַריין אין דער נאַכט. אפשר וואָיען ערגעץ שאַקאַלן אין פֿעלד אָדער האַרמאַטן צעברומען זיך. חברים קומען זען דאַנין. זיי זיצן אַ שעה און צוויי — נישט כדאַי אים צו וועקן. די מאַמע פּרוּווט אים מאַכן באַקוועם דאָס געלעגער — גיט ער אַ לייכטן ברום, ערגעץ גאָר פֿון ווייטנס, און שלאָפֿט ווייטער.

דאָס איז דאַני אין זיין יום־טובדיקן אורלויב: אַ קינדערישער בער

מיט אַ גרויסער באָרד. די שעהען רוקן זיך. בלייכע שטראַלן פרימאָרגן־ליכט שפּילן זיך מיט זיין באָרד. נעכטן איז ער געקומען אַהיים, איז ער אַוועקגעפאַלן שלאָפן. ער איז שוין נישט מער אַזוי פעסט צונויפגעקאָוועט מיט שלאָף ווי פריער — אָבער ער האַלט נאָך נישט ביי אויפשטיין, נאָך נישט. נאָך נישט.

ער האָט ביז איצט אָפּגעשלאָפן כמעט אַ מעת־לעת, אַזוי צו זאָגן „אומלעגאַל" — וועט ער נאָך צושלאָפן גיך ביז צום אָוונט. דערנאָך ערשט וועט ער זיך אויסשלאָפן, לעגאַל, אַ גאַנצע נאַכט — ביז עס וועט קומען פאַרטאָג, וועט ער זיך אויפכאַפּן, כאַפּן אַ טרעמפּ און זיך לאָזן צוריק אין מידבר, ווו מען וואַרט אויף אים: צוריק פונעם „אורלויב" אין דער היים.

פורעניות און עקדה

שואָה

אַ וואָרט פון גאָטס גרימצאָרן — פון שטרענגן תנכישן לשון קודש אַריין אין ייִדיש, געוואָרן היימישלעכער לשון פון דער פאַרברענטער מאַמע. פון געטאָ, קאַצעט, בונקער, טויט־וואַגאָנען: יידישע ווערטער פון אונדזער תקופה, ווערטער פון „יענער וועלט״ — אַפילו פאַר די, וואָס זענען דאָרט נישט געווען. ווי אַזוי זענען מיר טאַקע פּלוצים דאָרט נישט געווען, בעת דאָס גאַנצע פאָלק איז יאָ געווען ביים „מעמד״ פון אונטערגאַנג? טאַקע נאָר ייִדן האָבן זיך אין אַזאַ וועלט־געוויירבל געקאָנט דערדרייען צו דעם אויסטערלישן זיין אויסער זיך. שואה איז ייִדיש, פּונקט ווי „רשע ימ״ש״... ווי „פּורעניות״... אפשר „קידו״ש השם״... נישט ווייט פון „אוי ווייי רבוש״ע״... סאַמע לשון קודש, אָנגעזאָפּט מיט ייִדיש פון ייִאוש.

„שואה״ אין איר איצטיקן באַטייט, איז ערשט קוים אַלט אַרום אַ פערטל יאָרהונדערט — כאָטש אונדזער אַלטער תנכישער איוב, פּיאָנער פון מענטשלעכע יסורים, אַנטפּלעקער פון קאָנטינענטס וועלט־צער, האָט שוין אין פריער אור־וועלט אָן ערשטן שמעק געטאָן צו דער דאָזיקער אומקומעניש: שואה ומשואה.

אָבער אין שפּעטערדיקע דורות, צו אונדזערע „נאָרמאַלע״ שחיטות, וואָס פילן אָן די ייִדישע וועלט־געשיכטע, האָט מען דאָס וואָרט „שואה״ נישט גענוצט. ערשט אונדזער דור האָט דעם באַגריף ווידער אַרויסגענומען פון

דער טונקעלער שאַצקאַמער פון כביכולס קאָסמישע שטראָף־אַוואַנטורעס קעגן זיין אויסדערווײלטן פאָלק.

עס איז דער קץ כל בשר פון אונדזער לעבנס־אונטערגאַנג בימי היט־לער ימח־שמו.

געוועז, ביז צו דער שואה, אַ פּאַטריאַרכאַליש־ייִדישלעכער שטאַרב־שטייגער: דאָס אייגענע בעט מיט הויכן, ווייסן צוקאָפּנס, די שטוב פול מיט משפחה און תהילים, מיט שאַרפע רפואה־טראָפּנס און געקלאַפּטע דער־פּעשעס צום רבין, מיט ווייבערישע איינרייסענישן ביים אָרון קודש, מיט ווידוי און מעבר יבוק — און אויך דער לעצטער פחד ציט זיך פּאַמעלעך, נישט געכאַפּט, אַט ווי דאָס לעבן אַליין.

און אַז ס'איז אויסגעבראָכן די שואה איבער דער נאַכט פון אונדזער לעבנס פינצטערקייט — האָט אין אָנהייב קיינער נישט געוואָלט גלייבן, מסתמא אויך נישט געקאָנט, אַז אַזעלכעס קאָן בכלל גאָר געמאָלט זיין. אַזוי לאַנג „וועלט איז וועלט"... וואָס איז מיטן „צווייטן פראָנט"? וואָס איז מיט די פּאַרטיזאַנער? און וואָס שווייגן די חסידי אומות העולם?

עס האָט געדויערט געוווג לאַנג, ביז דער גאַלגען־הומאָר פון אונדזערע פּאַרסמטע הערצער האָט אונדז, מיט די יאָרן, אויסגעלערנט לאַכן מיט שטעכעניש פון דעם דאַזיקן וועלט־פּאַרזעעניש, וואָס רופט זיך: „חסידי אומות העולם".

ערשט אין דער שואה און אין די יאָרן דערנאָך האָבן מיר זיי גוט דערקענט, די „פּני" פון דער מענטשהייט: פּרעזידענטן, מיניסטאָרן, דעמאָ־קראַטן, פּאַציפיסטן, דעגענעראַלן און קאַרדינאַלן מיט קטורת, סאַמע הומאַ־ניסטן, אַלע ליבהאָבער פון דעם מין מענטש. אויך קאַניבאַלן, שמועסט מען, זענען פילאַנטראָפּן אויף זייער שטייגער. זיי האָבן ליב דעם מענטש — אָבער נאָר געקאָכטערהייט.

דאָס זענען אײדעלע צער־בעלי־חיימניקעס, רוחניותן איינס ווי איינס, וואָס פּאַרמאָגן שטאַרקע שוואַכקייטן צו מענטשלעכן אומגליק, צו עלנט, מגפות, הונגער־פּיבער, ערד־ציטערניש, פּאַרפּלייצונג — דאָס אַלץ קאָ־

לעקציאָנירן זיי. זיי האָבן ליב יסורים — יענעמס. זיי האָבן ליב רחמנות צו האָבן — ווו נאָך אָבער קריגט מען יסורים מיט אַזאַ שיינער פּולקאָמענהייט ווי ביי ייִדן?

דאָס ייִדישע מוסטער־אומגליק, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אויף דער וועלט, איז אַזוי ווי געשאַפן פאַר דעם צאַרטן, ציטערדיקן „מיט־געפיל״־אָרגאַניזם פון די דאָזיקע געהויבענע פילאַנטראָפּישע צדיקים. זיי ליידן פון נשמה־פאַרשטאָפונג און מוזן האַלטן דיעטע. זיי „נעמען איין״ דינע פּראָשקעלעך „מענטשן־ליבע״: דערבאַרעם זיך אַ ביסל און רו זיך אָפּ — אַז דאָס נשמהלע זאָל זיך נישט איבעראַרבעטן...

וואָס ווילן זיי דען פון אונדז, די קריסטלעכע פיינשמעקערס פון דער ייִדישער וועלט־נויט? — מיר דאַרפן בלויז זיין אומגליקלעך — „רחמנות״ ליפערן זיי. דאָס איז אַ טראַדיציאָנעלע צעטיילונג פון די היסטאָרישע ראָלן, לויט אַ שטילן, נישט געשריבענעם אָפּמאַך פון ייִדישן גורל מיט אָט די דזשענטעלמענס, די „חסידי אומות העולם״.

מיר זענען שיינע אונטערגייערס, מיט אַזאַ מין דעקאָראַטיוון טויט, וואָס זינגט זיך ווי אין דער אָפּערע — און עס איז פון דור דורות די פּריווילעגיע פון די קריסטלעכע צדיקימלעך צוצוקוקן אין דער לאָזשע, מיט אַ לאָרניאָן אויף די אויגן, צו דעם דערהאַבן־טראַגישן מאַרטירער־ספּעקטאַקל.

נישט לייטיש, אַז ייִדן ברעכן מיט אַ מאָל דעם פאַרהייליקטן נישט געשריבענעם קאָנטראַקט און רייסן זיך דווקא לעבן, געזונט, בשר־ודמיש, מיט אייגענעם כוח, אין דער אייגענער היים — און וואַרפן אָפּ דעם פיינעם קרעכץ פון די איידעלע חסידי אומות העולם: אַזאַ אומדאַנקבאַרקייט פון עם קשה עורף...

יאָרצייטן

עס איז אַ וועלט פון בית עלמינס, וואָס שטופּן זיך איבעראַנאַנד, טורעמען זיך אין דער הייך ווי וואָלקנקראַצערס: קברים אויף קברים — כאָטש איך

ווייס נישט אַקוראַט, ווי זיי מאַכן דאָס טעכניש. די ערד איז כמעט אין גאַנצן שוין פאַרנומען, זוכט דער טויט נייעם לעבנסרוים פאַר זיין עקס־פאַנסיע. די קברנים גייען אַרום איבער דער צערודערטער וועלט, טראָגן אין די הענט גרויסע לאַמטערנס פינצטערניש און יאָגן אונטער די חברה בר־מינגס: „נו!"... יענע אָבער שטעלן זיך געפּגרט. זיי פילן זיך פּשוט אומ־צוקומען צום טערמין.

עס איז אַן עפּאָכע פון יאָרציַיטן — און איצט האָבן מיר יאָרצייט נאָך דער אומגעקומענער יידישער קולטור אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד. יעדן טאָג זאָגט קדיש אַן אַנדער קהילה, זאָגן קדיש די אָדער יענע יתומים פון אויס־געהרגעטן יידישן פאָלק אין קרעמאַטאָריעס און טייגעס: „יתגדל ויתקדש" — אָפּגעזאָגט. צו מאָל כאַפּט זיך צו איינער אַ יתום, וואָס שניידט זיך אויף אַ בר מינן, שטופּט זיך ערגעץ צו אַ ווענטל, וואָס איז געבליבן שטיין צווישן מפולתן, און גיט אַ גאַרגל־אָפּ אַפּגעשטאַנענעם טרויער פאַר אַ מנין יידן, גיך און כריפּנע, און יאָגט ווייטער — ער איילט זיך פאַרגעסן.

צו דעם אַלעמען האָבן מיר זיך פאַמעלעך צוגעוווינט אין דער רוטינע פון קאַלטער פאַרצווייפלונג. קיינער האָט קיין צייט נישט צו געדענקען — „שוין געהערט"! אַלץ האָט מען שוין געהערט און אַלץ פאַרגעסן — כאָטש געשען איז דאָס ערשט נישט לאַנג אין מאָסקווע, ביים לעבן פון אַלטן תליין, באַקאַנט מיטן נאָמען: ליכט פון די פעלקער.

איז אַרויס אַ גזר און אין איין טאָג איז אַרויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל די צונג פון דריטהאַלבן מיליאָן יידן אין רוסלאַנד. איז נאָך אַ קדיש! אָפּגעכאַפּט נאָך אַ מעסטל טרויער, אַרויסגעגעבן שטומען פּראָטעסט־געשריי — און גיי ווייטער: „פּראָגרעס" שטייט נישט.

אַוודאי, אין מיידאַנעק בין איך נישט געווען — אין וואָרקוטע אויך נישט — בין איך פּטור פון פאַרגלייכעניש, אַזוי צו זאָגן „ווייסנשאַפטלעכע", וועלכע איז געוווען די גרויליקסטע צווישן די צוויי הויפּט־סטאַנציעס אויף דעם פאַרבלוטיקסטן מאַרטירער־וועג, ווו ס'איז אויסגעגאַנגען אונדזער דור. קיינער פון אונדז פאַרמאָגט נישט גענוג פאַנטאַזיע, כדי זיך אויסצומאָלן די

דאָזיקעווירקלעכקייט, און מיט ניואַנסן גיב איך זיך נישט אָפּ — כאָטש די גיהנומס אַליין, דער רעכטער און דער לינקער, פאָדערן למען ה„גערעכטי־קייט" מען זאָל זיי פונאַנדערטיילן און אָפּשאַצן. „אינדיווידועל", יעדן לויט זיין „סטיל" פון גרויל.

און מיר איז נאָך אַלץ נישט קלאָר, פון וואַנען נעמט זיך די נאַיווע איינרעדעניש, אַז עס קאָן נישט געמאָלט זייןביים היינטיקן טאָג אין מאָסקווע אַ „רענעסאַנס" פון די אַלטע היימישע עלילת דם־פּראָצעסן, אַ־לאַ מענדל בייליס פון קיעוו. דער דאָקטוירים־פּראָצעס איז, אמת, טאַקע דורכגעפאַלן און די אויסגעפּרוווטע שונד־רעקוויזיטן פון געהיימע ראָמאַנטישע סם־פּראָ־קעס, אַריינגעמישט אין די רפואות, האָבן, ווייזט אויס, נישט „געצויגן" — נו, הייסט דאָס, אַז מען דאַרף זיך שוין מייאש זיין?

פון וואַנען, באמת, ווייס מען דאָס אַזוי זיכער, אַז יידן, לאָמיר זאָגן, ניצן נישט קיין קריסטלעך בלוט אַ שטייגער אויף חנוכה־לאַטקעס, צי אויף המן־טאַשן, אויב די מצות האָבן זיך אפשר שוין צוגעגעסן — צי לוינט נישט, כאָטש אַ פּרווו טאָן? צי איז דען נישט דער איבעריקער ראַבינאָוויטש, וואָס פּלאָנטערט זיך צווישן די פיס אין פּאָטערלאַנד פון סאָציאַליזם, די נאָ־טירלעכע פאַרפּלאָנטערטע ליניע פון דעם קיעווער ייד מיט אַ האַלבן יאָר־הונדערט צוריק?

אמת, דער מאָדערנער עלילת דם בוצט נישט מער קיין שיכורע גלחים און קיין איוואַנישע „תלמודיסטן", וואָס זענען בקי אין די פינטעלעך. די שוואַרצע מאה איז היינט רויט און קיין פּאָגראָם מאַכט מען נישט מער מיט פּרימיטיווע העק פון כוליגאַנעס און מיט צעריסענע יידישע בעטגעוואַנטן. יעדע עפּאָכע האָט זיך אירע רעקוויזיטן — און אַנטיסעמיטיזם, ווייסן מיר, איז לויטן געזעץ פאַרבאָטן אין ס.ס.ס.ר. האָט מען דאַרט ביים היינטיקן טאָג פולע ענציקלאָפּעדיעס „וויסנשאַפט", וואָס באַווייזן אַלץ, וואָס מען דאַרף — און דערצו איז דאָס „פּראָגרעס" אויך.

זיצט אויף זיין טראָן דער דעספּאָט פון דער תקופה, ווי אַ פאַרצייטיקער אָריענטאַלישער בלוט־סולטאַן, טרעט מיט איבערדימענסיאָנירטע זשאַנדאַ־רישע שטיוול הונדערטער מיליאַנען מענטשן, צעטרעט מיט רויטער געוואַלט

די לעצטע רעשטלעך נאַציאָנאַלן אייגנס, וואָס איז געבליבן דער יידישער מינאָריטעט אין ראַטנפאַרבאַנד — און אין דרויסן איז מען אַ מיטגליד אין וועלט־פּאַרלאַמענט פון די פעלקער, מאַכט מינאָריעס פון „קאָ־עקזיסטענץ" און פון „שלום", האַלט אויס אַמבאַסאַדעס אין דער גאַנצער וועלט, וואָס שמייכלען לכבוד יום־טוב, נעמט אויף ברייטהאַרציק אויסלענדישע געסט, צווישן זיי אַמעריקאַנער ראַביים, אַלוועלטלעכע צער בעלי חיימניקעס און די מאַדאַם גאַנדי, און באַוויזט פאַר זיי מאָסקווער כשרע שחיטה און אַ ישיבה פון קאָמסאָמאָלישע באַנק־קוועטשערס: אינטוריסט און סיבירער טייגעס, שקלאַפן־דינסט און אינטערנאַציאָנאַלע קונסט־פעסטיוואַלן, הימל און ערד און אַטאָם־„פאָרשונג" און „אַנטפּלעקונג". אַנטפּלעקט דערביי איינער אַן איידעלער טוריסט, אַז אייגנטלעך פאַרמאָגט שוין היינט רוסלאַנד פרייהייט אויך — קיין חידוש נישט: נאָך דעם, וואָס מען האָט אָנגעזאַמלט און איינמאַ־גאַזינירט אַזוי פיל פרייהייט, צוגערויבטע ביי הונדערטער מיליאָנען מענטשן.

טרעפט אַ מאָל, אַז איינער אַ מענטש, געשלאָגן מיט גייסט אין געוויסן וועקט זיך אויף פּלוצים פון די חלומות, דערשרעקט זיך פאַרן אָפּגרונט, גיט זיך אַ ריס און אַנטלויפט פון זומפּ — ווערט אַ ליאָרעם אויף דער וועלט. אַ רגע גראַגערן די סענסאַציעס און אַ סך קלאַפּן זיך אין די הערצער על חטא: מיטגעלאָפן, מיטגעזינדיקט, אינטעלעקטועל און אפשר מער, מיט־געלאַכט פון „צעקראָכענעם הומאַניזם", פון „שלאַבעריקער דעמאָקראַטיע", חוזק געמאַכט פון אייגענעם לעבן, מיטגעהאָלפן צעטרעטן ציביש מענטשלעכע פרייהייט און כבוד.

ווייטיקט אַ רגע דער צעווונדיקטער וועלט־געוויסן און שרייט פון אײַ־בערגעשראָקענעם שלאָף — דערנאָך... נאָך דעם אויפגעטרייסלטן ווײַ־געשריי בלייבט אין דער אַרענע אַ צעקנאָדערטע שלאָף־קופּקע, וואָס טוליעט זיך ווידער צו די וואַרעמע בעבכעס — און אַ ברייטער וועלט־גענעץ שפּרייט זיך ווי אַ ווייכער נעפּל איבער דעם לעבן: שששאַ — שאַ!... שאַ!...

שרייבערס און אונטערשרייבערס

טייל מאָל האָב איך דעם איינדרוק, אַז די חשובע סאָוויעטישע קאָלעגן צעטיילן זיך אין צוויי גרופּעס: שרייבערס און... אונטערשרייבערס. די ערשטע פירן זיך לויטן פּאַרצייטיקן שטייגער: זיי שרייבן. צו זיי געהערן פּאָעטן, דערציילערס, עסייסטן, וואָס זייערע ווערק זענען אַ מאָל בעסערע, אַ מאָל שוואַכערע — אַלץ ווי גאָט גיט: טאָקע דער, וואָס מען האָט אים אָפּגעשאָפּט.

צו דער צווייטער גרופּע געהערן די אונטערשרייבערס. אַוודאי, שרייבערס זענען זיי אויך — אָבער אַ באַזונדער געניטשאַפט האָבן זיי דערגרייכט אין דער מלאכה פון אונטערשרייבן. זייערע חתימות באַשיינען אַלע אָפיציעלע דעקלאַראַציעס, אוקאַזן און פּאַשקווילן.

קאָן זיין, זיי זענען טעכניש פּשוט נישט בכוח נישט אונטערצושרייבן. נאָר יחידים קאָנען זיך דערלויבן צו האָבן אַן אייגענע מיינונג און זיך באַנוצן מיט איר. וועגן די אַנדערע אָבער זאָגן די חכמים: „אל תדון את חברך עד שתגיע למקומו".

דאָס איז יענער מין לשון קודש פון יידישן גורל, וואָס מען פאַרשטייט אויסגעצייכנט אויך אין מאָסקווע — און מיט דעם „מקום" זענען גאָר אַ סך געפּרווט געוואָרן: „מקומו".

קעגן וואָס איז צו רייד געקומען? אַ גרופּע באַקאַנטע סאָוויעטיש־יידישע שרייבערס האָט פאַרעפנטלעכט אין „סאָוויעטיש היימלאַנד" אַן אָפענעם בריוו וועגן ישראלס מלחמה פון די זעקס טעג. סאָלידאַריזירט זיך מיט דער אַראַביש־סאָוויעטישער אַגרעסיע קעגן ישראל — געווייינלעך: „למען השלום". אַזוי שטייט אין דערמאָנטן בריוו.

די אונטערשרייבערס קנעלן מיט אונדז קודם כל, אַז „דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט אין דער וועלט־מלחמה פאַרלוירן זעקס מיליאָן יידן, דאַרף גוט פאַרשטיין די סכנות פון מיליטערישע קאָנפליקטן". דאָס זאָגן זיי אונדז — פון אונדזער טובה וועגן.

דערנאָך קומט אַ ציטאַט פון אַלבערט איינשטיינס אַ דערקלערונג, אַז דער קיום פון יידישן פאָלק קאָן פאַרזיכערט ווערן נאָר בתנאי, אַז יידן

װעלן לעבן װי גוטע שכנים מיט די אַראַבער — סאַמע עצות פֿאַר אונדזערט־װעגן. די אַראַבער, דאַקעגן, באַקומען געװער.

און נאָך אַ ציטאַט, אויך נוצלעך, דאָס מאָל פֿון קאַסיגינען אַליין, דעם הײנטיקן ציטאַטיושקאַ פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד: „סאָװיעט־רוסלאַנד איז נישט קעגן ישׂראל, נאָר בלויז קעגן דער אַגרעסיע־פּאָליטיק פֿון געװיסע הערשנדיקע קרײַזן אין ישׂראל״.

װאָלטן, הײסט עס, די „הערשנדיקע קרײַזן״ אין ישׂראל זיך נישט אַרײַנגעמישט און נישט קאַליע געמאַכט בידיים דעם סאָװיעטיש־אַראַבישן סטראַטעגישן פּלאַן, װאָלטן די הונדערטער און הונדערטער „מיג״־ערעאָפּלאַנען און די טאַנקען, װאָס האָבן געטשאַטעװעט אויף אונדזערע גרענעצן, רויק געקאָנט אָפּטאָן זײער אַרבעט, לויטן פּראָגראַם — און אַלץ װאָלט געװען שטיל. טויט־שטיל.

אין אַזאַ פֿאַל װאָלט מסתּמא די ראַטנמאַכט באַלד נאָך דער װירקונג פֿון די אַראַבישע שחיטות אויף אונדזער פֿאָלק, ברײטהאַרציק אַרויסגעשיקט, װי נאָך אַן ערד־ציטערניש, טראַנספּאָרטן יאָדינע און אַספּירין, געטרוקנטע פֿיש און עלטערע קאָלדרעס, אַחוץ הומאַניטאַרע שפּרוכן און לאָזונגען פֿון דער װעלט פֿון מאָרגן — אַלץ כּדי צו ראַטעװען די איבערגעבליבענע אונ־טער די חורבות.

מיר װײסן, זײ האָבן אַלע אַ סענטימענט פֿאַר „איבערגעבליבענע ייִדן״ — אין יעדן רעזשים אַזוי: דו, גוטער ברודער, דאַרפֿסט בלויז אונטער־גײן און מער גאָרנישט — סימפּאַטיע װעלן מיר דערלאַנגען שפּעטער. דאָס איז אַזאַ סאָרט פֿאַרהײליקטע צעטײלונג פֿון די ראָלן. די מאָסקװער פּלאַטאָ־נישע „סימפּאַטיע״ װאָלט מסתּמא אָנגעקומען אין ישׂראל פּונקט צו דער צײַט, באַלד נאָך די נײַע סאָװיעטישע געװער־ליפֿערונגען אין קאַיר און דמשק.

די װעלט־בעלי־בתּים, פֿון רעכטס און פֿון לינקס, זענען ברוגז, אַז זײער פּילאַנטראָפּישער הויפּט־קליענט, דער אײביקער קאַנדידאַט אויף װעלט־אומ־גליק, װערט אומדאַנקבאַר, נעמט אַװעק בײַ די בעלי טובֿות די פּריװילעגיע פֿון זײער אײדעלן רחמנות מיט יענעמס גורל — און װיל גאָר אַליין

קעמפן פאַר זיין לעבן. נאָך מער: ער פרעגט נישט ביי קיינעם און האָט גענומען זיגן אויך — אַזאַ העזה!

דאָס האָט געטאָן צה״ל אין די זעקס פלאַמיקע טעג פון ישראלס פאַר־טיידיקונגס־מלחמה. די זעקס טעג האָבן צעשטערט דעם שונאס אַגרעסיע־אַפּאַראַט און האָבן געשאַפן זיכערקייט אויף אונדזערע גרענעצן. מיר האָבן די גרענעצן אַרויסגערוקט אַ ביסל ווייטער, נאָך ווייטער, צום דרויסן צו — ווייל אינעווייניק, אין אונדזערע אייגענע שטעט און דערפער, דאַרפן מיר דעם היימישן שטח אויף צו לעבן און אַרבעטן.

אַז דער שונא צווינגט אויף אונדז אַרויף אַ מלחמה, דאַרף ער צו דעם צוועק שטעלן צו דיספּאָזיציע זיין אייגענע טעריטאָריע. דאָס איז די נאַ־טירלעכע קאַמף־אָרענע. מיר אין ישראל פאַרמאָגן נישט קיין איבעריקע שטחים, דער שונא זאָל האָבן וואָס צו צעשטערן. ביי אונדז איז יעדעס ברעקל ערד אָפּגעציטערט.

די דערמאָנטע סאָוויעטיש־יידישע שרייבערס ווענדן זיך מיט זייער שלום־אַפּעל „צו די שרייבערס און קולטור־טוערס אין די פּראָגרעסיווע לענדער און צו יידן אין דער גאַרער וועלט״. צווישן די פּראָגרעסיווע לענ־דער״ פאַררעכנט דער אַפּעל, נישט אָן הומאָר, מסתמא אויך סיריע און מצרים.

די דאָזיקע „פּראָגרעסיווע לענדער״ קריגן לעצטנס פון מאָסקווע נייע געוועור־טראַנספּאָרטן — קענטיק כדי צו קאָנען באַנייען זייערע „שלום״־אַטאַקעס קעגן ישראל.

צי ווייסן דאָס נישט אונדזערע סאָוויעטישע קאָלעגן, די חשובע שריי־בערס: די אונטערשרייבערס?

דור פון דורות

בלויע ערב־שבתדיקע שעהען פון „ויכולו". האַרבע פייערלעכקייט נאָך די דראַמאַטישע זעקס טעג פון אונדזער באַנייַטן וועלט־באַשאַף. זעקס טעג זענען דעם חומשס סטאַנדאַרד: אויף אַ וואונדער דאַרף מען נישט מער. ביים כביכול, ווייסן מיר, האָט די בריאה אויך נישט לענגער געדויערט — כאָטש ס׳געווען דעמאָלט סאַמע בראשית און דאָ איז מען איינער אַליין מיט אַזאַ תוהו ובוהו: נישט מער ווי „גייסט איבער די וואַסערן". האָבן סקעפּטיקערס געהאַט תרעומות, וואָס דער רבוש״ע האָט זיך צוגעאײַלט מיט זיין אָפּטימיסטישן „כי טוב", נישט אָפּגעוואַרט די אַנטוויקלונג. זיי האַלטן, מ׳דאַרף זיך אויסהיטן פון גוזמות, כדי נישט אָפּצושוואַכן דעם צוטרוי צו הימלישע דעקלאַראַציעס. אָבער אויך מקובלים, נענטער צום סוד, ווייסן אַז די וועלט איז נאָך נישט פאַרטיק. אירע פּגימות בעטן זיך אַלץ אַ תיקון. פאַרטאַטשעוועט וועלט־פאַרבעסערס פון אַלע דורות און לייגן אַלע מאָל צו פרישע לאַטעס — אַזש דאָס מלבוש איז אַ מין סטראַי פון קבצנישער בונטקייט — און דער עלנט האָט אַלע קאָלירן פון גרוי. אָבער דאָס בלויז דרך אגב.

מיר אין ישראל פילן אויף זיך היינט דעם עול און די גרויסקייט פון ארץ־ישראל, לארכה ולרחבה, זייט דאָס לאַנד האָט פונאַנדערגערוקט די קלעמענדיקע גרענעצן. למאי זאָל איך לייקענען: אַז מיר זענען דעם 14טן מאַי 1948 געזעסן אין מוזיי פון תל־אביב, בעת פון יפו האָבן אַריי־בערגעשאָסן אַראַבער, און דוד בן־גוריון האָט פּראָקלאַמירט אין נאָמען

פון דער צייטווייליקער פאָלקס־רעגירונג די סוווערעניטעט פון ישראל, בלויז „ישראל״ — האָב איך געפילט: ס׳איז מיר קנאָפּ, עס שמעקט מיט אונאָ, מיט רעזאָלוציע. איצט, נאָך דער מלחמה פון די זעקס טעג, לעבן מיר ווידער אין ארץ־ישראל, כמעט ווי פאַרצייטנס.

ס׳איז דעם יידנס ארץ־ישראל, וווהין דער אַלטער איז אַוועק ביים סוף פון יענעם יאָרהונדערט, יאָרהונדערט פון די יידעס, אַז ער האָט זיך צעקריגט מיט די פעטערס, די „ציונים״, און האָט צעטיילט די ירושה. האָט ער דער באָבען געהייסן אָנגייען אַ נייע עטרה אויפן קיטל, אַ נייעם וועריך אויפן שטריימל און אָנגרייטן אַ ציכל סוכאַרעס, איידער מען לאָזט זיך אין וועג אַריין. ס׳איז דעם גאַנצן פאָלקס ארץ־ישראל און טאַקע דעם רבוש״עס אויך: אַבותדיקע לאַנדשאַפט, תנכישע גרענעצן, אַלטע פלעצער, וואָס האָבן זיך אומגעקערט צו אונדז פון ווייטן אַמאָל און האָבן אונדז מזכה געווען מיט שפּאָגל נייע פּראָבלעמען — ס׳דען געמאָלט אָן זיי?

דער גוי פון אונדזער מדינה איז דער אַלט־נייער גוי: ישמעאל — אַ גוי, וואָס איז עפּעס גאָר קיין גוי נישט. אפשר קערט ער זיך אָן מיט לבן הארמי, קאָן זיין: מיט עפרון החתי, וואָס האָט געטאָן אַ טובה און האָט פאַרקויפט אברהם אָבינו די מערת המכפלה פאַר פיר הונדערט שקל כסף: שטאַרק איבערגעצאָלט. קיין חידוש נישט, אַז דער זיידע אברהם איז געווען פאַרטאָן כל ימיו מיט גאָט אין הימל — וואָס זשע ווייס ער פון באַדן־פרייזן? אַפנאַרן איז ביי די ישמעאלים־סוחרים שוין אין יענע יאָרן געווען שטאַרק באַליבט. זייט דעמאָלט איז דאָס געוואָרן אַלגעמיינע טראַדיציע.

דאָס איז דער חומשדיקער גוי: אונדזער שכן אין ארץ־ישראל. ער איז פרימיטיוו און כיטרע. ער פאַרבייגט זיך טיף פאַר דעם „האַר״, קלאַפּט אָן מיטן שטערן אויף די איינגעטריקנטע בהמה־מיסטן פון גאַס און רעדט ווי אין חדר מיט פסוקימדיקער הכנעה: אַז „דער האַר האָט באַוויליקט צו קומען אין שאָטן פון דעם קנעכטס בעליק״ — איין מאָל אַ גאַנג. און אפשר האָט דער איינגעבוירענער פעטער באַהאַלטן אַ קינזשאַל אונטער דער פאָלע? מען דאַרף זיך צוגעווינען און חושד זיין מיט כבוד. די

מעטשעטן זענען איצט שטום. די זון גליט ווייס אויף שוואַרצע בורנוסן. די הייזער זענען אויסגעדרייט מיט שטיינערנע פלייצעס צום אַנגעמיס־טיקטן וועג. די ברונימער האָט געגראָבן יצחק אבינו — און די ווייבער, אויך נישט פון היינט, מאַכן „הויערן" די קויטיקע קעמלען, כדי דער מאַנצביל אין די ברייטע פלודערן זאָל רייטן צווישן די הויקערס. דאָס איז אַ צוגאָב בילדערישע עקזאָטיק. זי קאָלאָרירט דעם רעאַליסטישן אויפ־ברויז, וואָס שפּאַרט פון אַלע ווינקעלעך היינט אין ארץ־ישראל, צווישן רושטאָוואָניעס און בולדאָזערס, און באַגליקט דאָס לאַנד מיט ווייִ און וווּנדער פון ווקס. אַוודאי, ס'איז אַ האָרעוואַניע צו וואַקסן אַזוי שטורעמ־דיק — אָבער גיי, שפּיל זיך מיטן מלאך, וואָס שטייט דיר איבערן קאָפּ און טרייבט! און אַז דער שונא, חלילה, טרייבט, וואָלט שוין געווען בעסער?

האָב איך זיך געטראָפן די טעג אין איינעם אַ קרייז מיט עטלעכע פון די „יינגלעך", וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט די „כלים" און מיט דעם גייסט פון די זעקס טעג. די כלים זענען דאָס לעצטע וואָרט פון דער טעכ־נאָלאָגיע און די יינגלעך — ישראלס היימישלעכע טעכנאָלאָגויים: עוזי, אורי, חגי, רפי, יאָסקע, מאָטקע, נסים. עטלעכע פון דער „חברה" האָב איך געזען אויסוואַקסן פאַר מיינע אויגן: דרויבעלעך אין גן ילדים, וואָס שפּילן זיך אין זאַמד און פּראַווען „יום הולדת" מיט גילדענע קריינדלעך איבער חנעווודיק־פּאַרסמאַרעוועטע פּנימלעך. טומלען „טיולים" אין מידבר, אין די בערג, אין זאַמדיקע וואַדיס: קלומיקלעך אויף שמאָלע פּלייצעס, צעדראָפּעטע, נאַקעטע ליטקעס, סענקעוואַטע שטעקנס, ווי ביי די פּאַס־טעכער פון גאָלדפאַדענס „שולמית", שקאָרמיצלעך אויף שוואַרצע און בלאָנדע קעפּ, העזהדיקע תנכיש־שקאָצעוואַטע נפשלעך; און עס פּיל־דערן קולי־קולות, וואָס רייסן זיך אין אָנהייב ווי ביי קרייענדיקע הענד־לעך, און ווערן פּאַמעלעך פּריצייטיקע יינגלישע באַסן.

דאָס זענען אונדזערע גענעראַלן, פּילאָטן, פּאַראַשוטיסטן, מאַטראָסן — אַ ברירה האָבן זיי? זיי וואַקסן גיך, ווייל „דאָס" האָט קיין צייט נישט:

שוין מוזן זיי ווערן היסטאָריש — אין בוי און אין קאַמף. אָט האָבן זיי אַרומגעדראַלעט אין ראָמאַנטישן הפקר, אַזוי זיך, געלאַשטשעט מיט ייִנג־לישע בליקן יעדן קנייטש פון דער גרייזגרויער ערד, יעדן שפּאַלט און יעדן ריס, היילן, בערגלעך, דיונעס, פאַרשאָטענע קוואַלן, וואָס האָבן אַליין פאַרגעסן, אַז זיי האָבן אַמאָל געשפּרודלט מיט וואַסער, אָפּגעריסענע שטיקער, צעגליטע פעלדזן, ווו עס זענען געבליבן שטיין, פון יענע צייטן, אַלטע קאָרטשיקעביימער, און זיי וואַקסן נאָך אַלץ מיט אַ מין קאַפּריזנעם דווקא. דאָס אַלץ וועט מען אַ מאָל דאַרפן, אַז ס'וועט אויסקומען, צו באַגעגענען דעם שונא. האָבן זיך די ייִנגלישע הערצער צונויפגעגאָסן מיט שיינקייט און אומעט פון אונדזער לאַנדשאַפט — און דאָס פּאַטערלאַנד האָט זיך פאַרלאָזט אויף די געטרייע, קלוגע הענט, אין העלע טעג פון אַרבעט און אין שווערן ביינאַכטיקן שווייגן אויף אונדזערע גרענעצן. אַזוי זענען די קינדער פון אונדזער אַלטן פאָלק, וואָס האָט דורך זיי ווידער באַקומען פליגל.

זאָגט איינער: סאַברעס — העזהדיק, האַרב, שטעכיק. נישט די ווילע ייִנגלעך פון די גוטע באַלעבאַטישע ייִדישע שטיבער, וואָס האָבן דורך אַרץ פאַר אַן עלטערן און קושן די האַנט אַ פעטער. אַזאַ איינס ווערט אַ חתן, מאַכט קאַריערע, שטעלט צו נחת פאַר דער גאַנצער משפּחה. אין ישראל אָבער דריגעוועט דאָס יונגוואַרג: סאַברעס און פאַרסאַברעטע. חברה מאַכט זיך נישט קיין צימעס פון איינעם מיט הדרת פּנים, אָפּ־געברומט אַ געכאַפּטן „שלום" — און שוין. אַלע מאָל איילט מען זיך צו אַ „פּעולה", די אָדער יענע. מיט אַלע חושים פילט דאָס יונגוואַרג, אַז „ציונות" איז אַ העזהדיקע אַרויספאָדערונג פון דער ייִדישער געשיכטע — און אונטערשטעלן אַ פּלייצע מיינט נישט די מעטאַפאָרישע „פּלייצע" פון יום־טובדיקן לייט־אַרטיקל, נאָר טאַקע די גאַנצע רמ"ח אברים: זיי פאַר־זענלעך, גוף ונפש. די ייִנגלעך אונדזערע זענען, פּיראָטנצוואַנציק שעה אַ מעת־לעת, געלאַדן מיט שווערן פּאַטאָס אין קידוש השם פון טון, אין בוי און אין קאַמף. קעמפן הייסט ביי אונדזער דור: נישט האַלטן אַ רעדע

און „צעשמעטערן" דעם שונא מיט רעטאָריק אויף דער טריבונע, נאָר טריקענען אין די געצעלטן פון מידבר, מאַרשירן אין די צעגליטע זאַמד־סטעפּעס, שלינגען פייערדיקן שטויב און פירן ישראלס מלחמה פאַרן נאַקעטן לעבן, פון יעדן יחיד און פון גאַנצן כלל. ווי זשע קאָן מען נאָך באַווייזן צו זיין דערביי אַ זיידענער יונגערמאַנטשיק מיט מאַניערן? און ווער וועט אין זינען האָבן ירושלים און חברון, דעם ים המלח און דעם ירדן, דעם נגב און מידבר סיני, רמת הגולן און עזה און טאַקע — גאַנץ ארץ ישראל?

דאָס זענען נישט קיין סטראַטעגישע קאַפּריזן פון גענעראַלן, פאַר־שיכורטע פון נצחונות, און נישט קיין תנך־ראָמאַנטיק פון פּאָעטן. דאָס איז לעבנס־אָטעם פון פאָלק, ברויט און זאַלץ, שוועל און דאַך, ערד פון די אבות, טויזנט מאָל געהייליקט מיט דעם בלוט פון די געפאַלענע יינגלעך, קינדער פון מיידאַנעק און טרעבלינקע: דור פון די דורות.

אויך דאָס איז ירושלים

מסתמא וואָלט געווען אַ יושר צו דערמאָנען אַ מאָל ירושלים אָן ראָ־מאַנטיק, אָן קבלה, אָן כותל מערבי, אָן דוד המלך — נו, קאָן מען דען? אַוודאי איז פאַראַנען אויך אַ וואָכעדיקע שטאָט ירושלים, וואָס האָט נאָך אַלץ נישט אין גאַנצן אויסגעהיילט אירע וווּנדן פון דער מלחמה; אַ שטאָט, וואָס רייסט זיך און וויל וואַקסן און ברעכט זיך שווער אַרויס פון אוראַלטן שטיין; אַ שטאָט מיט אַ האַרט לעבן פון אַרבעט און קאַמף פאַר קיום, מיט פאַבריקן וואָס טענהן, אַז זיי „דערלייגן געלט", מיט וואַרשטאַטן, וואָס קאַרטשען זיך אין טוכלע קעלערס, מיט אַרבעטער, וואָס טריקענען אויף רושטאָוואַניעס אין בראָטנדיקע חמסינען, מיט קרעמערס פון אַלטן ייִשוב, וואָס צופּן נאָך אַלץ אָן אַ טאָלק די אויסגעפּוצטע דאגת־פּרנסה־בערדלעך, מיט גאַנצע דינאַסטיעס אַלטגעזעסענע קבצנים, וואָס קולטיווירן פון דור דורות אַ מין מאַלערישן אור־דלות, שיינע אָרעמע לייט, איינס ווי איינס, מיט אויסגעאיידלטע צורות, איינגעקלעמטע אין שוואַרצע שטיקער קויל און אין פאַנטאַסטישע גאָלד־ און קופּער־געפלעכטן פון בערד און פאות, וואָס וואַקסן, ווי זיי ווילן, פרעגן נישט נאָך קיינעם, ווילן קיינעם נישט געפעלן ווערן. דאָס זענען האָפערדיקע דלפונים, וואָס בעטן נישט, נאָר „נעמען", פאַראַדעווען אין בראָקאַטענע כאַלאַטן און אין ווייבערישע טענ־דעווערענדעס, וואָס שיטן זיך שוין צענדליקער יאָרן און האַלטן זיך נאָך אַלץ פאַר אַ מלבוש — פעאָדאַלע אביונים מיט קלאַסן־שטאָלץ, געהויבענע־געפאַלענע, וואָס לאָזן נישט אַריין אין זייער עקסקלוזיווקייט קיין אביונים־

פּאַרוועניוס אָן זכות־אָבות, אָן סטאַזש, קיין אויפגעקומענע־אַראָפּגעקומענע, וואָס זענען נאָך נעכטן אפשר געווען בעל־הביתלעך...

אָוודאי דאַרף מען געדענקען, אַז ירושלים איז אַ שטאָט, וואָס האָט הינטער די פּלייצעס דעם שונא און פילט זיין אָטעם וואָס טשאַטעוועט אין שווייגנדיקע נעכט; אַ שטאָט מיט אַ האַרבן פּאָליטישן גורל, וואָס צערייצט מיסטישע אַפּעטיטן פון געוויסע אַלוועלטלעכע קדושה־אַגענטן און אינ־טריגע־דאַוונערס, וואָס ווילן מאַכן פון ירושלים אַ פּאַרזעעניש פון אַן אינ־טערנאַציאָנאַלן ניי־בבל — אָוודאי און אָוודאי: אויך דאָס אַלץ אין איינעם איז ירושלים און מען דאַרף וועגן דעם דערציילן.

אָבער איך גיי אַרויס אין גאַס און עס שטופּן זיך אַרום מיר, נאָענט און געדיכט, פעלדזן און דורות־פאַרשטיינערטע שטיקער תנך, פול מיט היינט, פול מיט נאָענטן אָטעם, אַ לאַנגער צוג פון לעבעדיקע שאָטנס, אָבות, נביאים, מלכים, גבורים, אַלע מיט גלאַנץ אויף די קעפּ, אַלע מיט אַש אויף דעם גלאַנץ. דאַכט זיך, זיי זענען אַלע דאָ מיט אונדז נאָך פון יענע פאַר־זונקענע חומשדיקע טעג, אייביק מיט אונדז אין איינעם, אין פּיין און אין פריידן, קיין מאָל נישט אָפּגעטרעטן פון אונדז: וווהין וועלן זיי דען גיין!

געשיכטע און לאַנדשאַפט מישן זיך, שימערירן אין דער פּערלמוטערנער גרויקייט פון דער דאָזיקער איינמאָליקער שטאָט. די לאַנדשאַפט דראַפּעט זיך אַרויף, שפּיצט זיך אויף צעריסענע פעלדזן, דערלאַנגט הויך און הע־כער. דאָס איז אַ לאַנדשאַפט אָן חנדלעך, נישט קיין געמיטלעכע, נישט קיין אויספּוץ פאַר עפּעס און נישט אויף עמעצן הנאה צו טאָן. אַ לאַנד־שאַפט אַ שטרענגע, אַ מאָנערישע, כמעט אַ בייזע, אַ לאַנדשאַפט פון בונט און גלויבן, פון געראַנגל מיטן מלאך, פון אויסגעזזונגענע קינות און מזמו־רים, מיט מוט צו דער אייגענער האַרבקייט, מיט פאַראַכטונג צו פרעמדן באַרבאַרן־גלאַנץ, די קליינע רעזידענץ פון אַ גרויס פאָלק: אונדזער ירושלים!

איך גיי אין אָוונט איבער די גאַסן, אין גרינלעכן גלאַנץ פון דער לבנה, וואָס צעשפּילט זיך איבער אָן אָרגיע פון שטיין, איבער אַ נאַכטיקער פּאַ־נאָראַמע פון טורעמס און טויערן, קופּאָלן, גאַניקעס, חורבות, פּאַלאַצן. איך

קוק אויף ירושלים מיט תל־אביבער אויגן. די שטאָט איז שטיל. מענטשן טוליען זיך צונויף אין ענגע קאָפּעס, וואָס צעגיסן זיך נישט איבער די גאַסן. איך האָב באַגעגנט מענטשן אין ירושלים, וואָס זענען נאָך באַהאַוונט אין דער קונסט פון שווייגן, גלייך זיי זענען זיכער, אַז דער עיקר איז סיי ווי שוין געזאָגט געוואָרן, טאַקע דאָ, אין ירושלים, געזאָגט און געחתמעט אין גרויע פּאַרצייטנס מיט דעם זיגל פון אמת — נישטאָ וואָס מוסיף צו זיין. אפשר האָט דער מאָדערנער שטאָט־רעש אַ קליין ביסל דרך־ארץ און האַלט זיך איין אין ירושלים — און אַפילו אונדזערע סאָלדאַטן, וואָס פאַלן אַריין אויף אַ קורצן אורלויב פון קאָרידאָר צי פון נגב, פאַר־שטויבטע און מידברדיק פאַרברענטע, באַוואַקסענע מיט שויבערדיקע דווקא־בערד ווי פון שטעכיקע דראָטן, אַפילו זיי צוימען זיך, בושעווען בלחש. דאָס איז ירושלים!

איך בלאָנדזשע צווישן ווינקלדיקע געסלעך, וואָס טוען פלוצים אַ פאַל אַראָפּ פון ערגעץ, גלייך פון אויבן אַראָפּ — געסלעך, וואָס הענגען כמעט ווערטיקאַל און טוען זיך עפּעס מיט אַ מאָל אַ דריי צווישן הויפן, פאַר־פלאָנטערן זיך און ווילן זיך גאָרנישט אַרויסדרייען — אַז עס אַרט זיי אין גאַנצן נישט די צעמישעניש. ס'איז נאָכן „סעזאָן" אין ירושלים. די עולי רגל צעפאָרן זיך — אָבער ירושלים האָט אייגנטלעך אַן אייביקן „סעזאָן". פאַרוואַלגערן זיך אַ מאָל אין אַ פּשוטן וואָכנטאָג טוריסטישע חול־המועד־ניקעס פון גאָר דער וועלט און אַ מאָל היימישע ייִדן פון לאַנד גופא, יונג־וואַרג, אַרבעטער, בעלי־בתים, קיבוצניקעס מיט „סענטימענטן", נישט דער־גאַנגענע „גאָטזוכערס" און מיסטישע נאַשערס, וואָס ווילן כאַפּן אַ „ציטער", און אַפילו פּראָפעסיאָנעלע פריידענקערס, וואָס האָבן ליב צו לייקענען מיט „אַטמאָספערע", וואָס מחוץ די מויערן פון ירושלים וועט זיי אפשר גאָר־נישט איינפאַלן, אַז ס'איז „נישטאָ, חלילה, קיין גאָט אויף דער וועלט", וואָס בונטעווען זיך קעגן כביכול דווקא ביי אים אין דער היים, פּראַוון כפירה אויף דעם הינטערגרונט פון אמונה.

אַ ייִנגעלע מיט שווערע פּאות אויף אַ בלייך פּנימל ווייזט מיר דעם וועג צו מאה שערים. מיר פלאָנטערן זיך צווישן קלויזן, בתי מדרשים,

מקובלים־שטיבלעך און צעקרישלטע רעשטלעך פון אַ מפּולת, וואָס רעדט זיך איין, אַז זי איז אַ חורבה. אומעטום לערנט מען און מען „זאָגט״, און דאָ, ווו מ׳זאָגט נישט, „דערזאָגט״ מען פון פריִער. מען איז דאָ הינטער־שטעליק. עס שיט זיך „זאָגעכץ״ פון די ווענט, פון די שווערע, טונקעלע ספרים־אַלמערס, פון דער הויכער געבויגענער סטעליע, אונטער וועלכער עס קנוילן זיך תפילות. פאַראַנען חסידישע פיינשמעקערס, וואָס האַלטן נישט פון די סקאַרבאָווע שטיקער דאַווענען און לערנען, נאָר קוויקן זיך מיט ראַפינירטע יראת־שמים־לאַקיטקעס פון באַהאַלטענע סודותדיקע ספרים־לעך. דאָס זענען „בעלי־תאוותניקעס״: עולם־הזהניקעס פון עולם הבא.

אין איינער פון די קלויזן, אין ווייסן ליכט פון גרויסע פאַרצייטיקע בליצלאָמפּן, דרימלט אַן אַלטיטשקער איבער פריכנע בלעטער פון אַ ספר. ער שמייכלט אין חלום. זיינע בלעכענע ברילן זענען אַרויפגערוקט הויך אויף דעם טיף צעאַקערטן געלן שטערן. דער זקן קנייטשט דעם שטערן אויך אין דרימל: אַן עבירה צייט... און אָט איז נאָך אַן אַלטיטשקער: ברוגז אויפן רבוש״ע. ער האַלט, אַז ירושלים איז חרוב געוואָרן נאָר צוליב שינאת־חינם — ווייל דער רבוש״ע האָט אונדז פיינט אומזיסט: וואָס זשע, זיי האָבן דאָרט עמעצן אַנדערש ליב צו האָבן, אַחוץ יידן?... נו, און אהבת ישראל איז ביי „זיי״ גאָרנישט?... ער בייזערט זיך מיט פּחד — און אַ ביסל האָט ער רחמנות אויף דער שכינה אויך, וואָס האָט, נעבעך, אַליין צרות פון דער סיטרא־אחרא — אָבער קיין עוולות וויל ער פאָרט נישט ליידן. עד מאָנט אהבת חינם, אויפן אָרט פון שינאת חינם, און ער וויל, מען זאָל דאָרט אויבן אויפהערן מאַטערן און מען זאָל אונדז אָנהייבן ליב האָבן אין גאַנצן אומזיסט, אָט ווי מיר שטייען און גייען, אָן אַ פּאַרוואָס... אַפילו אָן תשובה... ניין, יידן וועלן קיין תשובה נישט טאָן — פאַרפאַלן!... ס׳איז אַן אַרבעט פאַר אַ גוי — און פון דעסטוועגן האַלט ער זיך פאָרט ביי זיינס. ער איז אַ האָפערדיקער, דער אַלטיטשקער, ער האָט העזה און ער קען דעם חשבון: נישט קשה, מען וועט שוין זען דערנאָך, ווען ס׳קומט אַרויס ביי וועמען...

און אָט איז „איינשטיין״: פון אַ קופּערנער געדיכטעניש פון באָרד און

פּאות סטאַרטשען אַרויס בלייכע ביינער. דער יונגערמאַן ווערט פאַררעכנט פאַר אַ גאון אין מאַטעמאַטיק און אין קבלה. ביי טאָג לערנט ער אין העברעישן אוניווערסיטעט און ביי נאַכט אין קלויז. בעת דער באַלאַגערונג פון ירושלים איז ער געווען איינער פון די העלדישסטע קעמפּערס.

איז דאָס ירושלים? אפשר דאָס אויך. אַלטע שטעט, דאַכט זיך, ווערן קיין מאָל נישט פאַרטיק מיט זיך אַליין — און אַוודאי נישט ירושלים, וואָס וואַרט אַלע יאָרטויזנטער אויף דער פאַרענדיקונג פון איר איבער־לעבער געשטאַלט, אויף דער פולער אויסלייטערונג פון איר גלאַנץ, וואָס זאָל זיך פון ס'ניי צעשטראַלן איבער אונדזער לעבן און איבער דער גאַנ־צער וועלט.

אַלטע ערד

געהויבענע ערד פון חומש, אָבער זי איז ביי זיך נישט אין גרויסן, אָן אַ באַזונדערן ייחוס, אַזוי זיך פעלדער: „עמק״. מיר זענען אין דרום אין דער סביבה פון אשקלון. דאָ און דאָרט אַ מושב, אַ קיבוץ: שטיבלעך, שטאַלן, שייערס, שטייגן פאַר עופות, איינגעבויגענער ייד איבערן אַקער. די פעלדער טריקענען אין גליווייסע כוואַליעס זון, וואָס שרפעט: כחום היום פון חומש.

די נאַטור איז מיד און קאָן קוים אָפּדעכען. שטייען געגאַרטלטע סנאָפּעס תבואה, ווי עס שטייט אין פסוק, ליגן בינטלעך געשניטן היי און שטעכיק שטרוי און עס פרעגלען זיך דעמפּיק געבראָטענע פעלד־ריחות. זיי פאַרגעסן אַ מאָל און שפּילן זיך מיט לייכטע, בלויע ווינטלעך — אָבער יענע נאַרן אָפּ, ווי אַלע מאָל: זיי זענען שוין נישטאָ.

דער הימל ווידער — ס׳איז אים אַליין אויך הייס. ער הענגט דאָ, דאַכט זיך, פון בראשית אָן — מוז ער דאָך הענגען: וועט ער זיך גיין זוכן אויף דער עלטער נייע גליקן! אַוודאי האָט ער דאָ געהאַט אַמאָל געגוג כבוד און טאָקע פון אָט די מקומות האָט ער געמאַכט, ווי מיר ווייסן, זיין ערשטן אַרויספאָר צו וועלט־קאַריערע — אָבער מקנא זיין, איז נישטאָ וואָס.

ציט זיך דער וועג אין דער היץ און מיר דאַרפן זיך אָפּשטעלן אין איי־נעם אַ דאָרף „תלמי יפה״. דאָס דאָרף איז אַ קיבוץ פון „העובד הציוני״, ליגט ביי אַ זייטיקן שליאַך, אַ ביסל ווייט פון הויפּטשאָסיי און אָפּגעזונ־דערט אויך פוןברייטן טראַקט פון דער פּאָפּולערער קיבוצישער אידעאָ־לאָגיע: נישט די אידעיִשע האָפּערדיקייט פון קיבוץ ארצי פון השומר

הצעיר, נישט דער כוח פון קיבוץ המאוחד. די עטלעכע קיבוצים פון העובד הציוני זענען שטילע, אָרעמע קרובים פון דער אַלגעמיינער קיבוצישער באַוועגונג.

היימישע יונגעלייט, פון פוילן צי פון אַרגענטינע, פרי פאַרהאָרעוועט און ערנסט, רעדן אַ ביסל שעמעוודיק וועגן זייערע פּראָבלעמען. אפשר זענען זיי ביי זיך נישט אין גאַנצן זיכער, צי קאָן זיך אַ יונגער קיבוץ בכלל פאַרגינען צו האָבן פּראָבלעמען: אַז מען האָט דערויף גאָר קיין „תקציב" נישט.

בסך הכל איז דאָס אַ משפחה פון אַרום הונדערט חברים מיט עטלעכע צענדלינג געציילטע קינדערלעך, וואָס פּישטשען ווי די פייגעלעך אין בית הילדים — דערמאָנט מען מיט אַ האַלב מויל, אַז ס'איז דאָ „בשירה", חברים פאַרלאָזן דעם קיבוץ און גייען אין שטאָט אַריין. די צאָל איז נישט קיין גרויסע — אָבער דער וווּקס איז אָפּגעהאַקט און עס פעלן הענט צו דער אַרבעט. איינער וויל לערנען אין ירושלים צי אין חיפה און איינער איז נישט צוריקגעקומען פון מיליטער: זיך פאַרנומען אויף אַן אַנדער וועג.

ווערן שיטערער די שורות. אין חדר אוכל זינגט זיך נישט און עס נאָגט ביים האַרצן אַ געפיל פון פאַראיינזאַמונג. קומט אַ מאָל צו אַ קליינע חברה יינגלעך, ווערט אַ שמחה אין קיבוץ — און די הויפּטרייסט זענען די קינ־דערלעך, וואָס דאַרפן ערשט געבוירן ווערן. מען נעמט זיי שוין אַריין אין חשבון: חברים פון „אונטערוועגנס".

פון דעסטוועגן האָט מען אויסגעהאַלטן מיט געטריישאַפט און מאריך ימים געווען מיט אהבה און מיט יראה: אונדזערס אַ קאָמבינאַציע. אידיל־יעס האָט מען דאָ גאָר זעלטן געפּראַוועט. איבער יעדן איינציקן ברונעם האָט מען זיך געקריגט דורות און אַ שטיקל פּאַשע איז געווען דאָס גאַנצע לעבן. אַזוי האָט מען אָנגעהויבן אין גרויען פאַרצייטנס און זיך דווקא פאַר־מאָסטן גרויס.

דאָ און דאָרט טריקנט אַ דערפל ביים וועג, איינזאַם אין דער אומענד־לעכקייט פון מידבר. פּאָרט פאַרביי אַ הויך אָנגעלאָדענער טענדער מיט קינדערלעך, ברוינע, האַלב־נאַקעטע, וואָס מאַכן אַ טיול צום ים, און ריזיקע

רערן וואַרטן ביי די זייטן פון שאָסיי, גרייט צו ברענגען וואַסער אין דער טריקעניש. אַלץ וואַרט נאָך דאָ אין דער סביבה: זיך אויסגעלערנט וואַרטן טויזנטער יאָרן.

די לאַנדשאַפט דרימלט אין דער פאַרעדיקער היץ און מסתמא חלומט זיך איר אַ נאָענטע וועלט פון פאַרצייטנס, וואָס איר גייסט האָט זיך נאָך אַלץ נישט אָפּגעטאָן פון דאַנען: שאָף און שפחות, הונגער און אבות, גערשטן און פסוקים און געראַנגל מיטן מלאך. דער דאָזיקער אייביקער געראַנגל מיט דעם אומזעבאַרן: אור־ספאָרט פון אונדזער פאָלק.

אַרום און אַרום שטיינער און זאַמד און איבער אַלץ כביכול — און דער אייביקער רעפריין פון דעם דאָזיקן שווערן חומשדיקן געזאַנג „וילך״. עס איז קיין מאָל נישט לייכט געווען מיט דעם שטרענגן רבוש״ע, וואָס האָלט זיך ביי זיינס — „אחד״.

מיר געפינען זיך אין שכנות פון אַשקלון, וואָס שמעקט מיט וואַקסנ־דיקן פאָרט און מיט דער שפע פון מאָרגן — אָבער מיט דעם היינט האַלט דאָס נאָך אַלץ שוואַכלעך — כאָטש פון טאָג צו טאָג ווערט דער ראַיאָן לעבעדיקער און הייבט זיך אָן רירן. אַן אויסגעשפּאַנטער טראַקטאָר, פאַר־האָרעוועט ווי דער בחור ביים מאָטאָר, דעכעט אין דער מיטאָג־היץ. דער בחור גיסט אַריין איין קענדל מילך נאָכן אַנדערן אין זיין פאַרברענטן האַלדז, אָבער עס העלפט נישט.

דרימלט אַ נידעריק וועגעלע מיט אַן אייזעלע און אַ דריבנעם תימנער, וואָס זעט אויס ווי אַ טרוקענער שפּאָן מיט אַ בערדל. זיי אַלע אין איינעם פירן גרינס פאַר די קי אין דאָרף. איך ווייס נישט, צי זענען דאָס נאָך אַלץ די קי פון חומש אָדער אפשר זענען זיי שוין אָרגאַניזירט אין „תנובה״ — אפנים אַן אָרגאַניזאַציע און אַן טעכניק וועט זיך די אַלטע, מידע ערד פון חומש טאַקע נישט קאָנען קיין עצה געבן. זי האָט דאָס, ווייזט אויס, דערפילט, די קלוגע ערד, און האָט באַין ברירה שלום געמאַכט מיט דער איבערקע־רעניש: פסוקים מיט מאָטאָרן.

אָוונט אין צפת

אַריינגעכאַפּט זיך אויף אַן אָוונט צו די זקנים פון צפת. זיי דאָרטן זענען פּטור פון יידישער וועלט־געשיכטע און אונטער זייער שוץ קאָן מען פּראַוועז אַ רגע פּריוואַטע אָפּגעשטאַנענקייט.

אָט איז די לאַנדשאַפט פון זוהר און לכה דודי — העל־בלויער הימל, אויסגעפּוצט מיט שטערן ווי אַ יום־טובדיקער פּרוכת — כאָטש דאָ און דאָרט שפּראָצט שוין אויף אין די בערג דער אָנהייב פון אַ קיבוץ, אַ מושב, אַ קאָאָפּעראַטיוו. אַוודאי פילט זיך שוין אַקטיוויטעט פון יוגנט אין היינטיקן צפת, אָבער צו מאָל דאַכט זיך, אַז בדרך כלל האַלט זיך נאָך צפת ביים פאַרצייטיקן שטייגער. אין די אַלטע געסלעך „טוט זיך" נישט, אָדער כמעט נישט: פיינט גערודער. דאָס לעבן רוט זיך אָפּ.

דעם גאַנצן ענין פּרנסה, — איז מיר מסביר אַ חסידישער יונגערמאַן, אַ חריף — האָבן אויסגעטראַכט בטלנים מיט פּוסטע קעפּ אָן אמונה און אָן בטחון אין רבוש"ע: פּאַרט אַ ייד אין באַן און נעמט אונטערשטופּן דעם וואָגאָן מיט זיינע שוואַכע הענט. ער פאַרגעסט, דער שוטה, אַז אויף צו פירן די באַן איז פאַראַנען אַ לאָקאָמאָטיוו — און דו זיץ שטיל און באַלעמוטשע נישט. צי דאַרף מען נאָך אַ נימשל צו דעם שיינעם משל!

זיצן טאַקע די זקנים פון צפת גאַנץ שטיל און באַלעמוטשען ווייניק. זיי פּראַוועז אַ סך תעניתים, און אין די טעג, ווען זיי פאַסטן נישט, הונגערט מען צו אַ ביסל. דאָס איז אַ גאַנץ סאָלידער באַזיס פאַר זייערע בודזשעטן. אַמאָליקע יאָרן האָט צפת געהאַט אַ שטיקל עקספּאָרט: האָט זיך

פאַרבענקט אַ לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע צי דרום־אַפריקע נאָך אַ ביסל יידישקייט אין אָריגינאַל, האָט מען אויסגעשריבן אַ בנן של קדושים, אַן עכט אייניקל — אויף נישט צו באַדאַרפן.

די לאַנדסמאַנשאַפט פלעגט שיין באַצאָלן אין צפת האָט געליפערט אָריגינאַל־אייניקלעך פון דער ריזשינער גזע צי פון סאַנדזער הויף. הייַנט איז בכלל, ווי באַקאַנט, אַ קריזיס אין עקספּאָרט אויף אַלע געביטן — זיצן די אייניקלעך און ווערן זיידעס און זענען דערווייל עוסק אין אריכת ימים. אין צפת איז מען זיך נוהג, מאריך ימים צו זיין: וואָס איז ס׳געיעג?

און אָט זיצן זיי, די זקנים פון צפת: ווייסע ירושלימער כאַלאַטלעך, בעקעשעס פון גאַליציאַנער שניט, זשופּיצעס און ווייבערישע טענדעווע־רענדעס, ספּאָדיקלעך, טשיפּיקלעך, שטערנטיכלעך און טערקישע פּאַטשיי־לעס — דאָס אַלץ שיט זיך שויך צענדליקער יאָרן און האַלט זיך נאָך אַלץ פּאָר אַ „בגד״. און אָט זענען זיידעשע בערד און בערדלעך, וואָס טייל זענען אַזש גרין פון ווייסקייט, אויף אַ פּרוכבעם הילצערנעם גאַניקל שטייט אַ רעדל באַבעס: דינע קנייטשעלעך אונטער אַלטפּרענקישע הייבלעך און ציטער־שפּילקעס, קנייטשלעך ווי אויסגראַווירט אין מאַטן זילבער פון פּאַרצייטיקע זילבערשמידן.

איך האָב געטראָפן איינעם אַן אַלטיטשקן אין צפת, וואָס זיינע איי־ניקלעך זענען שוין זיידעס „פאַר זיך״. די דאָזיקע גרייז־גרויע אייניקלעך זענען סאַמע שיינע אָרעמע לייט, יעדער איינער אַ „טאַטנס אַ קינד״, און די פּרנסה, וואָס מ׳האָט נישט, איז בכבוד. זיי זענען אַלע יחסנים מיט היינכן סטאַנדאַרד פון אַ מין פעאָדאַלן דלות, און זיי זענען ברוגז ווען עס פּרווט זיך אַריינכאַפּן אין זייער קרייז אַ פרישׁ געבאַקענער אביון אַ פאַר־וועניו, וואָס איז נאָך נעכטן געווען אַ שטיקל קרעמער, אַן אויפגעקומענער אַראָפּגעקומענער.

און אַן אַנדערן זיידע האָב איך געזען אין דער שול פון אר״י־הקדוש. דער אַלטיטשקער קאָרטשעט זיך אין אַ ווינקל איינער אַליין און עפּעס שעפּטשעט ער דאָרט מיט עמעצן, וואָס איז נישטאָ. ער כאַפּט מיט „אים״, ווייזט אויס, דעם ערשטן שמועס פאַרן חשבון. עס שמעקט מיט מעבר יבוק.

די ווייסע פעדעמלעך זייד אויף זיין דינער גאָמבע ציטערן. דער זיידע איז נאָך דאָ און שוין „דאָרט״.

ער לערנט זיך ניפטר ווערן — אָבער ער האָט קיין כוח נישט: אַפּנים, ס׳איז אַן אַרבעט פּאַר אַ ייִד, אַ חלוש? גייט מען אויס אַ ביסל און מען רוט זיך אָפּ. דערווייל כאַפּט מען אַריין נאָך אַ ביסל תעניתים און מקוואות: די וועלט איז אויך אַ וועלט. אַזוי דערגייט מען אפשר פּאַמעלעך צו שלמות אין פּטירה — מען דאַרף דערויף האָרעווען — נישט ווי ביי די פּראָסטאַקעס, די טאַנדעטנע שטאַרבערס, וואָס כאַפּן און גייען אויס און פילן גאָר אין גאַנצן קיין טעם נישט אין דעם אַוועקגיין פון דער וועלט.

ס׳איז בלויער אָוונט און איך בלאָנדזשע צווישן די געסלעך. זיי קריכן איינס אין אַנדערן. בוידעם־שטיבלעך קאָרטשען זיך אונטער שפּיציקע דעכלעך, וואָס רוקן זיך פֿאַרשאַרטע ווי צעדולטע יאַרמלקעס. גאַניקלעך הענגען אין דער לופטן און ווייזן אַליין נישט: אַראָפּפאַלן צי ניין — מ׳עט נאָך זען.

דער פּייזאַזש פון אַלט־צפת: אַחוץ הימל און בערג, וואָס מהיכא תיתא — דער עיקר זוהר און ליקוטים, ווייסע טויבן און בלויער קאַלך אויף די שטיבלעך. דער קאַלך שיט זיך אין דרויסן און אינעווייניק. דער אָוונט הייבט אָן נאָך טונקעלער ווערן. אין די קלויזן און שטיבלעך שטייען שווערע ספרים־שאַפעס, באַוואַקסענע מיט פּאָוויטיניע, און אונטער די הויכע געבויגענע סטעליעס קנוילן זיך אַלטע תפילות פון דורות.

נסים מיט חשמל

שטייט דער זיידע מוצאי יום־כיפור, באַלד נאָכן „איבערכאַפּן״, אין הוילע אַרבל, אין קילן אָוונטלעכן הויף, און קלאַפּט אַריין דאָס ערשטע דרענגל אין סוכה. דער טערקישער טלית־קטן זילבערט זיך גרוי־געל אין דער גרינלעכער לבנה, און דער זיידע זעגט, האַקט מיט חסידישן ברען, קלאַפּט אַריין טשוועקלעך, וואָס קריכן אַרויס צוריק, ראַנגלט זיך מיט אַ סענקעוואַטן סלופּ און מיט מיכאַלקען דעם באַד־גוי, וואָס האָט געבראַכט פרישן סכך פון וואַלד. דער גוי, כולו לאַפּטשעס, הכנעה און שטרויענע וואָנסעס, ציטערט פון פחד, טאָמער וועט מען אים נישט לאָזן גנבענען — און דער זיידע, להבדיל, צעשטראַלט פון יום־הקדושדיקער נאָענטקייט מיט כביכול, דינגט זיך מיט דעם ערל אויף ווייכן, בית־מדרשדיקן גויִיש.

דאָס איז געווען אַמאָל, אַמאָל, אין פאַרזונקענער יוגנט — און דער זיידע, מיינער צי אייערער: מען קאָן אים ליב האָבן בשותפות. און היינט איז סוכות אין ירושלים: יידן מיט שווערע שטריימלעך און טליתים, מיט שווערע בערד און כאַלאַטן, מיט שווערע זילבערנע אתרוג־פּושקעס — מען דאַרף טאַקע נאָר האָבן כוחות פון אַ ייִד, אויסצוטראָגן קיין עין־הרע אַזוי פיל יום־טובדיקע שווערקייט. די גאַסן טומלען מיט רעש פון עולי־רגל, וואָס קומען „קוקן״, מיט יונגוואַרג פון שטעט און דערפער, קיבוצים און גרענעץ־פּונקטן, יונגעלייט, פאַרשטויבטע און פריילעכע, מיט געזאַנג און פענער, אין אויסגעגייטע העמדלעך און שקאַרמיצלעך אויף די קעפּ. ס׳איז יום־טוב, דאַרפן זיי זען ירושלים — און דער עיקר: ירושלים

דאַרף זיי זען, דאַרף פילן זייער כוח און זייער יונגע פרייד: „ושמחת בחגיך...״

יום־טוב ביי נאַכט גיי איך איבער די גאַסן. בלישטשען לייכטנדיקע סוכהלעך אויף דעכער און באַלקאָנען, אין הויפן און גערטנער, מאַכן העל און פריילעך דאָס לאַנד. פאַרביי דער הייסער זומער און די שווערע ימים נוראים, און איצט הייבן זיך אָן אַרויסלאָזן איבערן לאַנד קילע, יונג־האַרבסטיקע ווינטלעך, וואָס פּרוּוון זיך בלאָזן. זיי לערנען זיך ערשט — אָבער זיי וועלן קאָנען. ציטערן מיט יום־טובדיקער פרייד די לופטיקע, קרומלעכע בנינים פון ברעטלעך און בונטע דיוואַנעס און סכך, וואָס שמעקט מיט זשיוויצע, שטיבלעך שפּיציקע, שוועבנדיקע, וואָס שפּאַרן זיך אָן אין בלויען אָוונט. קאָן זיין, די דאָזיקע לאַמטערנס אויפן דאַך זענען שפּילעכלעך פאַר אַלטע יידישע קינדער, אויסגעצאַצקעט פון חומש־דיקע פסוקים און גאָלדענע שטערן פון אויבן — און אפשר זענען דאָס די סאָלידע ציטערדיקע „פּעסטונגען״, וואָס הענגען אין דער לופט ווי אור־אַלטע אַלעגאָריעס פון יידישן וואַנדערלעבן.

ווי ערגעץ אויף דער וועלט אַ וואַקלדיקער בנין, אַ חלוש, אַ פּאָר צעהוידעטע דרענגלעך און אַ סך ווינט — איז ער באַלד אַ משל צום יידישן גורל. נאָך אַלץ זוכט דער טונקעלער גורל אַ פּאַסיקע גלייכעניש צו זיך און קאָן נישט געפינען. פאַרצייטנס, ווען דאָס יידישע וועלט־אומגליק איז נאָך געווען שטיל און אידיליש און האָט געהאַלטן ערשט ביים אָנהייב, האָט די סוכה געקאָנט דינען ווי דער אָפּיציעלער סימבאָל פון יידישן געוואַגל.

די סוכה איז געווען די ערשטע קינדער־שטוב פון פאָלק, ווען מיר האָבן נאָך געלעבט אונטערן פרייען הימל. די אָבות זענען דעמאָלט גע־ווען אומזיכערע אָנפאַנגערס אין זייערע שווערע, פאַרפּלאָנטערטע עסקים מיט כביכול. זיי האָבן געבראָדזשעט צווישן גרודעס תוהו ובוהו, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט צווישן די רושטאָוואַניעס פון דער נישט־פאַרענ־דיקטער וועלט, און געקריגט זיך מיט לוטס שקצים, צוליב אַ ברונעם אין פעלד.

די וועלט איז אין יענעם גרויען פאַרצייטנס נאָך געווען אַ „גרינע״, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און גאָרנישט איז געווען אָנגעגרייט אַחוץ נאָך־קעטער מידבר און הונגער און גאָטס וואָרט אין ליידיקן חלל. זיצן די אָבות אין סוכות אויף זאַמדן, אין וועלכע עס מרה־שחורהוועט דער נאָך־ענטער בראשית — אָבער פּלוצים האָבן זיי דורך דעם אָפענעם דאַך צום ערשטן מאָל דערזען דעם הימל איבער די קעפּ און דערהערט אַ קול פון אויבן: דערזען זיך אַליין. דאָס איז געווען דער אָנהייב.

האָבן זיך אין סוכות און געצעלטן צונויפגעקליבן ברידער, וואָס האָבן זיך נישט געקענט און עס האָבן זיך געיאָוועט ערשטע שבטים. זיי האָבן זיך געפּלאָנטערט צווישן הימלדיקע מלאכים, וואָס האָבן זיך געדרייט אונטן, צוליב זייערע עסקים — איז דערווייל געוואַקסן די ענגשאַפט אין דער צערודערטער ייִדישקייט און קיין פּיצל פרייד איז, ווייזט אויס, בכלל נאָך נישט געווען אויף דער וועלט אין יענע יאָרן: זי איז באַשאַפן געוואָרן ערשט נאָך דעם צער.

האָבן קיין צרות נישט געמאַנגלט אויך ביי יענע ערשטע עולים און ביי יענער „קליטה״: צרות פון שכנים, ערד, וואַסער, הונגער. האָבן זיך די ערשטע אומצופרידענע, עלטער־עלטער־זיידעס פון היינטיקע „יורדים״, אָנגעכאַפּט אין דעם פּאָפּולערן פּסוק „ווילך״, אַ ייִדישלעכער פּסוק פון אַלע צייטן — און מענטשן זענען געגאַנגען צוריק: וווהין „צוריק״? זיי זענען אַנטלאָפן פון די סוכות און געצעלטן און האָבן איבערגעלאָזט דעם מידבר אויף הפקר.

היינט קומען צוריק צום אייגענעם מידבר פאַרלוירענע ברידער פון אַלע גלותן און מען הייבט ווידער אָן אויפשטעלן לעבנס, פּונקט דאָרט, ווו די פאַרצייטיקע אָבות האָבן אַמאָל, מיט קנאַפּ יישוב הדעת, צו גיך אָפּ־געהאַקט. האָב איך, וואָס אַן אמת איז, אַלע מאָל געהאַט אַ ביסל תרעומות אויף די חומשדיקע יידן: מען פירט זיך נישט אַזוי, נישט באַדאַרפט אַנט־לויפן, זיידעס, און מאַכן אַ בהלה אין דער ייִדישער געשיכטע אויף לאַנגע דורות...

איצט שטעלט מען ווידער אויף מיט מי ווינטיקע שטיבלעך, באַראַקן,

כאַפּעדיקע אַזבעסט־סוכהלעך און ווידער האָבן מענטשן טענות — אָבער די סוכהלעך, וואָס וואַקסן אויס איבער נאַכט אין די אימפּראָוויזירטע שטעט און דערפער פון נייע עולים, האָבן אין זיך דעם כוח, אַז זיי ווערן היינט אָדער מאָרגן סאָלידע בנינים. דאָס איז דער וווּנדער פון ישראל: וווּנדער מיט חשמל.

אויף דער שוועל...

האָבן מיר, הייסט עס, פון די קיילעכדיקע 6,000 יאָר („שית אלפי שנין״), וואָס די אגדתא האָט באַשטימט פאַרן קיום פון דער וועלט, שוין קאָנסומירט אַ קיימאַ־לן פון 5,717 יאָר — ווי די צייטן לויפן! ערשט דאָ נישט לאַנג זענען מיר, אַ חברה גאַליציאַנער קונדייסים מיט פריילעכע פאות, געזעסן אין באָריסלאַוו, אין חיים יאָסקעס זויערלעכן חדר, אין סאַמע מיטן פון די פעטע נאַפטיקע בלאָטעס, וואָס האָבן געגלאַנצט אין גאַס ווי שוואַרצע סמעטענע — און מיר האָבן צוגעקוקט מיט פאַרחידושטע יינגלישע אויגן, ווי דער רבוש״ע פון חומש בראשית באַשאַפט די וועלט.

צוגעקוקט האָבן מיר צו דעם וועלט־באַשאַף מיט פאַרצאַפּלטע הערצער, פונקט ווי מיר פלעגן נישט קאָנען אָפּרייסן די ציטערדיקע בליקן פון משה הערש, דעם בלעכערניק, וואָס הענגט מיטן גאַרטל אויף אַ סלופּ און מאַכט אַ נייע רינווע צום דאַך פון בית מדרש. גייט אַ סדרה פון תוהו ובוהו און כביכול שטעלט ערשטע טריט אין מעשי בראשית — בשעת די רביצין אין חדר שטעלט אונטער אַ הילצערנעם מולטער אונטער די רעגנטראָפּנס, וואָס קאַפּען פון דער בלוי געקאַלעכטער סטעליע. אַזאַ שטילע, עולם הבא׳דיקע בלויקייט האָב איך זינט דעמאָלט שוין נישט געזען. שוועבט דער גייסט פון רבוש״ע איבער די וואַסערן, פון בראשית און פון באָריסלאַווער חדר, און ווייס־חברהניקעס גאַפן און פאַרגעסן ווו מען „האַלט״ — זאָל שוין זיין אין דעם, זאָגט איר, אַ מהלך פון 5,717 יאָר? אויב אַזוי, מיינע

פריינד, איז צו די פולע 6,000 שוין קיין סך נישט געבליבן, דאַרף מען זיך צוויילן — ווי די צייטן לויפן!

די ערשטע יאָרן פון מדינת ישראל, באַלד נאָך דער באַפרייונגס־מלחמה, האָבן מיר קיין צייט נישט געהאַט צו פלאַנירן. רייסט זיך פון אַלע עקן וועלט אַ ברויזנדיקער שטראָם מיט שבטים, אַנגעיאָגטע פון אייראָפּע און אַזיע — שרייט די יידישע וועלט: אַריינגעמען וואָס מער יידן, צי זיי זענען עולים, צי „בלויז" אומגליקלעכע, די מיט דעם בראַנד־געררוך פון קרעמאַטאָריעס אין די ביינער, און יענע, וואָס עס וואַרט אויף זיי פונקט אַזאַ גורל אין די לענדער, ווו עס הערשן שקלאַפן־הענדלערס און תּלינים — פרעגט נישט און לאָזט אַריין אַלע.

האָט די פּאַניק פון אַנטלויפן אַרויסגערופן אויף אונדזער זייט אַזאַ סאָרט ברידערלעכע „פּאַניק" פון אַריינגעמען מיט אָפענע אָרעמס וויפל יידן עס לאָזט זיך, נאָך און נאָך יידן. צי וועלן די מענטשן פאַרדינען זייער ברויט אין ישראל, אָדער זיי זענען „סאָציאַלע פאַלן" — קודם אַריינגעמען, דערנאָך וועט מען זען. האָט זיך דאָס לאַנד אין יענע שווערע יאָרן געטיילט מיט דעם מאָגערן ביסן מיט די נייע עולים: גלייכער מאַנגל פאַר אַלעמען, זענען איבער נאַכט אימפּראָוויזירט געוואָרן נייע צאַפּלדיקע שטיקער מדינת ישראל. אין שטעט און דערפער, אין מעברות, געצעלטן און בלעכענע באַראַקן. צי איז דאָס געווען תכלית? פּיקוח נפש איז דאָס אַוודאי.

דאָס איז דער ברויזנדער אימפּעט פון אונדזער דור: די וויזיעס רייסן זיך, קאָנען נישט וואַרטן, ווילן שוין פאַרווירקלעכט ווערן, אָט באַלד אויפן אָרט. עס האָט דאָך בפירוש געקאָנט זיין, אַז די נביאישע וויזיע פון קיבוץ גלויות, וואָס מיט איר רעאַליזירונג ראַנגלט זיך דאָס לאַנד אויף יעדן טריט, זאָל בלייבן איינער אַ פּסוק צווישן פּסוקים, זיך עלטערן אין גוטער תנכישער געזעלשאַפט, אין גלאַנץ און אין כבוד צווישן אַנדערע געהויי־בענע וויזיעס, ווי אַ שטייגער דער בכבודיקער פּסוק פון „באחרית הימים", ווען די ערד וועט ווערן פול מיט חכמה און שלום און קיינער וועט שוין

אויף קיינעם קיין שווערד נישט אויפהייבן און דער וואָלף וועט זיך פּאַשען אידיליש מיטן שעפעלע... דעם אמת געזאָגט: דער וואָלף ווי דער וואָלף — אָבער איך האָב קיין מאָל נישט מקנא געווען דאָס שעפעלע, וואָס דאַרף אויסטראָגן אויף זיינע שוואַכע ביינדעלעך אַזאַ געוואַלדיקע נבואה.

מיר אין ישראל האָבן אויסגעלייזט די נביאישע פּסוקים פון זייער הימלדיקער הויכקייט, ווו די מענטשהייט האָט זיי טויזנטער יאָרן געהאַלטן אינטערנירט ערגעץ אויבן אין דער קדושה, עס זאָל שווער זיין צוצוקומען און מען זאָל זיי נישט מוזן מקיים זיין. מיר אין ישראל האָבן צוגערוקט די הימלדיקע פּסוקים נענטער צו דער ערד. אַוודאי קאָנען זיי נישט פאַר־לאַנגען, די פּסוקים, עס זאָל זיי גיין ביי אונדז, אין דער האַרטער ווירק־לעכקייט, אַזוי גוט ווי אין דעם געלייטערטן אור־גלאַנץ פון תנך. דאָרט איז יום־טובדיקער, אידילישער. וואָרום דאָ, אין שווערן לעבן, האָבן מיר צו טאָן מיט אַלע מאָל פרישע צענדליקער טויזנטער מענטשלעכע לעבנס, מיט און אָן פּאַכן, געוועזענע דירעקטאָרן אָדער סתם יידן, וואָס שטופּן זיך אין ענגשאַפט, זענען פאַריאָגט מיט פּראָבלעמען פון שיכון און פון אַרבעט. אַפילו ווען זיי זענען שוין איינגעאָרדנט, דאַרפן זיי נאָך.

מיר האָבן געמאַכט אַ טראַגישע וועלט־קאַריערע אין דער געשיכטע, ווי דער אייביקער וואָגלער מיטן בילדערישן וואַנדער־שטעקן אין האַנט, מיט דעם אָפּעראַלן טרויער־געזאַנג, מיט אַזאַ מאָלערישן „פּראַכט־עלנט”, וואָס האָט נישט זיינס גלייכן צווישן פעלקער.

האָבן מיר זיך מיישב געווען: מוחל דעם כבוד! אין ישראל ווילן מיר פּשוט זיין נאָרמאַל און ווי ווייט מעגלעך גליקלעך. דאָס איז אַוודאי נישט אַזוי „אָריגינעל” — אָבער ס'איז גוט פאַר יידן. איך ווייס נישט, צי זענען יידן אַ וועלט־פאָלק און מיט וואָס — נאָר אויב יאָ, איז כדאי צו זיין אַ „וועלט־פאָלק” ביי זיך אין דער היים, נישט ביי יענעם, מעג זיין אַ גרויס פאָלק אין אַ קליין לאַנד. אויך דאָס איז אונדזער חשבון אויף דער שוועל פון נייעם יאָר.

טוביה אין ישראל

איך איינעם אַ פאַרנאַכט האָב איך אים געטראָפן אין אַ מושב אין דרום פון לאַנד: טוביה דער מילכיקער, ווי מיר קענען אים פון שלום־עליכמס יעהופּעץ — ניין מאָס רייד און מילכיקס, טעכטער, גבירים, עגמת־נפש, בטחון און ווייכע, לויזע פּסוקים, וואָס האָבן דעם מילדן חן פון צע־זונגענעם עם־הארצישן תהילים. וואָרום וואָס אַ שטייגער, האָסטו פון פּסו־קים, לומדישע, אַז זיי באַגליקן נישט מיט אַ ביסל טרייסט דאָס צעבראָ־כענע האַרץ? האָט טוביה אַריינגעקנייטשט אין זיינע פאַרדרייטע מדרשים און צעהויקערטע „תורות" דעם גאַנצן אומעט פון זיין לעבן און די בידנע ברעקלעך נחת, ביידע אין איינעם — נישט כדאי פונאַנדערצוטיילן איינס פון אַנדערן.

שטייט דאָ טוביה אין מושב — ער אַליין, אָדער זיין היימישלעכער גלגול, אַ ייִד אַ מושבניק, אַ שטיקל ותיק אָדער אַ נייער עולה. עס איז געווען נאָכן אָוונטלעכן מעלקן און דאָס גאַנצע דאָרף שמעקט מיט וואַ־רעמער מילך און מיט איינגעשטילטער האָרעוואַניע פון אַ לאַנגן טאָג. ווען איז ער געקומען אַהער, טוביה, און פון וואַנען? אפשר נאָך דעמאָלט, ווען שלום־עליכם האָט מיט זיינע פריילעכע מעשיות אויפגערודערט כתריא־לעווקער ייִדן און טוביהס איידעם פּדהצור, דער אויפגעקומענער יעהופּע־צער גביר, האָט אַוועקגעשיקט דעם שווער קיין ארץ־ישראל, כדי ער זאָל נישט אייננעמען קיין בושות מיט אַ ייִד אַ „מילכיקן"? און אפשר איז ער

געגאַנגען שפּעטער, טוביה, געגאַנגען מיט אַנדערע ייִדן, פון דער עליה אָדער פון יענער: וואָס איז דען די נפקא מינה?

דער מושב איז איינגעהילט אין פּאַרנאַכטיקער ווייסקייט. בלעכענע עמערס דרינזשען שלווהדיק אין טונקעלן דרויסן, און יונגע מאַמעס רופן זיך איבער מיט פאַרשלאָפענע קולות פון שטיבל צו שטיבל. אין שטאַל, געל באַלויכטן מיט אַ שוואַך לעמפּל, רעוועט מיט צעפּאַרעטע געוואַלדן דער בוהײַ! מסתמא ווייס ער. הינער קוואַקען אין רחבותדיקע זאַלן, אויסגעבויט „וויסנשאַפטלעך" פאַר מאָדערנע עופות, און דער לאַנג געצויגענער היל־צערנער „בית עם" זעט אויס ווי אַ שטעטלדיקע קלויז, איידער ייִדן קומען זיך צונויף צו מנחה־מעריב.

היינט דאַרף דאָ פאַרקומען אַ רעפעראַט וועגן דער „לאַגע" — האָט טוביה ליב צו גיין הערן. התישבות, תנובה, תקציב — מען דאַרף אַלץ וויסן. ער איז אַלע מאָל פון די ערשטע, זעצט זיך אַוועק אויף דער לאַנגער באַנק, רוקט אַרויף די בריל אויפן צעקנייטשטן שטערן און דרימלט שוין: וואָס'ט מען וואַרטן? דערווייל שטייט ער אין „מרכז" פון מושב און טענהט איין מיט שכנים. עס זענען געקומען נייע עולים און מען דאַרף אונטער־שטעלן אַ פּלייצע. דאָס האָט ער אַלע מאָל ליב געהאַט, טוביה. די פּלייצע האָט זיך ביי אים אַזש אַ ביסל אָפּגעפּלאַטשיקט פון צו פיל „אונטערשטעלן זיך" דאָס גאַנצע לעבן. מען דאַרף צוהעלפן מיט אַ גוט וואָרט און אַן עצה, אַנטלייען אַ כלי דעם נייעם עולה און אים ווייזן וואָס מען טוט דערמיט.

טייל נייע עולים זענען געקומען אין דעם מושב טאַקע פון יעהופּע־צער קאַנט, געוואָרט און געוואָרט און דאָס לעבן שטייט נישט — ווי אין פּסוק שטייט. טוביה איז טוביה: די פּסוקים זענען טאַקע היינט אַנדערע — אָבער דער טייטש איז דער אייגענער. די פּסוקים זענען נאָך אַלץ די בריל מיט אַ שטריקל, דורך וועלכע טוביהס קלאָרע אויגן קוקן אויף דער וועלט. שטייט אַזוי טוביה אין האַרץ פון מושב, פאַרשפּונען מיט דער רו פון אָוונט, זיין באָרד איז גרוי, מיט אַ מילדן שימער פון מילך, און זי קאַרבט זיך ווייך פון היימישלעכע רייד, וואָס ציען זיך נאָך פון ווייטן פאַר־זונקענעם דעמאָלט אין שלום־עליכמס מלכות כתריאלעווקע. טוביה איז נאָך

אַלץ קרעפּקע, כאָטש לאַנג שוין נישט קיין הייַנטיקער. אָנגעהויבן מיט אַ צייט צוריק מאריך ימים זיין, זעט ער, עס „גייט" — וועט ער זיין אַ נאַר און דערמאָנען „דאָרט אויבן". ער גייט נאָך אַלץ אָנגעטאָן אין אַלטן קאַש־קעטל פון יעהופּעץ, אין דעם אויסגעגייטן וואָלענעם קאַמזויל פון יענע מקומות און עס דינען נאָך די שטיוול פון פאַרצייטנס, וואָס זייערע ווייכע, נידעריקע כאָליעוועס פאַלדעווען זיך ווי אַ דאָרפישע האַרמאָשקע.

געווען אַמאָל... איי. געווען... געווען... צעשמועסט זיך טוביה אויף לשון־קודש, וואָס איז כמעט עברית: גיכער יידיש. פלעכטן זיך די רייד ביי אים היימישלעך, אַהין און אַהער און „ווידער צוריקגעשמועסט" — ווי אַמאָל אין יעהופּעץ. צייט, אַפּנים, האָט ער — כאָטש דער נהג פון „תנובה" וואַרט אויף זיינע קאַנען: לאָז אָפּדעכען, חבר. עס גייט נאָך אַלץ ביי טוביהן וועגן מילכיקס און וועגן רבוש"ע, וועגן גוטע רעגנס און זומערדיקע פעל־דער, וועגן שכנים און נייע עולים, וועגן באַשערטן ביסל נחת און וועגן דעם בידנע שטיקל לעבן. וואָס מ'האָט געראַטעוועט פון דער וועלט־שרפה, אויך גוט!

איינע פון די טעכטער זיינע האָט אַן אייגענע באַלעבאַטישקייט אין אַ שכנותדיקן מושב. זי איז אַמאָל געווען אַ גאַנצע „וועלט־פאַרזאָרגערין" — ביז זי איז דערגאַנגען קיין וואָרקוטע און „געענדיקט" סיביר. הייַנט האָדע־וועט זי עגבניות אין מושב און כאָוועט פאַרשייטע סאַברעלעך און זי קומט צו גיין, ווען עס לאָזט זיך, מקיים זיין כיבוד אָב.

טוביה שמועסט — און דאַכט זיך, ער דאַרף גאָרנישט, עמעצער זאָל אים הערן. ער רעדט „פאַר זיך", די רייד קייטלען זיך איינע אין די אַנ־דערע, שלאָגן זיך איבער און „זאָגן זיך" ווייטער — און פון אַלץ מיט אַלעמען קומט אַרויס דער אייביקער דאָרפישער מדרש טוביה, וואָס לאָזט אונדז „צו הערן", אַז אַ מענטש האָט זיך נישט אין די הענט: גוט, צו וויסן.

דאָס איז דער אַלטער טוביה: אַ מושבניק אין ישראל — ווידער מיל־כיקס, אָבער אָן גויים און, להבדיל, אויך אָן יעהופּעצער גבירינטעס. ווו זשע דען האָט ער זיך געזאָלט אַהינטאָן? צי האָט ער זיך דען געקאָנט פאַר־גלייכן מיט זיין אַמאָליקן שכן, מנחם מענדל, אויך אַ יעהופּעצער, הייַנט

אַ גדול אין דער ליליענבלום־גאַס, וואָס איז אייביק געווען אַ „וועלט־מענטש", אַ פליער, אַ „קאָפּ", מיט חלומות און פּראָיעקטן און מיט אוצ־רות „מיליאָנען", סאַמע יענעמס, שיינע „מיליאָנען", געקליבענע איינס ווי איינס, ווי די לויכטנדיקע פייגל אויפן פאַרכישופטן דאַך פון אַ פאַרכי־שופטער וועלט, — צי איז דאָס אַ געשעפט פאַר אַ ייִד ווי טוביה?

האָט ער זיך מיישב געווען, טוביה, און געוואָרן אַ מושבניק און עס איז אים ווויל זיין וועלט. ער דרייט זיך אַרום אַ טענדער, וואָס פירט גרינס און אייער אין שטאָט אַריין: דאָס אַלטע פאַך. זענען צו מאָל טאַקע די פסוקים זיינע נישט מיט אַלעמען. וואָרום צו טוביהס אַ געשמאַקן פסוק בעט זיך אַ היימיש פערדל מיט אַ בייטש, וואָס איז כולו רחמים, אַ פערדל, וואָס העלפט אַזאַ ייִד ווי טוביה טראָגן דעם עול און פאַרשטיין די וועלט.

מילא, נישטאָ מער דאָס פערדל טוביהס, וואָס האָט נאָך געדינט ביים זיידן ר׳ מענדעלע און ציט זיין ייחוס פון קאַבצאַנסק, ווו עס האָט זיך גע־לערנט פאַסטן יידישע תעניתים. פון דעסטוועגן קאָן זיך טוביה אויפן טענ־דער אויך נישט באַקלאָגן. פון די אַלטע טענדערס אין מושב: אַ געזעצטע כלי. דער מאָטאָר האָט זיך שוין באַוויזן צוצופּאַסן צו טוביהן. ער כריפּעט אַלע מאָל אַ ביסל אונטער, איידער ער גיט זיך אַ „לאָז", און ער גרויסט זיך אין גאַנצן נישט מיט דער טעכניק פון היינטיקע צייטן: אַ קליאַטשע מיט בענזין.

„עמך"

איינער ישראל ישראלי, פון עין חרוד אָדער דגניה און אפשר פון תל־אביב אָדער חיפה, אילת אָדער סדום — מען רופט אים „סרוליק" אָדער כמעט אַזוי — וואָס איז דען די נפקא מינה? אַז ער האָט סיי ווי קיין צייט נישט צו אַן אייגענעם נאָמען! דאָס איז „עמך" אין ישראל, חלוץ אָדער סאָלדאַט, אָדערביידע אין איינעם, אַנאָנים און געטריי, לעבעדיקער פונ־דאַמענט פון אַלץ מיט אַלעמען, קיין מאָל נישט מיד, אייביק אַן פּאַטאָס, אָן אָנשטעל פון מסירת נפש — אַזוי זיך אַ מענטש אין ישראל, אַ ביסל כאַקי מיט אימפּעט און אַ שווערע טעקע, פול מיט דעם „בודזשעט", וואָס מען האָט נישט, און אַ פּאָר פּלייצעס, וואָס זענען געוואָרן קרעפּקע פון „אונטערשטעלן" זיך דאָס גאַנצע לעבן, דאָ און דאָרט, און ווו מען דאַרף נאָר — און ווו דאַרף מען נישט?

אָט דאָס איז ער: ישראל ישראלי. ווער ווייס פון אים? ווער קען אים נישט? ווער דאַרף דען וויסן, ווי אַלט ער איז? געבוירן און פּאַרטיק: וואָס'ט מען זיך שפּילן! אַלע מאָל איז ער פּאַרטאָן איבערן קאָפּ אין טויזנט טועכצער, אין שטאָט און אין דאָרף, אין דער קריה און אין דער סוכנות, אין קאָאָפּעראַטיוון און אין דער געווערקשאַפט, ביים ים און אין נגב, קיין מאָל קיין צייט נישט, שטענדיק אונטערוועגס — און דער אונטער־וועגס הייבט זיך אָן ביי אים אין דער סאָמער היים, וואָס ער האָט נישט. דאָס גאַנצע לאַנד איז זיין היים, אומעטום ווו מען טוט עפּעס, און ווו מען גרייט זיך עפּעס טאָן — און אין סאַמע צענטער פון אָט די אַלע

טועכצער שטייט ער אין אַ זייט, ער שטייט „יאַגנדיק": גר־נו... נו!!!...

דאָס איז ישראל ישראלי, איינער פון אַ סך אין ישראל, גרוי שבגרוי: נישט קיין פּאַרזיצער און נישט קיין סעקרעטאַר, נישט קיין דעפּוטאַט און נישט קיין מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט, גאָרנישט! אין דער קאַנדי־דאַטן־ליסטע פון דער פּאַרטיי צו דער כנסת און צו די שטאָט־פּאַרוואַלטונגען פאַרנעמט ער אַ שטענדיקן אָרט צווישן די אייביקע בכבודיקע דורכפאַ־לערס — און ער האַלט די „פּאָזיציע".

ער רעכנט זיך צווישן די בעסטע שווייגערס אין קיבוץ און אין דער פּאַרטיי. טייל מאָל דאַכט זיך, אַז אָט וועט ער עפּעס אַ זאָג טאָן אין דער פאַרזאַמלונג, עפּעס פון איבערגעפּולטן האַרץ, פון אומרו, וואָס ברענט אין אים — גיט זיך אים דאָס פּנים אַ רויטל און ער הוסטלט אונטער אַ רגע. חברים גיבן אים צו מוט: „סרוליק!...". ער אָבער האַלט שוין אין סאַמע מיטן צעטומלט ווערן — נאָך נישט, אָבער שוין! „חברים!...". פּרוווט ער אָנהייבן — אָבער קוים אָנגעהויבן האָט ער זיך שוין פּאַרפּלאָנטערט. אויף זיין טיף געקאַרבטן פּנים בליט אַ קינדיש שמייכעלע און ער האָט שוין פאַרענדיקט: וואָס איז דאָ צו רעדן? ער זיצט שוין ווידער אויף זיין אָרט און מען זעט אים שוין ווידער נישט אַרויס: „נו, נו... נו!"...

ער איז שוין נישט קיין היינטיקער, ישראל ישראלי. געקומען אַהער מיט דער צווייטער עליה, ערגעץ מיט פופציק יאָר צוריק, פון הינטער קרע־מענטשוג אָדער פון אַן אַנדער שטעטל אין אוקראַינע אָדער וואָלין, בעס־סאַראַביע אָדער גאַליציע, געקומען נאָך דער ערשטער, דורכגעפאַלענער רוסישער רעוואָלוציע, אין אַ צייט פון יאוש, פון גאָט־זוכעניש און וועלט־פּאַרלוירנקייט — און אפשר איז ער גאָר אַ שטיקל אייניקל פון ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו, מאַרקסיסט און „אייניקל", עולם הבא און וועלט פון מאָרגן, און דעם „אינטערנאַציאָנאַל" זינגט ער נאָך אַלץ מיט אַ פאַר־קנייטשטן קוועטש פון דעם הייליקן זיידנס שלוש סעודותדיקן „בני היכלא"...

געקומען איז ער מיט אַ רובאַשקע און ראָמאַנטיק. געקומען אין יענע יאָרן, ווען אַלץ איז נאָך געווען ליידיק. העברעיִשע לערערס, הימל און

וויינטרויבן, הונגער און לידער, שאַקאַלן און באַנדיטן. דער מידבר גייט דיר ביז צום האַלדז און דאָס אייזעלע בראָדזשעט טעג און נעכט אין טיפע זאַמדן ביז צום נאָענטסטן יישוב און דאָס יידישע פאָלק איז ווייט און קיינער ווייס נישט, ווו מען האַלט אין דער וועלט. דעמאָלט איז געקומען ישראל ישראלי — און זייט דעמאָלט האָט ער דאָס לאַנד נישט פאַרלאָזן. ווו זאָל ער גיין, אַז אַלץ אויף דער וועלט האָט ער אַרום זיך און אין זיך: דעם האַרטן אָנהייב און דאָס גליק פון וואַקסן, אַלע יסורים און פריידן פון מענטשלעכן לעבן — וואָס זשע דאַרף מען נאָך? זייט דעמאָלט שטעלט ער דאָ אונטער אַ פּלייצע, אַמאָל ביים טערק און שפּעטער ביים ענגלענדער און אַוודאי און אַוודאי איצט, אין דער אייגענער היים: איבערנעמען ערד און אויסטריקענען אַ זומפּ, פאַרריכטן אַ טראַקטאָר און זאָגן מבינות אויף אַ יונגן בוהײַ, פאַרזאָרגן כלים פאַרן זעלבשוץ אין יענע יאָרן, וואַכן אין די נעכט, אָדער אַראָפּברענגען אַ טעאַטער־טרופּע, כאַפּן אַ הלוואה פאַר אַ יונגן קיבוץ, וואָס וואַקלט זיך, און באַגלייטן קאַמף־קאַראַוואַנעס צום באַלאַגערטן ירושלים, אויספּלאָנטערן חשבונות מיטן קאָאָפּעראַטיוו — דאָס אַלץ ער, ישראל ישראלי.

צענדליקער יאָרן איז ער שוין „סרוליק": דאָס איז מער ווי אַ „פּאַך". זייט דעם „פּאַראיין" אַמאָל אין פּאַרצייטיקן שטעטל: שטרייק פון די בעקער־יונגען און ציוניסטישער דרשן, וואָס גבאים האָבן אים מבייש געווען, שקלים, כרמל־ווײַן און די אייביקע אלמנה, וואָס דער שטעטלדיקער פּראָצענטניק האָט אַרויסגעוואָרפן — שטענדיק האָט עמעצער עמעצן אַרויסגעוואָרפן פון ערגעץ — פלעגט מען אַלע מאָל קומען צו סרוליקן. ער איז אַרומגעלאָפן פּאַריאָגט צווישן מאַרק און „פּאַראיין" — און דער „פּאַראיין" פון דעמאָלט אַ הייפל ציוניסטישע איידעמס און עטלעכע יינגלעך, וואָס זענען „מענטשן ביי יענעם" און ווילן אַ הוספה — אַלע קלאַסן אַרום איין אידילישער, כמעט משפחהדיקער, באַריקאַדע.

יאָגט זיך סרוליק און פאָדערט גערעכטיקייט. שרייען בעלי בתים: „אַזאַ גאַרנישט און פאָדערט שוין גערעכטיקייט?... שייגאַץ!...". ער אָבער טוט זיינס: אַנדערע פירן דיסקוסיעס אין „פּאַראיין" וועגן „קראַפּט און

מאַטעריע״... וועגן „מאַכט פון וויסנשאַפט״... וועגן „פּראָגרעס״... — סרו־ליק אָבער: נישט ווייניקער ווי גערעכטיקייט אַליין...

היינט איז ער דאָ, ישראל ישראלי. אָפּגעטאָן אַ שטיק אַרבעט און נאָך אַלץ פאַרנומען, פאַרטיפט אין אַלערליי טועכצער. ער טוט און שווייגט, שוויגט אויף אַ סך טעמעס מיט איין מאָל, שמייכלט און יאָגט זיך און האָט נאָך אַלץ אַ פּעסטע, געטרייע האַנט פאַר אַ ברודער און פאַר אַלע ברידער אין איינעם — אַלץ ער, סרוליק חי וקיים: ווער דען ?...

ג

דער בן־יחיד * דער שפּעטער קדמון * גאָט און די קרעאַטור *
מענטשן ביי באַשעוויסן * דער זעלבסטמאָרד פון וועלטבירגער *
אפרים אויערבאַכס האַרבסטגעזאַנג * ברוך האַגער *
רחל קאָרן * ריישע אין אַמעריקע * אַרטור קאָלניק *
הערץ גראָסבאַרד * אַ געדענקוואָרט וועגן שלמה ביקל *
אינטימער אָוונט

דער בן־יחיד

משה נאַדירס קאָלירפולע געשטאַלט האָט צעווירבלט אַ ווינט פון יאָ און ניין אין דער יידישער ליטעראַטור — דער עיקר: ניין.

זיין שפּראַך איז אויסגעלאַסן קלוג, פול מיט סטיליסטישע שפּיצן און געשליפנקייט. צו מאָל דאַכט זיך, ער האָט זיינע וווּנדערלעך וואָגיקע „קליי־ניקייטן" געשריבן ווי פאַר אייגענעם געברויך, גלייך ער וואָלט זיי אין גאַנצן נישט פאַרגונען דעם „פרעמדן רוח", דעם „ליבן לעזער", זענען זיי אַרויסגעקומען עקסקלוזיוו, ליטעראַרישע לאַקיטקעס: קיינעמס עסק נישט!

משה נאַדיר איז אַ מסכתא פאַר זיך: מיט זיין פריילעכן עזות, דורכ־געוועבט מיט צאַרטן געשפּיל פון הומאָר און ליריק, מיט סאַטירישער גע־זעלשאַפט־ און קולטור־קריטיק, מיט אומעטיקן הפקר, מיט פאָלעמיק און שאַרזש, מיט אַזאַ געזונטן אַפּעטיט צו בייסיקייט.

זיין איינציקאַרטיקער סטיל איז נישט געגליכן צו קיינעם — און „אַריינגעפאַלן", דאַכט זיך, איז משה נאַדיר אין דער יידישער ליטעראַטור מיט אַ מין אויסטערלישער תאווה, אַז מען זאָל זיך מיט אים נישט קאָנען קיין עצה געבן; ווו שטעלט מען ערגעץ אַוועק אַזאַ יוצא דופן?

ס'איז שקצוואַטע גאַטזוכעריי.

משה נאַדירס העזהדיק האַרץ, צאַפּלדיק אין רעוואָלט, האָט זיך ווי־לעריש אויפגעצערט אין אָפּגעכאַפּטע יאָרן פון געבלאָנדזשע אין בליציקער שיינקייט. בליצן זענען בטבע איינזאַם — און אַ מאָל שרעקן זיי זיך אַליין איבער פון דער אויפלייכטנדיקער פּלוצימדיקייט.

זיין סטיל און שטייגער האָבן אויף אַ בולטן אופן מיטגעפורעמט ייִדיש אַמעריקע — דער עיקר אין ליטעראַטור און פּרעסע. זיין שרייבערישער חן האָט פאַרפיינערט דעם האַמעטנעם פּרימיטיוו און סענקעוואַטע רויקייטן האָבן זיך אָפּגעהובליעוועט אונטער זיין בליק.

די נאַטור האָט באַשאַנקען זיין געשטאַלט מיט אַ שפע שפּילעוודיקע קאַלירן און מיט שאַרפע קאַנטן, און אַ קוואַליקן ברונעם חכמה האָט ער אַליין מיטגעבראַכט מיט זיך פון גאַליציאַנער נאַראַיעוו אַזש ביז צו די אַמעריקאַנער האָריזאָנטן.

אָט איז די שטילע, שטעטלדיקע „ריקע", ווו מען טובלט די פרישע פּסחדיקע כלים — און אָט באַלד דער גבורהדיקער אַטלאַנטיק. הינטער די ייִנגלישע פליצעס קיניגט די „שמישנע" מאַיעסטעט פון פראַנץ יאָזעפן, מיטן „חסד", מיט די צוויי האַלבע בערד און מיט דער קרומער טערקישער שאַבליע, וואָס זעט אויס ווי אַנטליגן אין גימפּעלס לעמבערגער ייִדישן טעאַטער — און שוין באַפאַלט דיך די מעכטיקייט פון אַמעריקאַנער פּרעזידענטן מיט אומענדלעכע פּרעריעס, פליצעס, פלודערן.

לויט דעם דאָזיקן מרחק האָט זיך אויסגעמאָסטן־פאַרמאָסטן משה נאַדירס איבעראַשנדיקע שרייבערישע וועלט. נאַראַיעוו און ניו־יאָרק מישן זיך אין זיין ווערק — און די מישונג צוביבערט אַלע מאָל אַרויס נייע ניואַנסן.

אפשר איז אמת, אַז ער האָט געליטן פון אַן עודף שרייבערישער ראַפינירטקייט. האָבן אים אַ סך פיינט געהאַט, ווייל זיי האָבן פון אים הנאה געהאַט. דאָס גייט אין איינעם. ער איז געווען צעקריגט מיט אַ וועלט, וועלכע האָט אים באַוווּנדערט. און אַוודאי איז ער געווען צעקריגט מיט זיך אַליין, אינטים צעקריגט — אַזוי צו זאָגן „אויף דו" צעקריגט.

קאָן זיין, קיין שום ליטעראַטור האָט נישט ליב, אַז איינער פון דער בראַנזשע נעמט און ווערט פּלוצים אַ חכם אויף איר קאָפּ: שמעקט מיט העזה. ווער איז ער דאָס דער קאַוואַליער מיט דער צעפלויגענער ווינער

פעלעריבנע, וואָס שפּעט אָפּ פון ליטעראַרישע באַלעבאַטים מיט גרויסע סאַמעטענע טליתים־זעק, אָנגעשטאָפּט מיט „ווערק"?

משה נאַדיר האָט קיין מאָל נישט „באַלאַנגט" צו די „אַנשי אייביקייט" אין דער ליטעראַטור — און ער האָט זיי דאָרט מוחל געווען די פּאָזיציעס „אומשטערבלעכקייט", וואָס מען גיט אַרויס אין דער ליטעראַרניע ווי אָרעמע מיטיקן — אַ מפונק נעמט נישט.

ער איז געווען, וואָלט איך געזאָגט, אַ שרייבער „אַ לאַ גאַרסאָן", איינער אַליין, און אַ שטיק יוצא דופן. און אַז ס'האָט זיך אים אַ מאָל פאַרגלוסט מיטצווירבלען מיט דעם רויטן יאַריד און צו פּרוון „באַלאַנגען" צו דער חברה „צייט־גייסט", איז אים די ראָמאַנטישע אַוואַנטורע אויסגעפאַלן באָקעם און ער האָט באַצאָלט פאַר דער ווילייִנגערישקייט מיט ייִדישלעכן ווידוי פון אַ צעבראָכן האַרץ.

אין תוך איז משה נאַדיר געווען אַ שרייבער פאַר נאַשערס — דער קאַפּריזנער קאָפּויער פון סקאַרבאָוון נוסח, וואָס שרייבט ווי אַלע שרייבן. מאַכט זיך אַ מאָל, אַ ייִד האָט פּיינט דעם ווייבס מאכלים — גוט און נודנע — טוט ער אַ „כאַפּ" אין דרויסן און קומט אַהיים אַ זאַטער: ווייַ צו זיין לעבן.

באַלעבאַסטעס זענען ברוגז: קראַנק איז מען הנאה צו האָבן פון די דאָמאַשנע אָנבייסנס, די לעגיטימע? לאַקיטקעס זענען פאַרדעכטיקט ביי אַלע באַלעבאַסטעס. אויך ביי ליטעראַרישע. ס'נישט אין גייסט פון דער כתובה.

„...אָט גיי איך אַהיים צו דיר" — זאָגט משה נאַדיר ווידוי אין זיין לעצטן ווערק „מודה אני" — „איבער דער איינגעפאַלענער פוילן, אַריבער איבער אומגעוואָרפענע קברים. אַן אויסגעשעפּטער פון די אַלע וואַנדערונגען, וואָס ליגן אין מיינע ביינער, אַ פאַרשמאַכטער דורך די פילע יאָרן פון טרוקענער לעבנס־חכמה — פאַל איך איצט צום ברונעם צו, פון וועלכן מיין טאַטע האָט געטרונקען, ווען ער איז אַ ייִנגל געווען...".

דעם ברונעם קענען מיר, ברונעם פון חכמה און טרויער: דעם טאַטנס פאַרלאָזענער ברונעם.

„...און אַז מיין טרער פאַלט" — ציט זיך ווייטער דער ווידוי — „פאַלט

זי לענגלעך און צעגערדיק, פּאַלט אַזוי פּאַוואָליע, ווי זי וואָלט געוואַרט, אַז אַלע חלומות פון מיין לעבן זאָלן זיך צונויפזאַמלען און שטומערהייט, לבנהדיקערהייט, שניידיקערהייט, זי יום־טובדיק אַרונטערלאָזן, ווי אַ מת פון אַ שיף — אין ים אַריין...״.

צו אַזאַ צערעמאָניאַלער לוויה האָט נאָך קיין מאָל נישט זוכה געווען די טרער פון אַ יידישן הומאָריסט, אַ ליריקער, וואָס זיין פּאָעטישע ציטער־ניש און זיין פריילעכן עזות האָבן צוגעגעבן גלאַנץ און שאַרפקייט דעם יידישן וואָרט.

דער שפּעטער קדמון

אַוודאי האָט ער אין זיך דעם גורל און דעם חן פון אַ חד־בדרא, אַן עקסטאַטישער זאָגער, געפּאַנגענער אין די מאַגישע וואָרטוועלטן, וואָס ער באַשאַפט מיט שאַרפער חכמה, וואָס רופט אַרויס פּחדים. און אפשר איז ער אַ שפּעטער קדמון, אין וועמען עס אומרוען דורות, וואָס מאָנען ביי אים זייער צורה — פון די פּאַרצייטיקע איינער, ירושלים צי אַתונאַ, וואָס זיין געשטאַלט שטאַנט דאָ, ווי פּאַרבלאָנדזשעט, אַ פרעגער און אָפּפרעגער, אַן אַוואַנגאַרדיסט מיט דעם בליק אויף צוריק, נאָך אַ ביסל ווייטער, אַהיים צו די בלויע נעפּלען. אַ מאָל דאַכט זיך, אליעזר שטיינמאַן איז אַ טויכער, וואָס זוכט דעם סוד אויפן גרונט פון ים, אין דער וועגעטאַציע פון קאַלטע דזשונגלען, וואָס גאָט האָט פאַרלאָזן — און לאָמיר נאָך אַ פּרווו טאָן: אפשר איז ער אַ מקובל פון נגלה, וואָס ביי אים ווערן פּתרונות ווידער חלום.

אַזוי איז דער גאַנג פון אליעזר שטיינמאַן אין דער העברעיִשער ליטעראַטור — כמעט אַזוי — און אַזוי אויך אויף יידיש, אַז ער כאַפּט זיך אַריין אַהער פון צייט צו צייט און טוט אַ נאַש. איך האָב געקענט אַ מאָל אַ געהויבענעם חסיד, פון די „ותיקין", איינער אַליין געווען, אַן אַ רבין, מיט אַלעמען אַליין, האָט ער געדאַווענט פון אַ סידור, וואָס ער האָט אין משך פון יאָרן אָנגעשריבן מיט זיין געציקלטן היעראָגליפישן כתב־יד. זעלטן ווער האָט געקאָנט איבערלייענען. די אַלטע טינט האָט שימערירט מיט גרינלעכן גאָלד און די אותיות האָבן דאָ און דאָרט אַ שוועב געטאָן און

זענען אָפּגעשפּרונגען. געשטאַנען איז דער ייִד אין אַ ווינקל קלויז אַרומ־געוויקלט מיט אַ שווערן טלית, אַריינגעוויקלט אין זיך, נאָך אײנזיכער — געדאַוונט בציבור, אָבער געזאָגט ביחידות. ווייסע חברה האָבן אים אַרונ־טערגעקוקט אונטערן טלית: הייסער געפינקל פון חסד און סבר פנים יפות צום רבוש״ע.

מיר דאַכט זיך, אַז דאָס שרייבן איז ביי אליעזר שטיינמאַן נאָך אַ קליין ביסל שווערער, ווי ס׳איז סיי ווי. ער שרייבט פונקט אַזוי ווי דער לייענער וויל נישט — אָבער פיינשמעקערס, וואָס האָבן נישט קיין עצה, באַוווּנדערן אים אויף קרעדיט: „אַה, שטיינמאַן...״. מען ווייס לכתחילה, ס׳איז האַרב — דאַרף מען זיך שוין נישט מטריח זיין, לייענען פערזענלעך. מען טוט אַ גיכן קוק אַריין אין זיין געדאַנקען־ און בילדער־לאַבירינט — אָבער מ׳האָט מורא הנאה צו האָבן פון דער פּיקאַנטעריע פון זיינע שווערע סוגיות. הי־פּערט מען איבער — אַזוי ווי איבער די גרויסע שטיקער פּיוט אין די ברייטע לעדערנע שלוש־רגלים־מחזורים פון די טאַטעס: דאָס „זאָגט״ מען נישט. אַנדערע ווידער „קענען״ אים פון דער איינרעדעניש, אַז זיי פאַר־שטייען אים נישט — און מיט ווייל טיפזין זיי פאַרשטייען נישט! זיי האָבן, אמת, נאָך נישט געפּרוּווט, אָבער זיי ווייסן פאָרויס: ס׳איז איבערגעלאָדן. ס׳איז פּשוט שיין צו האָבן אַזאַ איינעם אין דער ליטעראַטור, אין יעדער, אויף אַ מין יום־טובדיקן „נישט־פאַרשטיין״: גורל פון דער טיפער לויטער־קייט. צו מאָל ווייזט מיר אויס, ס׳אַ חידוש וואָס אליעזר שטיינמאַן פאַלט נישט אַריין אין גדלות צוליב אַזאַ ברייטער פאַרפונדעוועטער אומפּאָפּו־לאַריטעט.

ער זאָגט קיין מאָל נישט, וואָס אַנדערע ווילן הערן — זענען זיך יענע נוקם און הערן נישט וואָס ער זאָגט — און אַוודאי נישט ווי אַזוי ער זאָגט. דאָס איז די „אויסגלייכנדיקע גערעכטיקייט״ אין דער נאַטור פון זיין גייסט. ער איז נישט אַזוי אַ שרייבער ווי אַ „בעל־מחבר״ מיט אינעווייניקסטער עקסטראַוואַגאַנץ: אַ שאַרפער מפונק אויפן וואָרט און דערצו אַ ביישן, וואָס באַהאַלט זיך הינטער דער געדיכטקייט פון זיינע שאַרפע זאָגענישן. ער

האָט דערגרייכט הויכע מייסטערשאַפט אין דער קונסט פון שווער מאַכן זיך דאָס געוויסן פון שרייבן. האָט טאַקע די קריטיק ביי אים קיין מאָל קיין לייכט לעבן נישט געהאַט — נו, און ער אַליין יאָ?

זיין גייסטיקע פילגעשטאַלטיקייט מאַכט „נאַטירלעכע שוועריקייטן" ווען מען וויל זי איינאָרדענען. לייכט איז בלויז דעם וואָרט פון דעם אומ־גייסט וואָס גייט אַליין, אויף גלאַטיקע וועגן: צי זענען דאָס עסייאיסטישע מחשבותן מיט אַנטלייענער טערמינאָלאָגיע פון דער נעאָבאַנאַליטעט, אָדער דאָס זענען בעלעטריסטישע העלדן, וואָס קאָפּירן זיך אָריגינעלערהייט, איינס פון ס'אַנדערע.

אליעזר שטיינמאַנס שרייבן — עסיי, דערציילונג, חקירה, לירישע פּראָזע, תפילה, פּובליציסטיק, נצחיות און אַקטואַליטעט, אויך יענע פון נעכטן און די פון מאָרגן — איז אַלץ נישט פון הי, נישט פון היינט: געקניפּט און געבונדן מיט געצאַמטער ווידערשפּעניקייט, מיט חסד פון חלום. זיין דאָרשט און זיין חריפות, געטריבן איבער די מידבריות פון דער וועלט, געטריבן איבער תקופות, ווען ס'האָט קוים אָנגעהויבן שאַרן זיך אויף איצט און דער נעפלשיין פון לעבן האָט נאָך אין גאַנצן קיין ליכט נישט געהאַט — האָבן זיך, ווי אויף דערוויל, אָפּגעשטעלט דאָ. אַ מאָל דאַכט זיך, ער שטייט אַ פאַרלוירענער צווישן שפּיגלען, געשליפענע, געשפּאָלטענע בליצן פון זיין גייסט — אַזוי ווי חנה אין זיין בוך גן־עדן של אנשי שלומנו, וואָס „האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט נישט וווהין צו אַנטלויפן אין אַ וועלט, וואָס איז כולו שפּיגלען. פאַר דער שיינקייט האָט דער גורל באַשטימט אַ לעבן פון צער. אַלע ברואים הענגען אָן זייערע בליקן אין דער שיינקייט און שפּיגלען זיך אָפּ — קומט אויס אַז זי פייניקט זיך צווישן אָן אַ שיעור שפּיגלען".

אַזוי געפינט זיך אליעזר שטיינמאַן אייביק אַליין צווישן די קאַפּריזן און ווייען פון אַ געזעמל קאַשמאַרן, גלייבענישן, ספקות, דענקוויזיעס, וואָס באַלאַגערן זיין ביינאַכטיקן שרייבטיש. אויפטוערס, וואָס האָבן ליב צו געבן נעמען, האַלטן אַז אליעזר שטיינמאַן איז אַ מין בעל־תאווה פון שפּראַך

און אַז יענע אַנטבלויזט זיך פּאַר אים, רוימט אים איין אינטימע סודות, פּאַרפירט אים אויף אירע אַוואַנטורעס צו דער שיינקייט פון אמת: סיי ער איז פאַרנומען מיט זיינע „טאָגביכער״ ווי די עלים מעץ החיים, טאָגביכער וואָס גייען נאָך דער נאַכט פון מענטשלעכע יסורים און שטעלן מיט זיך פאַר דעם דראַמאַטישן דיאַלאָג פון דער איינזאַמקייט מיט זיך אַליין — סיי עס צעשפּילט זיך די השתפכות פון ראָמאַנטישער איראָניע אין דעם ביל־דערישן דזשונגל גן־עדן של אנשי שלומנו צי מן חיינו, אָדער ער מאָלט פּאָרטרעטן פון חסידות, מענטשן, פאַרפלאָכטן מיט לעבנס־תורות, און צייכנט אויף אַנדערע ערטער, סאַטיריש, די „גאונות״ פון דער וועלטס מאָדערנער טיפּשות, וואָס אָקופּירט אַלע מאָל נייע פאָרמען.

ערגעץ דערמאָנט אליעזר שטיינמאַן זיינע „מגילות״. זיי וויקלען זיך איינע אין דער אַנדערער, אַלט און ניי, סאָציאַל־עטיש, בעלעטריסטיש, פילאָ־סאָפיש: ראָמאַנען, זכרונות, קולות, שאָטנס, אמונות און דעות, מאָנאָ־גראַפיעס און מיניאַטורן, אַנטיקע און מאָדערנע געשטאַלטן, רעאַליסטישע אין דער „אויסגעטראַכטקייט״, עספרי און קבלה, פּאַראַדאָקסן און עילויישע זאָגענישן, אַ שלל מיט דרך אגבס, וואָס מיינען דעם עיקר און צו מאָל אַ מין קונדייסישע דיאַבאָליק פון וואָרט, וואָס איז מגלה תהומות, פאַר־שפּרייטנדיק שליירן. ער איז אַ גרויסער זאָגער אין דער העברעישער ליטעראַטור, מיט אַזאַ רחבות אין דער עמקות — אָבער קיינעם, דאַכט זיך, פאַרשטייט מען נישט מיט אַזאַ חדווה פון קאַפּריער, ווי אליעזר שטיינמאַנען. אפשר איז די באַנאַליטעט צערודערט פון זיין שאַפערישער שפע, וואָס טוט מסתמא וויי אים אויך — און די בוכהאַלטעריע איז נישט אין גאַנצן זיכער, ווו זאָל זי אים „אַריינשטעלן״: אַ דיכטער צי אַ דענקער. איז איר גרינגער צו פסקענען, אַז ער איז סתם „אויסטערליש״, אפשר אַ „יוצא־דופן״ איינער מיט „סתירות״.

אָבער איך מיין, אַז די נאַטור, וואָס טרייבט פון זיך די שאַבלאָנען, די קללה פון שאַפן, האָט זיך מיט דער געשטאַלט אליעזר שטיינמאַן ווידער אַ מאָל פאַרגונען אַ קאַפּריזנע סינטעזן־שפּיל פון פייטן און ענציקלאָ־פּעדיסט, עטיקער און גלייביקער סקעפּטיקער און נאַטור־פאָרשער פון דעם

מין מענטש אין זיין „עלנטקייט אַן גאָט" — חריף און דרשן, וועלט־אויס־קוקער מיט דער לוסט צום צער פון דער סתירה. קאָן זיין, אַז אויך אין דעם רוים צווישן די סתירות לעבן די געדאַנקען — פאַר זיי איז גאָר קיין שלעכט אָרט נישט פאַראַנען.

„— — אַזוי בין איך, באין ברירה, צוגעקאָוועט צו מיין שרייבטיש. טענה איך צו מאָל צו דעם מלאך, וואָס שלאָגט מיר איבערן קאָפּ: ,וואָס שלאָגסטו? ווער דאַרף מיין שרייבן?' — — ער אָבער הערט נישט אויף מיך צו מוסרן: דיר האָט מען געהייסן שרייבן — שרייב!" (בלעטער פון עץ החיים).

דעם ספר עלים מעץ החיים באַצייכנט דער מחבר: „פּרקים פון אַ טאָג־בוך". צו איינזאַמקייט בעט זיך אַ טאָגבוך. „טייל האַלטן — שרייבט שטיינמאַן — און איך אַליין האַלט אויך אַזוי, אַז אַ טאָגבוך שמעקט מיט מעשי־נערות. אַז אַ מענטש איז יונג, צי דער דור איז יינגליש, זענען טאָג־ביכער אַ מאָדע אין דער ליטעראַטור און אַלץ איז דאָרט ,פּינקטלעך פאַר־שריבן'... קאָן זיין, עס ליגט אַ שטיקל גוזמא אין דער איבערגענומענקייט מיט פּערזענלעכן וויי. אָבער די גוזמא איז דאָס זאַלץ פון לעבן. די גוזמא האָט געשאַפן רעליגיעס. זי איז די נעסט פון דער גרויסער ליבשאַפט, וואָס אירע פלאַמען קאָן מען מיט אַ סך וואַסערן נישט לעשן...".

מיט העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק האָט דער יונגער אליעזר שטיינמאַן, אַן אָנהייבער אויף עברית, זיך געוואָרעמט אין אָדעס, אין זאַטן גלאַנץ פון מענדעלע, ביאַליק אחד־העם — יונג און שעמעוודיק. שפּעטער האָט ער געלעבט אין וואַרשע, אין נאָענטשאַפט מיט דוד פרישמאַן, און האָט דעמאָלט געשריבן דערציילונגען אויך אויף יידיש — ביז ער האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה עולה געווען קיין ארץ־ישראל. געשריבן, דער עיקר, עברית. דאָ האָט זיך אויסקריסטאַליזירט זיין עסייִסטישער סטיל, וואָס האָט נישט זיין גלייכן אין דער מאָדערנער העברעיִשער ליטעראַטור. איר זעט אין זיין נוסח אַלע שפּילעוודיקע רעגנבויגן־גלאַנצן פון תנך, מאָדערניזם און וייכן, זאַגעוודיקן מדרש רבא, קוהלת, איוב און בעל־שם־

טוב, רמז און חקירה, ניטשע און דאָסטאָיעווסקי, דעם סאָקראַטישן דענק־שמועסער פון דער העלעניסטישער וועלט, און דעם אויסגעזונגענעם אומעט פון אַ שבת־פּאַרנאַכטיקן קאַפּיטל תהילים.

ער איז כולו אימפּראָוויזאַציע שבכתב, מיט בייגעוודיקער פעסטקייט פון דער פאָרעם — און אויף דער ליניע פון זיין פּאַראַדאָקסאַלן איפכא מסתברא, אַ ביסל ווייטער אַרויף, נאָך אַ ביסל, ליגט דער ריינער אמת. אַ מאָל טוט דיך אַ צעטרייסל דער „פּלי״, איידער דו קומסט צו נענטער און דערקענסט אים פון אינעווייניק. דאָס איז שטיינמאַנס שרייבערישע „שיטה״. ער האָט מוט צו זיינע סתירות, וואָס רעכענען זיך אויף צום בנין — מוט צו יעדן עילוייִשן כאַפּ, וואָס טוט אַ שוועב, אַפילו צו דעם סטיליסטישן דרוש און צו דער שיר־השירימדיקער מליצה, וואָס צעבליט זיך דאָ און דאָרט אויף דעם ברייטן שטח פון זיין שרייבערישער טיפקייט. ער האָט ליב דעם לאַנגן וועג פון גייסטיקע קפיצות הדרך און ער איז מאריך בצימצום. זיין נוסח איז אַסאָציאַטיווער כלאחר־יד — אַ זאָג געטאָן און ס'ווערט גייסטיקער ווערט: „נישטאָ אַזאַ מיאוסקייט, ווי די שיינקייט וואָס איז מיאוס געוואָרן״... אָדער: „וואָס איז חכמה? פאַרשטיין די נאַרישקייט״... זיין סטיל איז די לאַנדשאַפט, ווו עס וואַקסן געדאַנקען און בילדער, און זיין דרך: אָפענער סיסטעם פון וואַריאַנטן פון איין גרונטשטימונג — דער מענטש אין מיטן דער בריאה. אַרום דער דאָזיקער „טעמע״ קייטלען זיך איינפאַלן און חידושים אָן סוף. איין וואָרט רופט דאָס אַנדערע: הייבט זיך דאָס אויף און קומט. קומען גאַנצע שיירות שורות, בגילופין מיט דער לוסט פון ווידעראַנאַנד — אַזש עס בענקט זיך צוריק צו פשוטן פשט, ווי עס פאַרבענקט זיך אַ נאַשער נאָך אַ רעפטל שוואַרץ קאָרנברויט.

פון די מדרשדיקע ש״י־עולמות פון זעונגען, מחשבות, ספקות, נאַכט־קאָשמאַרן און טרויער פון דער נישט פאַרענדיקטער וועלט, וואָס זוכן אַ תיקון אין דעם וויברירנדיקן ווערטיקאַל פון אליעזר שטיינמאַנס קלעטערדיקן וואָרט, האָט נאָך קיינס נישט געזאָגט: מיר איז ענג אין דער שאַרפער עמקות פון דער דאָזיקער הויכקייט — און קיינס מסתמא וואָלט נישט געוואָלט אויסבייטן זיין דאָליע אויף דעם מין גלאַטיקער ספערן־האַרמאָניע.

וואָס מען קריגט, גרייטע, אויף אַלע ליטעראַטור־יאַרידן, געראָטן און איבע־ריק, אָן ווי און אָן פרייד, אָן אַ שטראַל וווּנדער. די דאָזיקע ש״י־עולמות האָט אליעזר שטיינמאַן באַלויכטן מיט זיין ציטערדיקער בענקשאַפט, ווי עס פלעגט דער מקובל אין קלויז, אַליין אַ נאַכטשאָטן, באַלכסונדיק צע־צויגן אויף דער ספרים־שאַפע, אָנצינדן צו חצות די קאַנדעלאַבערעס, פאַר־שפונענע אין שטילקייט, הויך אונטער דער סטעליע.

זיין וועלט איז דער דור און די דורות, די נאַכט און די איינזאַמקייט, גאָט און דער טויט — און זיינע געשטאַלטן זענען דורכגעוועבט מיט רעפלעקסן און אַפאָריסטישע בליצן. ווער וואָלט געגלייבט, אַז צווישן זיינע חומרות טוען אָפּט אַ פאַרשעמטן בלישטשע לירישע קנייטשן פון אַ שמייכל! געטראָפן אַ מאָל איינעם אַ נאָענטן מענטש, וואָס ער האָט לאַנגע יאָרן נישט געזען און איצט נישט דערקענט. „דו דער־קענסט מיך טאַקע נישט?״ — פרעגט יענער מיט אַ שמייכל. „דיך... יאָ... אָט... אין דער מינוט: ברקאי?״. „און ווי אַזוי האָסטו מיך דערקענט? — „לויט דיין שמייכל״. דער שמייכל איז דער תמצית. אויף אַן אַנדער אָרט: „איך בין איינזאַם צווישן חברים שרייבערס...״. און באַלד: „...איך בין גאָר־נישט איינזאַם. נישט פאַראַנען קיין איינזאַמקייט אין דער וועלט פון גייסט. יעדער קאָן זיך צוקלייבן חברים צווישן די גייסטער, וואָס שוועבן אין די ספערן פון שירה און חכמה... ישעיהו איז אַ גוטער חבר, ירמיהו אַוודאי, אויך יחזקאל, עמוס, הושע — און אַזוי אויך פּלאַטאָן ...ווי גוט זענען דיינע געצעלטן, ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, און ווי היימישלעך פאַרברענגט איך מיט זיין אייניקל ר׳ נחמן... רעדט צו מיר סענעקאַ ווי אַ חבר מיט אַ חבר... אַ מאָל כאַפּ איך זיך אַריין צו סטרינדבערגן, אחד־העם, יעקב קלאַצקין״. שאַרל באָדלער איז אויך פון זיין געזעלשאַפט.

טענהן מענטשן: אליעזר שטיינמאַן האַלט זיך פון ווייטנס — למדר־וואָווסקער כמור: „מען „זעט אים נישט״. די מעט־לעתן זענען צו קנאַפּ פאַר זיין שרייבן — צעציט ער די נעכט און די שופלעדער זענען איבערגעפּאַקט מיט כתבים. „אַפילו איך זאָל לעבן הונדערט און צוואַנציק, — זאָגט ערגעץ שטיינמאַן — וועל איך נישט באַוויזן אַרויסצוזאָגן כאָטש אַ שמינית

שבשמינית פון די געדאַנקען און געפילן, וואָס ברענען אין מיר. דורות מאָנען, איך זאָל זיי ברענגען צום אויסדרוק..." און דער מענטש איז צער און תענוג: איין קליינינקייט.

אַוודאי דאַרף מען זיך גוט אונטערגאַרטלען ביים אָנצייכענען אַפילו ווינציקע ראשי־פּרקים וועגן דער איינציקייט פון אליעזר שטיינמאַנס בור־סח — אַז אַלץ, וואָס עס ווילט זיך זאָגן וועגן דער דעמאָניק פון שרייבן, וואָס אומרוט אין אים, און וועגן זיין פּאַנישער שרעק פאַר דער זינד פון גייסטלאָזיקייט, האָט ער שוין אַליין געזאָגט וועגן אַנדערע. יעדער זאָג ביי אים איז אַ בליץ אין טונקל, כולו באַכט־העלקייט — און יעדער זאַץ אין זיין ווערק איז קודם כל ער גופא. דאָס מוז ער — אָבער דערצו איז ער נאָך אַ היפּש שטיק וועלט פון שכנות, אויב נישט אין גאַנצן זיין היפּוך: דאָס מוז ער אויך. אַלץ קער זיך אָן מיט אַנאַנד. „ס'איז שיין פאַר אַ מענטש צו גיין אויפן דרך הישר" — זאָגט שטיינמאַנס מאַנדו, דער לע־רער, צו זיינע תלמידים־חברים — „אָבער ס'מוז זיין לאַנגווייליק, צו גיין שטענדיק פאָרויס אויף דעם זעלבן וועג — און אפשר קומט מען גאָר אין גאַנצן נישט ווייטער, אַז מען האַלט זיך שטרענג אויף דער גלייכער ליניע... וואָס ס'איז נישט אַ ביסל קרומלעך — פּאַראַדאָקסעוועט מאַנדו אין דעם דערציילן־סימפּאָזיום גן־עדן של אנשי שלומנו — קאָן גאָרנישט זיין אין גאַנצן גלייך". זאָל דאָס אפשר זיין פאַר אונדז אַ שטיקל נחמה? שווער צו דערגיין צו דעם פונקט, וואָס טוט אים צום טיפסטן ווי אין דער פאַרפלאָכטענער דענק־השתפכות, לירישער קאָזעריע און ריטמישער פּראָזע — אַלץ אין איינעם טוט ווי און הלוואי וואָלט מען זיך געקאָנט אָפּלערנען פון שטיינמאַנס קליינוואַרג: „קודם ווייניק דאָס — דערנאָך שמייכלט די פרייד".

קאָן זיין, אליעזר שטיינמאַנס טונקל־קאָליריקע ווערטערוועלט איז אַ פאַרטראַכטער אַלטער גאָרטן, בראָנדז מיט זילבערנע געוועבן, שאָטנס פאַרשפּונען מיט הימל. הויכע טויערן האָט דער פאַרשלאָסענער גאָרטן, געשניצטע פון תפילות, קאָשמאַרן, וויזיעס, בענקשאַפטן, וואָס זעען אויס ווי

אַ צאַרט געפּלעכט פון פייגל מיט מלאכים, ספקות, גלייבענישן, נישט־גוטע. אויך די צווייגן פון דיביימער, וואָס לאָזן אַ מאָל דורכלויכטן דורך די קרוינען גילדענע בלעטער אָוונטזון, שפּילן זיך מיט דעם האַרבן ערד־ריח פון די וווקסיקע וואָרצלען. יענע דראַפּען זיך אַרויף פון טיפן טונקל און בענקען אַראָפּ נאָך טיפער, צום יסוד פון די יסודות, אַלע יאָרן אַזוי — מי יודע וווהין זיי דאַרפן נאָך דערלאַנגען!

אָבער צו וואָס אייגנטלעך דאַרף איך מעטאַפאָרן, אַז דער בעסטער משל איז פאַרט דער נימשל? שווער אויסצומיידן דעם גרינגן זאָג, אַז אליעזר שטיינמאַן איז אַ פענאָמען. נו, און אַז איך האָב דאָס שוין יאָ געזאָגט: וואָס זשע באַטייט דאָס הוילע וואָרט, אַז עס שטעלט זיך אָוועק. פרעמדערהייט, פאַר דער יחידישער געשטאַלט פון אָט דעם אינטעלעקטועלן ראָמאַנטיקער, כולו דינע שפּירונג און איינגערוימטער ניגון, כולו בזירישע תאווה, משיג צו זיין דעם סוד פון די סודות, משיג זיין מיט „ביידע שכלס" — ווי עס איז מסביר איינער פון די שמועסערס אין גן עדן של אנשי שלומנו, מר חזקוני דובי: גלגול פון רבינס הויף־יושבים, וואָס „ציען מוחות" בשעת מאַנדו, דער מדריך, אַ מין אַריסטאָטעלישער פּעריפּאַטעטי־קער, גייט אַרויף און אַראָפּ און „זאָגט" פאַרן עולם. די „צוויי שכלס", הייסט עס, אַמפּערן זיך איינער פון דאַנען, איינער פון דאָרט, שכל פון מוח און שכל פון האַרץ — אַפּנים, מען קאָן אויסקומען מיט איין בידנעם שטיקל שכל, אַז מען וויל דערגיין ביז צו דעם פּונקט, וווּ עס הייבט זיך שוין אָן „יענע זייט": דער גאָרנישט?

„ברכי נפשי — ענדיקט זיך דער ספר גן עדן של אנשי שלומנו — לויב, נשמה מיינע, דעם מענטש, וואָרום גרויס ביסטו אין דיין פיין און קליין אים אַרויסצוזאָגן".

*

מיט עטלעכע וואָכן צוריק, אין איינעם אַ פאַרנאַכט, קלאַפּט ער שטיל אין מיין טיר און בלייבט אַ רגע שטיין, מיט אַ מידן שמייכל, באַלכסון: אַ שמאָלער, ציטעריקער שאָטן. דער בין השמשות פון סוף תמוז פאַספּאָרירט

מיט בלייכן גלימצער אַרום דער געצאַמטער געשטאַלט, וואָס גרייט זיך אין וועג אַריין. די פּטירה האָט זיך, טיף און טונקל, איינגעקנייטשט אין דעם פיליגראַן פון זיין אויסגעצערטן פנים.

דאָס איז געווען אליעזר שטיינמאַן, דער העברעיִשער שרייבער, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט צו שרייבן יידיש. איןביידע לשונות האָט געאָומרוט די הייסע פילקאָלירקייט פון זיין שאַפערישן גייסט. ער איז געווען אַ יחיד צווישן יהידים אין דער שרייבערישער וועלט — דער סטאַנדעט פון דער שרייבערישער מאַנופאַקטור איז נישט געווען זיכער, צי קאָן מען בכלל גורס זיין די קאַפּריזן פון זיין עמקות און חריפות.

שטיינמאַן — יאָ: ס'עפּעס נישט... ער איז „האַרב" — דאָס האָט מען „געוווּסט" פּאַריס. מען האָט געוווּסט, אַ שרייבער, וואָס מען זאָגט אויף אים „כאַראַקטער" — שוין. אַ ביסל האָט מען זיך געפילט אומהיימלעך אין זיינע לאַנגע אַנשלאָפּיקע נעכט, וואָס זענען אַריין אין זיין שרייבן: וואָס טוט ער דאָרט? געשראָקן האָט מען זיך אויף פּאַר זיינע אינטימע „מחזקות" מיטן טויט. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך גאָר פון דער נאָענט: ער און דער טויט.

אַ מאָל קום איך אַריין צו אליעזר שטיינמאַן אין שטוב, אָדער איך טרעף אים צופעליק אין גאַס: אַ דינער, אַ גיכער: אַסקעט מיט אַ שמייכל. קוים אַ שטראַל געטאָן, כאַפּט ער אים באַלד צוריק — ער זאָל נישט גע־שעדיקט ווערן אין דער קעלט. דאָס מענטעלע וויקלט זיך אַרום דער שמאָ־לער געשטאַלט. די טריט זענען דריבנע און שנעל — אַ מין גאַנג פון אַנטלויפעניש: איבערקומען וואָס גיכער דער וועלטס דרויסן. אפשר האָט ער מורא, דער ווערטערמאַרק זאָל אים נישט אָפּנאַרן מיט פאַלשע פּערל. וויל ער וואָס גיכער קומען צו זיך. דאָ, אין זיין אומרו, איז ער זיכער.

שבת אין דער פרי פלעג איך אָפּט אַריינגיין צו אליעזר שטיינמאַן „אויף קידוש". זיין משקה איז געווען טיי מיט מילך — דעם טעם פון וויין האָט ער געפילט אין די שמועסן, וואָס האָבן זיך געוויקלט אַרום אים: שיחת חולין — און מער.

ער האָט הנאה געהאַט פון הערן און זאָגן. אָפּגעבערעקלט אַ שטיק פון זיין שרייבערישער וועלט — האָט מען דאָס שפּילעוודיק דערשמועסט. מיט אַ לייכטן „פּלי״, אַ לומדישן, מיט אַ „כאַפּ״, סקעפּטיש ביז צום סוף.

אפשר קאָן מען זאָגן, אַז ער איז געווען אַן אינטעלעקטועלער אַנאַר־כיסט מיט אַ סך באַוואָרענישן קעגן דעם אָנגענומענעם שטייגער. אַוודאי איז ער געווען דורכויס אינדיווידואַליסט — אויסגעאַרבעט, לויט זיינע פּערזענ־לעכע מאָסן. ער האָט זיך נישט פּאַרקוקט אויף קיינעם, נישט פּאַרלאָזט זיך אַפילו אויף דעם צווייפל אין זיינע אייגענע גלויבנס.

אויסגעזען האָט אליעזר שטיינמאַן ווי אַ גלגול פון אַ נזיר — און גע־פּאַסט וואָלט זיך פּאַר זיין בינטל ביינער אַ וואָלענער בורנוס מיט אַ גראָבן גאַרטל. אין די לעצטע יאָרן איז ער געווען כולו פנימיות — און אויף זיין שבתדיקער סעודה האָט זיך די נשמה יתירה צעהוליעט מיט אַ ביסל ווייסער שיטערער קאַשע אין אַ פלאַך שיסעלע.

ער איז געווען מלא וגדוש — און נאָך אַלץ טיף נייגעריק. ער האָט גע־לייענט אַ וועלט מיט ספרים, אַלטע און נייע. נישטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל נישט זיין קיין פּענאָמען — האָט ער זיך געגומען צייט צו אַלץ און צו אַלע־מען. אַפילו ביים לעצטן גראַפּאָמאַן האָט ער געוואָלט דערגיין: ווי אַזוי מאַכט ער דאָס...

אַ סך חסידים זענען נאָכגעגאַנגען נאָך שטיינמאַנס אָרון אין תל־אביב — און די הספדים האָבן אַליין פּאַרשטאַנען, אַז זיי דאַרפן שווייגן: דאָ רעדט מען נישט.

גאָט און די קרעאַטור

עס טראָגן זיך פונקען זעערישער שכל איבער דער ווייכער ראָמאַנטישער ווימלעניש פון אהרן צייטלינס זינגעוודיקן אינטעלעקט. דאָס איז די ברייטע, וואַרעמע השתפכות פון שירה און מחשבה איןביידע לשונות וואָס נעמען זיך אַרום: תפילות, עלעגיעס, הימנען פון אמונה און פרומען רעוואָלט, איבער חקירהדיקע דרך־אגבס פון אַ מין יענע־וועלטיקער שיחת־חולין מיט הי, איבער פּאָעטישע זוהר־זאָגענישן, איבער דער פילשטאַפּלדיקייט פון זיינע גאָט־באַגעגענישן אין טרויער און טרייסט, וואָס מאַניפעסטירן התגלות אין דער מיסטישער קאָליריקייט פון זיינע לידער פון חורבן און לידער פון גלויבן.

מסתמא ציִען זיך צינורות — זיי ציִען זיך אומעטום — וואָס פירן דעם גלויבנס ברי צו דעם גלימער פון חורבנס אַש און צוריק: קאָמוניקירנדיקע רויִנעס. „עס וווינט אמונה אויף רויִנעס" — זאָגט דער דיכטער.

חורבן און גלויבן — ביידע זמיעשטשען זיך שווער אונטער איין הימל: דעם איינגעפּאַלענעם, דעם איבערגעלאָדענעם, מיט וועלכן זיי לאָדן זיך. ווער ווייס, צי זענען נישט ביידע אין איינעם, אין זייער גורלדיקן צונויפבונד, דער איכה פון חורבן און דער הלל פון גלויבן, דעם דיכטערס שירת־המידבר פון נצח־ישראל, דער עולם־ומלואו פון זיין ספּעקולאַטיווער גאָט־מחשבה און פון זיין געראַנגל, מיסטישער אורספּאָרט פון די צוויי כוחות, וואָס האָבן זיך פאַרלוירן אין עקסטאַז פון דער באַהעפטונג:

נישטאָ מער דער ייִד, מע הערט נישט זיין קול —
און נישטאָ וועט עס זאָל
געבן אַ זין דער זון,
שענקען אַ גאָט דעם טאָג.

דאָס זענען די פרומע פאַרשייטקייטן פון אַ פּאָעט, אַ מאַמין, וואָס האָט די העזה און די שטאַרקע צעבראָכנקייט צו גלייבן און דעם יצר־הרע צו לעסטערן — צעמישט ער כביכולן די רעיונות: שפּיל פון דבקות און אַמ־פּערניש. מען פילט באַשיימפּערלעך, גאָט לאָזט זיך — עלעהיי אַ לייט־זעליקער פעטער, אַ גאון, וואָס פאַרהערט אַ מאָל דאָס עילוי׳שע ייִנגל אַ האַרבע מסכתא און קאָן באַשטיין, אַז אין סאַמע מיטן סוגיא טוט זיך דער עזות־פּנים אַ באַרע מיטן עוקר הרים, קריכט אויפן קאָפּ, קרייזלט דעם פעטערס מעכטיקע באָרד, אין וועלכער ס׳זענען אַריינגעקנייטשט ווייכע לומדישע שמייכלען צווישן אָנגעכמורעטע חומרות.

אַוודאי איז אהרן צייטלין אַ לעגיטימער יורש פון י. ל. פּרץ. ער לעבט אין זיין ראָמאַנטישער אידעען־וועלט. ער איז ממשיך די קייט פון פּרצעס רעיונות, סימבאָלן, רמזים, אַ מאָל נוטריקון. ער האָט אַפילו איבערגענומען אַ היפּשן טייל פון פּרצעס קבלהדיקע לבושים. אין דעם אַנסאַמבל פון זיינע פיגורן און מיסטישע שאַטנס האָט זיך אויך כמעט ווי גאַרנישט געביטן: מלאָכים און מחבלים, לצים, שרעטעלעך, קליפּות, לילית, אַשמדאי, און די גלגולים פון כת דיליה, אַלע פון עלטערן דור. חשובער, מיין איך, פון צירופים וואָס צעפאַלן זיך, זענען די לידער, וואָס זייער פּאָעטישער סוד איז די האַרמאָניע פון געדאַנק און מוזיק.

צייטלינס שפּראַך פּאַספאַרירט אין טונקל פון מחשבה און זיין ליד שטאַרקט זיך מיט טיפע וואָרצלען, אויך וואָרצלען של מעלה:

אַ מידער הונט, וואָס דרעמלט פאַר דער בודע,
ליג איך פאַר דיר אָן מיצוות און אָן זינד.
אַ נישט־געראָטן קינד
פון ווייטע עלטערן — לייבן פון יהודה.

קאָפּ אויף לאַפּע הויער איך אין זאַמד,
פאַרוויגט פון פליגן — און אין מיר איז הוילקייט.
די זון — דיין וואָרט וואָס פלאַמט —
וואַרעמט נאָר דעם רוקן פון מיין פוילקייט.

נאָר ערגעץ זאָטלט שוין דיין האַנט ס׳געוויטער,
און בעת צום זאַמד איז צוגעשמידט מיין קאָפּ —
בינדט ערד און הימל אין איין פייערדיקן סנאָפּ
דיין בליץ פול ציטער.

צערינען וועט מיין שלאָף ווי לייכטע טויען,
באַלד לאָזט דיין שטורעם זיך גאַלאָפּ,
און ס׳רייסט זיך פון דער לאַפּע אָפּ מיין קאָפּ —
און איך וועל וואָיען!

דאָס ליד האָט אהרן צייטלין נאָך געשריבן אין וואַרשע און עס הייסט „יאַנואַר 1938". דאָ וואָיעט די קרעאַטור, שטיל, מיט איינגעגראָבענעם קאָפּ, איר הימען פון שרעק און גלויבן. דאָס זענען אהרן צייטלינס דרכים אין געוואָגל פון וואָרט. דרכים, האָב איך מורא, זענען אַ מינימום אין אַ וועלט, וואָס קיין דרך האָט דאָס נישט, וואָס קאָן שוין זיין ווינציקער ווי אָט דער ראָמאַנטישער סיסטעם פאַר אַ דיכטער מיט צעצווייגטע דרכים? זיי קערן זיך אָן מיט די עולמות, וואָס זענען אויך אַהינגעקומען — אַלץ אַ רבים: וואָרום וואָס מיר האָבן נישט, האָבן מיר בשפע.

אהרן צייטלינס דיאַלאָגישע געשטאַלט בויט זיך אויף פון זיינע ווידער־אַנאַנדן און דער גייסטיקער שפּילרוים זענעןביידע וואָרט־ און וועלט־העמיספּערן: נגלה און נסתר.

זענען מיר אַ מאָל, מיט יאָרן צוריק, קשה געווען די גוזמות קלאָרקייט, מיט וועלכער אהרן צייטלין בלאָנדזשעט זיכער אויף יענער זייט און איך

האָב דעמאָלט אַרויסגעזאָגט באַוואָרענישן. פון די באַוואָרענישן זענען געװאָרן טענות און תשובות, וואָס האָבן זיך פון ביידע זייטן געסטראָיעט פּאָלעמיש. ס׳איז געווען איינס פון די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן — אַ יאָר אַ גאָרנישט. דאָס גרייט זיך ערשט צו זיין צערודערט — און איז דערוויייל גוט אויף דעבאַטעס: אַלט און ניי, רעאַליזם און מיסטיק, פּאַטאָס און הומאָר, פּרץ און שלום־עליכם, צייטגייסט און אייביקייט, ריכטונגען, שטרעמונגען, און די אַנדערע שמות־נרדפים, באַליבטע איינגייערס אין דער ליטעראַריע. גיט דאָס וואָרט אַ שפּרייז, ווילעריש, בלאָנד, קידערווידערדיק. דערווייל איז מיט אַ שאַרפן הילך צוגעפאַלן דער טויער פון דער וועלט. דער הילך האָט אָפּגענומען דאָס לשון — און דער וויכוח, איידער ער האָט זיך רעכט אָנגעהויבן, האָט זיך אָפּגעהאַקט: אַזש עס געדענקט זיך נישט, ווער וועמען איז שולדיק אַ מיינונג.

אַוודאי האָב איך מיך שוין דעמאָלט, מיט אַ ביסל פאַנטאַזיע, געמעגט אָנשטויסן, אַז פריִער־שפּעטער בעטן זיך פולע שבעים און מער צו אַ געשטאַלט ווי אהרן בן־הלל, וואָס איז פּאַטריאַרכאַליש יונגערהייט, בהיסח־הדעת געוואָרן אַ שטיקל זקן, אַן אָנפאַנגער, און צו די געבענטשטע יאָרן בעטן זיך „כל־כתבי״ מיט חשבון וועגן דעם דיכטערס לאַנגן שאַפערישן גאַנג צווישן לאַבירינטן, אָנגעהויבן פון ווערטערדיקע לידער, וואָס צעקליינגען זיך מיט ייִנגלשע גראַמען, ביז צו דער דיכטערישער הייך פון דעם שטאַרקן סאַרקאַסטישן פּאַטאָס אין זיין „תפילה לאַהרן״:

וי קאָן איך לעבן! ס׳איז דיין וועלט געוואָרן טמא.
ווי קאָן איך שטאַרבן? טויט
איז נאָר צו לעבן אַ הקדמה.
טראַכט אויס פאַר מיר אַן עפּעס
מחוץ דעם טויטנס לעבן און דעם לעבנס מיתות,
און לייג מיך דאָרט אַריין —
לייג מיך אַריין און פאַרשליס עס.

אַזאַ גראַם איז אויף אייביק — מיתות־פּאַרשליס עס! — גאָרנישט אָפּצודינגען.

וויל איך אין מײַנע פּאָר שורות געבן אַ ווונק מיר אַליין אויף אַהרן צייטלינס פּילשטאַפּלדיקער ליטעראַרישער גערעטעניש: ליריק, עמקות, שטי־מונגען וואָס ציִען מוחות, וועלט־עצבות וואָס אַנטלויפט פֿאַר איר אייגענעם באַהאַלטענעם הומאָר, אמונה מיט אוצרות ספקות — אָנגעוואָרפענע, פֿאַר־ביקע שטיקער נישט פֿאַרענדיקטקייט פֿון באַשאַף פֿון פֿאַר „ויכולו", און אַלץ איז אין בלויען מיטן.

מענטשן ביי באַשעוויסן

„...נו, מיר זענען אַלע קנעכט — האָט יעקב געמורמלט צו די בהמות אין שטאַל — גאָטס קנעכט". אויף אַן אַנדער אָרט רעדט יעקב צו זיך אַליין און עס קומט אַרויס אַ גיכער סך־הכלדיקער זאָג: „נו, ס'איז אַלץ סודות, גרויסע סודות. אַלע מענטשן זענען באַשאַפן בצלם אלוקים". דאָס קאָן זיך זיין אַלטער, גוטער אמת — אָבער אין אַזאַ אָפּכאַפּעדישער פאָרעם ווערן אַזעלכע ענינים פון ס'ניי פּראָבלעמאַטיש. יעקב איז „דער קנעכט", וואָס וועגן זיין גורל און זיין צייט דערציילט יצחק באַשעוויס אין זיין ווערק מיטן זעלבן נאָמען. ס'איז דער היידאַמאַקישער יאָרהונדערט, כולו כמיעל. די „יוונים", פּריצים און פּאַכאָלקעס, האַנדלען מיט מענטשן: כך־וכך גילדוין אַ קאָפּ — נאָך ביליקער. יעקב איז אַ טאַטנס אַ קינד, אַ בן־תורה, אַ יפה־תואר, געפאַנגען, פאַרקויפט: עבדי יעקב, „„אל תירא" שטייט שפּעטער, ווען מיר קומען צו דער פרומער אַוואַנטורע פון פדיון שבויים.

ס'איז דער שווערבלוטיקער עפּאָס פון אַ תקופה, וואָס אין זיין מיטל־פונקט שטייט איינער פון אַ פאַרצייטיקן שבט קידוש השם־יידן, איינ־געשלאָסן פון אַלע זייטן מיט קאַלטער רוצחישער פרעמד. די קינסטלערישע רעאַליסטיק פון באַשעוויסעס דער קנעכט עקשנט זיך דאָ נישט אויף קיין שטרענגע בעלעטריסטישע ליניעס, נאָר פלעכט זיך דורך מיט קנוילן מיס־טעריעס און אויסטערלישע מענטשעלעך, מיט מעשה־ביכלדיקע שטיקלעך ת"ח און ת"ט, מיט גזרות און צויבערשפּרוכן, מיט פנקסים און ספרימלעך, וווּ עס זענען אַריינגעקנייטשט סודות און מחשבות מיט פאַרצייטיקן שטיי־

גער, מיט לעגענדע און מוסר, מיט דעם לעבנס גוטס און שלעכטס, מיט פאַרבאָטענער ליבע, מיט מלאך־המוותדיקן העפּי־ענד און מיט גוזמות פּיל־מישער מעלאָדראַמאַטיק, אַנטיציפּירט פון אַ שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג: אַ געקניפּטער אַלטפּרענקישער דיוואַן, גליפּאַרביק און קאַפּריזנע.

וואָלט איך נישט מורא געהאַט פאַר דעם פּאַראַדאָקס, וואָס שטופּט זיך אַן דרך־ארץ און וויל דווקא פאַרריכטן אויסגערופענע אמתן, וואָלט איך געפּרוווט אַ זאָג טאָן, אַז דער קנעכט איז דאָס קונסטסווערק פון אַ טיפן מאָראַליסט, אַ ביישן, וואָס רייטלט זיך, אַז זיין קאַלטע עקסטאַטיק לייגט זיך מיט אַ מאָל אָוועק ווי אַ יסוד פון די יסודות און וויל זיין אַנדערש ווי מאַקאַברישער חוזק — כאָטש עס טרעפט אַ מאָל ביי באַשעוויסן, אַז אַפילו דער טויט אַליין גרימאַסירט סאַרקאַסטיש. דאַכט זיך, באַשעוויס שרייבט מיט אַלע כוחות בילדערישע, קאָליריקע, העזהדיקע פּראָזע, אַ מאָל מיט אַ שמיץ דינער ליריק, וואָס טוט אַ פינקל ווי אַ גרעזל אונטער אַ גרויען שטיין. ער איז, קאָן מען זאָגן, צו אַלץ פעיִק אין זיין עקספּרעסיווער לייי־דנשאַפט, אַנצורופן דאָס קינד ביים נאָמען — אויך דעם ממזר, וואָס איינער אַ חסיד האָט מיט דער יונגער שדיכע.

די וועלט איז ליידיק, געפּאַקט מיט פינצטערער שטומפּיקייט, מיט יויזל און פּאַגאַנישע געטשקעס, מיט פּחדים און הפקר, מיט אונס און מעשי־סדום, מיט טויט און ערווה.

דאַכט זיך, דער שטן פון גאָריי, צי זיין „כת״ פון קליפּות, גלגולים, פּאַרזעענישן פון ס״ם, וואָס די בריאה האָט אַנגעפּלאַדזשעט אין די מ״ט — סאַמע ראשי תיבות פון דער מיסטישער אונטערוועלט — דאָס אַלץ איז איינעם קאַראַהאַדעוועט וואַקכאַנאַליש אין דעם לילית־באַלעט, וואָס שפּילט „הינטערגרונט״ אין יצחק באַשעוויסעס דערציילערישן ווערק. אַ מאָל באַ־קומט זיך דער איינדרוק פון אַ מין מיטל־עלטערלעכן סיטרא אחרא־שפּיל, קאָמבינירט מיט ראַפינירט געפורעמטע קינסטלערישע געשטאַלטן און באַב־סקע הוריות, לצים, שרעטעלעך און גאַנצע כאַליאַסטרעס נישט־גוטע, וואָס זעען אויס ווי שטעטלדיקע יידן פון היימישלעכן שטייגער. אומעטום דער זעלבער געראַנגל פון קדושה און טומאה. צאַנקען ציטעריק די קבלהדיקע

ניצוצות און צו קיין צירופים איז די וועלט אַלץ נישט זוכה. — אַז דער שר־החושך מישט זיך אַריין. זי גליווערט אין צייכן פון דער האַק, וואָס הייבט זיך איבער אַלעמענס קעפּ — און אין אַנבליק פון גאָטס באַהאַל־טענעם פּנים מורמלט דער קנעכט צו די בהמות אין טונקל פון שטאַל, אין שטומער אַליינקייט. זיי אַליין זענען געבליבן אין כביכולס פאַרלאָזענער באַלעבאַטישקייט. יעקב פּיטערט די קי, מעלקט זיי, און קיין צורת מענטש האָט ער שוין לאַנג פאַר די אויגן נישט געזען — אַחוץ וואַנדאַן. די שיקסע קומט אַרויף פון דאָרף יעדן פאַרנאַכט, ברענגט דעם קנעכט ברויט מיט וואַסער און טראָגט אַהיים די קאַנען מילך. פון אָט דער פאַרנאַכטיקער שלווה אַרום די קאַנען, וואָס האָבן שוין פאַרצייטנס צערודערט חומשדיקע יונגע לייט, הייבט זיך אָן שפּינען דער ראָמאַן צווישן דעם ייִדישן קנעכט און דער הײדאַמאַקישער שיקסע. אָבער יעקב בלייבט דערווייל מיט די קי אויפן באַרג, אָפּגעשליסן, באַרוועס, מיט עטלעכע ברעקלעך תהילים, וואָס צאַנקען אין זכרון, מיט אַ פּסוק חומש, וואָס האָט זיך פאַרוואַלגערט פון יוזעפאָוו, מיט פרימאָרגנדיקן מודה־אני אין בלייך־בלויער נעפּלדיקייט, וואָס עס הערן בלויז דער הימל און די שטאַל. קוויאַטולאַ הייסט די ייִנגסטע קו. „פון איר פעכיקער מאָרדע — פאַרגעסט נישט דער בעלעטריסט דעם מאַלערישן יצר־הרע אין סאַמע מיטן תקופה־טרויער — איז גערונען אַ שנײַרל גאַווער און אירע פייכטע אויגן האָבן געגלאַנצט גלייך אויף יעקבן, זיך געבעטן: „העלף מיר, מענטש!”. אַז גאָט איז נישטאָ, שרעקן זיך די קרעאַטורן און רוקן זיך צו נאָך נענטער איינע צו דער אַנדערער. זיי אָטעמען בשותפות די קאַרגע פאַרע און ביי נאַכט אין שטאַל, אַז ס'ווערט דעם קנעכט קאַלט אונטער דער אויסגעריבענער וואַרעטע, וואַ־רעמט ער זיך די פאַרשטאַרטע פיס ביי די דיכן פון די קי.

איך בין זיך משער, אַז יעקבן אויפן באַרג איז איצט אַ סך וואַרעמער, איידער עוזר־העשלען פון זיין אַבסטראַקטער טערמינאָלאָגיע. יענער, אין דער פאַמיליע מושקאַט, איז אַ שטעטלדיקער עילוי, וואָס גרייט זיך צו דער גרויסער אָפּנאַרעניש פון לעבן. ער איז אַ לערנערישער נאַשער, וואָס לייענט און לערנט אַלץ מיט אַ מאָל, פאַרשלינגט גאַנצע ענציקלאָפּעדיעס,

כאַפּט אַריין לאַטיין, מסתמא אויך סאַנסקריט. דערצו האָט ער ענינים מיט גאָט אויך, וואָס לאָזט אים נישט אָפּ. איך זע נישט, זיי זאָלן הנאה האָבן איינס פונעם אַנדערן. דער בחור איז צו גיך אַריינגעפאַלן אין אַ טומלדיקן ראָמאַן־געראָודער פון פסעוודאָמענטשן, ציניקערס, צדיקים, בעל־תאוותניקעס, סאַלאָן־ווייבער, און ער איז צו שטאַרק פאַרנומען מיט זיינע קאָפּברעכע־רישע וואָרט־אַוואַנטורעס, אַז ער האָט גאָר קיין צייט נישט מענטשלעך צו וואַקסן. עס אַנטוויקלט זיך פון אים אַ דיאַלעקטישער בטלן מיט הויכע שמות־נרדפים און שאַרפע מאַגישע טעותים. ער בלאָנדזשעט האָפּערדיק צווישן שפּינאָזעס נומערירטע פילאָסאָפישע פּאָזיציעס און מעטאַפיזישע ספּעקולאַציעס „פון טהאַלעס ביז הוסערל", וואָס אַ סך פון זיי זענען גלייך איינס מיטן אַנדערן. עוזר־העשל איז מסתמא פונקט אַזוי איינזאַם ווי יעקב אויפן באַרג און ער האַלט מיט רעכט אין איין אַנטלויפן פון זיך — אָבער צו זיין אַליינקייט ניצט ער דעם האַרמידער פון שפּיציקע פאָרמולעס און כימערעס. מיט זיי פאַרברענגט ער. דאָס איז דער אַמוזאַנטער זיגזאַג פון געשפּאַלטענע פערזענלעכקייטן. מיר טרעפן זיי אָפּט אין מאָדערנע ראָ־מאַנען. די לייט שפּיגלען זיך אין זייער אָריגינעלן ריס און זיי פּילן אָן מיט אים גאַנצע בענד. אַזוי צעוואַקסט זיך טועכץ און עס ווערן יריעות פונאַנ־דערגעוויקלט. אָבער אין די פאַרצייטיקע יריעות, פון שבתדיקן פאַרמעט, — געדענק איך — אין די פאַרדומפּענע, אַרום די עץ־החיימס, פלעגט ר' הערש בעל־קורא צו מאָל דורכמעסטן אויפן באַלעמער לאַנגע, גיכע זאַגענישן מיטן טראָפּ, ביז עס טוט אים אַ שטעל אָפּ אַ הויכער „וידבר", ווו ס'איז כדאי צו האַרכן.

באַשעוויסעס אַלטער מושקאַט, ר' משולם, איז אַ בייזער גביר — און „וואָס מער מען שעלט אים, האַלט ער, איז בעסער". אפשר איז ער אַ ביסל געראָטן אין י. י. זינגערס שפּילריין פון די פּערל. קענטיק, די גבירישע אַנשיקעניש איז ביידע ברידער געלעגן גוט אין טעם. דער ייִד איז אַ למדן, אַ חסיד אַ שלאַק און אַ געניטער אַלמן. ער איז אויך אַ געניטע ראָמאַנ־פיגור, אַן איינגייער אין דער ייִדישער בעלעטריסטיק. דער זקן האָט אַלע

מאָל פריש חתונה — און חושד בין איך אים: ער טוט דאָס אויף צו להכעיס, מעגלעך אויף צו להכעיס זיך אַליין: וואָס פאַר אַ מחותן איז ער דאָס מיט זיך? דאַרפן דאַרף ער זי אויף אַלע ביין און ביינציק, די רויזע־פרומעטל מיט דער יחסנישער קופקע און שילערס „גלאָקע". נאָר טאָ־מער מאַכט זיך, מען דאַרף אַ ידענע, אויף פיינט צו האָבן — זאָל מען זי באַלד האָבן גרייט: שווילטאָג פון אַ גביר. דער אַלטער איז דער אבי אבות פון די מושקאַטס: האַרטע טונקעלע קאַנטן פון אַ כאַראַקטער. אין אַט דער פמליא ווערט מגולגל עוזר־העשל. ער לייגט צו אַ האַנט צו דער צעפאַלע־ניש פון דער משפחה. זיין מדריך אין דער קונסט פון בלאָנדזשען איז דעם אַלטן מושקאַטס איידעם, דער האַרציקער גענאַרניק און חסידישער הולטיי, אַבראַם. ער טראָגט אַ פעלערינע און אַ קינסטלער־שליאַפּע פון דער עפּאָכע און ער נאַרט אָפּ די נקבות אויך. ער האָט אַ שם פון אַ נואף אַ ברען — אָבער אין תוך איז ער אַ ווייבערניק על־פּי שכל — און ער איז מהנה די ווייבער מיט עספּרי. עוזר־העשל איז זיין לערלינג. ער איז אַ שטאַרק פאַר־נומענער לײדיקגייער און ווירטואָזער סקעפּטיקער: העדאָניזם, אָקולטיזם, סאַטאַניזם — בודאַ, בעש"ט, בערגסאָן, מאַרקס, פרויד. דאָס איז וועלט־אַנשויונג, מיט די רעכט אויף איבערבייט, לויט באַדאַרף, לויט קאַפּריז. די „פלאַגערס" אין שטעטל, וואָס האָבן נישט געוואָלט דינען זיין מאַיעסטעט, האָבן געפאַסט תעניתים, געטרונקען עסיק, געריבערט שוועבל, געוואַלגערט זיך גאַנצע נעכט אין דרויסן — פלעגן זיי כאַטש אין דער פינצטער, אין אומעטיקער לצנות, פאַרבייטן ווילדיינגעריש די שטעטלדיקע שילדן, אַ שוס־טער אויף אַ זייגערמאַכער און אַן אַקושערקע אויף אַ בלעכערניק — און אַ מאָל האָט חברה אַרויסגענאַרט פון בעט אַ פאַרפעדערטן ייד אין טלית־קטן, און איינער אַ יונג האָט זיך דערוויל אַריינגעכאַפּט צו יענעמס ווייב. די נאַכט האָט אַלץ דורכגעשאָקלט און די פּאָזיציעס האָבן זיך געמישט.

יעקב דעם קנעכטס באַרג בייט זיך נישט און זיין שווייגן פאַרנעמט מען פון דער ערשטער שורה אָן. דאָס שווייגן איז איינס מיט דעם פאַר־קלעמטן אַרום. יאָ, אַ פויגל איז אויך דאָ. אים האָט דער באַשאַף דאָ אויפ־געהאָנגען, אומזעעוודיק, ערגעץ אין דער הייך, ווי אַ מיסטישן שרעק־אָר־

נאַמענט. מסתמא דאַרף ער דאָ וואָרענען. „דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַן איינציקן געשריי פון אַ פויגל: יעדער פאַרטאָג דער אייגענער פויגל, דער אייגענער ווילדער געשריי". דאָס איז די שטרענגע שפּאָרעוור־דיקייט פון דער נאַטור: נישט אויסברענגען! און אויף אַן אַנדער אָרט: „איין פויגל האָט יעדעס מאָל אַרויסגעלאָזט אַ געהאַליש געלעכטער, ווי אַ משוגענער" — איך בין חושד דעם פויגל, אַז ס׳איז אַלץ דער זעלבער. ער פליט דאָ אונטער די הימלען פון סאַמע וועלטאַנהייב אַן און פּראָוועט צו מאָל פויגלשן סאַרקאַזם, צוצושפּילן דעם קנעכטס שטומקייט.

אַזאַ געצאַמטקייט, פון וועלכער עס רייסן זיך אַרויס פרומע רייד פון הכנעה, האָבן מיר פריִער נישט געלייענט ביי באַשעוויסן — זאָל דאָס זיין דער שמאָלער באַרג אַרויף פון גאָטס קנעכט? באַשעוויסעס דערציילערישע וועלט איז כמעט תמיד צערודערט, אויסברענגעריש אין בעלעטריסטישע דעטאַלן און אין אויפטועריש „כאַפּ" — און ביי קיין אונטערצי האַלט דאָס נישט. ער זוכט זיין וועלט צווישן די עולמות, ווו ער וואָגלט. באַ־שעוויס איז כולו אויג, שעמעוודיק אַ ביסל און ממזריש — און פאַר קיין סתירות האָט דאָס איך גאַנצן קיין מורא נישט. יענע פאַררעכענען זיך צום פעסטן אינוועגטאַר פון דער וועלטס אומרו. זיין בליק גליטשט זיך גלוס־טיק — אַ חיהלע פאַר זיך — צווישן די דינסטע שפּעלטלעך פון אַ פאַר־צויגענעם פאָרהאַנג און מאחורי הפּרגוד פון פאָרנט. ס׳איז נישט צו דער־זעטיקן דעם שרייבערס ברענענדיקן נייגער פון נישטערן אין סוד פון די סודות, אַרונטערקוקן — און שענקען שענקט ער גאָרנישט. דערביי ציטערט ער, אפשר איז ער אַלץ נישט יוצא: אפשר רוקן אים גאָר אונטער די דייטשלעך מיט די שפּאַקטיוון פאַלשע פּערל, ד"ה עכטע. אַז די וועלט איז כולו קרומעניש — און דער מזיק, כדי צו דערגיין צו דעם גלייכסטן פאַר־קערט, דרייט ער אַזש איבער דעם קאַפּויער אויף דער אַנדערער זייט. זי האָט אין דער קבלה אַ טעכנישן טערמין.

טייל מאָל דאַכט זיך, באַשעוויס אַליין איז אין וויטן פריִערדיקן גלגול געווען אַ מין מאַעסטראָ, וואָס פירט די גרענדע ביי יענע־לייט און עס דרייט זיך אַרום אים, אין אים, אַ קאַראַהאָד פון לצים, לאַפּיטוטן, פער־

ווערזע נכפּהניקעס, וואָס ווידמענען זיך אין דער זיסלעכער פּאָרע פון די מיסטישע אַלקערס, פול מיט „שליימיקע, האָריקע קריכעניִשן", אין חור־בות, ווו עס פּאָספּאָרירן מיט גרינלעכע בליצן „עקדישן פון קויט און קללה". דאָס איז דער אַנסאַמבל פון שאול־תחתיה, דאָס ווערט געברענגט אין קונ־טרסים, וואָס קערן זיך אָן מיט דעם שטן און „כת דיליה". באַשעוויס שיל־דערט די דאָזיקע מיסטישע אונטערוועלט מיט קאַלטער מייסטערשאַפט, מיט מאַקאַברישן סאַרקאַזם, מיט רזין־דרזין פון חוזק, — אַזש עס קייכן די שרעטעלעך.

מיר קומט אויס, אַז באַשעוויס איז אַ שרייבער מיט פאַרשייטע גאָט־באַצ‬יִונגען. ער איז, דאַכט זיך, פאַרקנסט מיט דער סיטרא־אחרא — אָבער ער קריכט צו דער שכינה, אַז ס'איז פינצטער, קערט איבער די קוואָרט נעגל־וואַסער און וועקט אויף די איבערגעשראָקענע שטוב: אַוואַנטורע פון אַ גאַטזוכער. אַ סך לייגן אַריין זייער גאַנצע חריפות אין דעם פּאָרטל: נישט צו געפינען. זענען זיי פאַרזיכערט מיט זוכעריי אויף אַלע יאָרן. עוזר־העשל פון די בני מושקאַט נוצט גרייטע ראָמאַן־רעצעפּטן — אָבער צוליב אינדיווידועלן קאַלאָריט דרייט ער אַ קאָפּ, יענעמס, מיט דער „לאַבאָראַ־טאָריע פון גליק". אויף אַזאַ ווערק אַרבעט ער. אין דער וועלט פון די מושקאַטס זענען דער רוב שטיבער אַטעליעס, ווו עס וואַלגערן זיך באַ־פליגלטע זשעני‬ען צווישן געהויבענע רבישע שנורן און אַנדערע ווייבע־רישע גראַפאָמאַנצבילן.

ערשט שפּעט, פינצטערער סעפּטעמבער 1939, ווען די באָמבאַרדירטע וועלט ברענט פון אַלע זייטן, שטייט עוזר־העשל ערגעץ „ביי די פאַר־העמערטע טירן פון אַ געוועלב, קעגן דער גרעלער שיין פון אַ שרפהדיקן בין־השמשות" און מאַכט אַ חשבון־הנפש. דער חשבון איז שוין פון לאַנג געמאַכט. ס'איז נאָך אַלעמען, נאָך אַלע אַוואַנטורעס פון ליבע און געדאַנק, נאָך דעם חורבן פון דער „לאַבאָראַטאָריע פון גליק", וואָס איז איינגעפאַלן, איידער ס'האָט זיך אויפגעבויט — נאָך דעם אַלעמען קומט עוזר־העשלס חשבון: „איז דאָ אַ גאָט? יאָ, ס'איז דאָ" — און דאָס אויף גיך, אין דער

בהלה פון אַ וועלט, וואָס האָט אַפילו קיין צייט נישט אָפּצוהיטן פּראָטאָ־קאָל פון פּאַניק און אונטערצוגיין פּייערלעך. פאַלט נאָך אַראָפּ ערגעץ פון אויבן, ווי אַן אָפּגעבראָכענע האַלאָוועשקע פון פלאָם און רויך, אַ היימי־שער שפּרוך: „גאָטס וועגן זענען פאַרהוילן". דער דאָזיקער תהילימדיקער זאָג פון אַ נישרף רופט זיך איבער מיט דעם קנעכטס געשטאַמל אויפן באַרג: „ס'איז אַלץ סודות, גרויסע סודות".

אַזוי וואַקסט אויס יצחק באַשעוויסעס דערציילעריש ווערק: קינסט־לערישע געמעלן און קונדייסישע מיסטיק, פולע געשטאַלטן און שרומפּיקע מענטשעלעך, יעדער שד אַ שדעווערל, וואָס פאַיאַצעוועט אויף אַן אמת, לעסטערונג, יראה, און גאָטס קאַליריקע כמאַרע, וואָס שפּרייט זיך ווייך איבער די גרוילן — עזות און העזה פון אַ גרויסן בעלעטריסט.

*

אַ קאַרגן האַלבן יאָרהונדערט צוריק האָבן מיר זיך דאָס ערשטע מאָל געטראָפן אין וואַרשע. געווען דעמאָלט אַ צייט, ווען אַלע זענען געווען יונג — דאַכט זיך, די וועלט אויך — און דער גאַנצער ענין לעבן און שרייבן איז געווען, מער־ווייניקער, אַ ווילדיינגערישע זאַך.

האָט דאָס באַשעוויסן אין יענער צייט נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז אָט וועט מען אים אַ רוף טאָן, ווערן אַ באַרימטער שרייבער, אים אַליין האָט זיך גאָר געגלוסט, צו פּראָווען לצנות אויף טלאָמאַצקע 13, מאַכן מאַניפאַר־געס מיט דער ליטעראַטור, שפּילן זיך מיט חנדלעך — אַ פּורק־עול, וואָס שניידט זיך אויף אַ גאַטזוכער...

איך בין געקומען פון ווין קיין וואַרשע — און באַשעוויס, — אַ יונגער מיטאַרבעטער פון די „ליטעראַרישע בלעטער" האָט געהאַלטן, אַז ער דאַרף מאַכן מיט דעם גאַסט אַן אינטערוויו, לויט דער מאָדע.

באַשעוויס איז דעמאָלט געווען יינגלעריש — האָט ער זיך געשעמט אַ שמייכל טאָן, בעת מיר האָבן געשמועסט „טיפּזיניק". וועגן דעם סוד פון שרייבן. וועגן טאָמאַס מאַן, וועגן שלום עליכם, וועגן די „יונגע" און

וועגן די „יינגסטע" — וועגן אים אליין איז דעמאָלט נאָך אין גאַנצן נישט „געגאַנגען": וואָס איז ס'איילעניש?

און איצט פּראָווען מיר אין תל־אביב, אין „בית סוקולוב", צווישן יידישע און העברעישע שרייבערס, אַ יום־טובדיקע סעודה לכבוד באַשעוויסן, דעם וועלט־שרייבער אויף יידיש. קאָן זיין, עס ציט דעם עולם צו דעם ניצוץ יידיש, וואָס פינקלט מיט אַזאַ פאַרשייטער חריפות אין באַשעוויסעס דערציילערישער וועלט. זיין בעלעטריסטיק איז אַ גלגול פון מ"ט שערי שקאָצעריי פון אַן עילוי, אַ שאַלטיק, אויסגעוואַקסן אין דער פרומקייט פון טאַטנס בית־דין־שטוב, וואָס וויל דערגיין צום שורש אויף איינעם פון די וועגן — און יעדער וועג איז כשר — זאָל זיין: דאָרט אַרום, הינטן אַרום.

ער האָט פאַרהויבן דעם פאָרהאַנג: אַנו, לאָמיר אַקאָרשט אַ קוק טאָן דאָרט, אין די חדרי חדרים, נאָך טיפער, וואָס טוען „זיי" דאָרט? וואָס טוט די יונגע רביצין מיט דעם שדל אין דער נאַכט פון כל נדרי? ער איז אַ חוקר, באַשעוויס, אַן אָפּשפּעטער, וואָס וויל גלייבן.

די ליטעראַטור־פּראָדוקציע אין דער וועלט האָט אַלערליי עקזאָטישע אָנשיקענישן פון קדושים און אונטערוועלטניקעס, מיט פּילגשים און גבאיטעס, וואָס מען נוצט זיי אין אַלע מאָדערניסטישע ליטעראַרניעס, אַבי צו מאַכן אַ ביסל פּיקאַנטער די אָפיציעלע נודאָטע.

באַשעוויס האָט די אונטערוועלט של מעלה פון דאָס ניי אַנטדעקט. ער האָט ביי איר אויפגעדעקט די ערווה פון איר צניעות — איז אים צוגעקומען אַ גרויסער שטח פון שלא כדרכה און קאַפּויער: ממש אֵין־סוף. פּאָרן זיך רוחות מיט שדיכעס, שרעטעלעך מיט ליליתן, לאַפּיטוטן מיט נפקאס פון טייטש־חומש — און דער לץ שטייט און טראַכט, שטעלט אַרויס די צונג צו דער קדושה און צום חוזק. ס'אַ לץ אַ ליריקער.

ווי זשע קומט דאָס טאַקע, עס זאָל פּלוצים זיין פּלאַץ אין אַזאַ דושנער ענגשאַפט אַזש פאַר קודשא בריך הוא מיטן שטן אין איינעם, מיט די רוחות און פאַרזעענישן און מיט די נישט גוטע פון אַלע ראַנגעס, וואָס יעדער אַליין דאַרף פאַר דער שפּיציקייט פון זיין קאַפּויער אַ גאַנצן עולם ומלואו, ווי זמיעשטשעט זיך דאָס אַלץ?

אמת, באַשעוויס פאַרמאָגט גוזמות שרייבערישן טאַלאַנט, אַ שפע עזות און דערצו גריבלעניש יצר הרע, מיט אַ שפּיציקן בליק: מה למעלה, מה למטה. אַ סך קאָנען אים טאַקע נישט פאַרגינען וואָס ער פאַרמאָגט אויף איין מאָל אַזוי פיל: ס׳אַ העזה — און ביי לייטן פּירט זיך נישט אַזוי. דערביי זע איך אָבער נישט, מ׳זאָל ביי אים קאָנען עפּעס אָפּדינגען.

ער איז באַזעסן פון אַ מין ברענענדיקער תאווה צו זען און אַרויסצו־זאָגן אַלץ — און נאָך מער: ער׳ט גיין באַהאַלטן?

דערזען האָט ער דאָס יידישע לעבן, ווען אַלץ האָט זיך געגומען ברעכן און לעשן. בין השמשות פאַספּאָרירט מיט קאָלירן פון שקיעה, וואָס קאָכן זיך נאָך. האָט אַ פלאַקער געטאָן הייסער פּורפּור מיט גאַליקן גרין, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן איבער אַלץ — זעט מען דאָך באַשיימפּערלעך: מחויב צו האָבן מחזקות מיט יענע לייט. אַמאָליקע צייטן, ווען די וועלט איז נאָך געווען אַ וועלט — ווער ווייס, צי וואָלט מען נישט אַזאַ איינעם געלייגט אין ח׳: אַז נישט געדאַכט זאָל דאָס ווערן — איז טאַקע ווייל וואָס קיין וועלט איז זי ביי אונדז נישט, די „וועלט״...

דער זעלבסטמאָרד פון וועלטבירגער

מיט אַן ערך אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געווען אין בראַזיל, האָבן מיר פריינד געוויזן דעם קבר פון סטעפאַן צווייג. דער קבר איז נאָך דעמאָלט געווען „פריש״, פינף יאָר נאָך דעם דיכטערס טויט. דער דאָרפישער בית עלמין געפינט זיך אין פעטראָפאָליס, אַ לוקסוס־דאַטשע אין די בערג פון ריאָ דע זשאַנייראָ: ווילעס, פּאַלאַצן, פּאַרקן, פּאַנטאַנעס — גאָרנישט אויף צו שטאַרבן.

די מאַשין דרייט זיך אויף אַ סערפּענטינע, ווי אויף אַן אַנגעוואָרפענער לענטע פון אַספאַלט. דער מאָטאָר שרויפט זיך אַרויף, אַלץ העכער און העכער — אָבער אַפילו דאָ, הויך אויבן, ענדיקט זיך דאָס לעבן טיף אונטן: אין קבר. אמת, דער קבר איז פּריציש אָפּגעזונדערט פון דעםברייטן טראַקט פון טויט פאַר „עמך״.

איצט איז געוואָרן קאַרגע דרייסיק יאָר זינט סטעפאַן צווייג איז אין יאָר 1942, אין יאָר פון דער וועלט־פאַרפינצטערונג, באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד. ער איז אַפילו בייצייטנס אַרויס פון דייטש־עסטרייכישן גיהנום און ביי זיין ליטעראַרישער וועלט־באַרימטקייט אין יענע יאָרן, אין דעם גיך אָפּגעסאָפּעטן פיבער פון דעם ביסל ניי־ראָמאַנטישע יאָרן אין דער תקופה צווישן ביידע וועלט־מלחמות, האָט ער לייכט געקאָנט אויפבויען זיין נייע היים אין איינעם פון די פרישע לענדער, וואָס האָבן אים אַקעגנגעטראָגן וויזעס — אָבער זיין וועלט, די „וועלט פון נעכטן״, איז אונטערגעגאַנגען.

סטעפאַן צווייג האָט זיך דערפילט פאַראיינזאַמט, אויסגעזונגען, איבע־

ריק, איז ער געוואָרן אַ מידער, רייכער וועלט־פּליט — אפשר מעג מען זאָגן: אַ סאַלאָן־פּליט. ער האָט פאַרענדיקט זיין לעבן אין אַ פּראַכט־אַזיל אין בראַזיל.

אין דער דאַטשע פּעטראָפּאָליס, אין אַ קולטיווירטער דזשונגל־לאַנד־שאַפט, ווי צוגעטראַכט פון אים אַליין פאַר דעם סוף פון זיינס אַ העלד אין אַ שפּילערישער נאָוועלע, האָט ער גענומען אויף זיך פריייוויליק אַ גאַנץ דיסקרעטן טויט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גייסטיקן מפונק.

ער האָט אָנגעהויבן ווי אַ „ווינער שיין־גייסט", אין דער אַטמאָספער פון האָפמאַנסטאַל און שניצער, רילקע און אַלטנבערג — און זיין שרייבע־רישע אַנטוויקלונג איז געווען איין אויסגעהאַלטענע טעמאַטישע „פאַרבריי־טערונג פון די האָריזאָנטן".

ער האָט אָפגעיומטובט אַ לעבן אין אייביקן ליבע־געפּלאַטער אַרום דער וועלט, אין וועלכער ס'איז אים אַקעגנגעקומען אומענדלעכע שיינקייט: דיכטונג, מוזיק, מאַלעריי, סקולפּטור. צו זיי אַלעמען האָט ער געדינט ווי אַ ראָמאַנטישער ריטער.

אין ווייכן, קולטיווירטן ווינער דייטש, אין וועלכן שרייבערס יידן האָבן דערגרייכט אין יענער תקופה ראַפינירטע מייסטערשאַפט, האָט סטעפאַן צוויייג געשריבן לידער, דערציילונגען, ראָמאַנען, פּיעסעס, פסיכאָלאָגישע עסייען און ביאָגראַפישע שטודיעס. דערצו האָט ער פאַרעפנטלעכט מייס־טערישע איבערזעצונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור.

דאָס אַלץ האָט יעדער אייראָפּעער מיט געשמאַק „געמוזט האָבן גע־לייענט" — לאָמיר זאָגן: יעדער מיטל־אייראָפּעער, וואָס האָט געלייענט דייטש, אין עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע, אין אונגאַרן, אין שטיקער פּוילן, יוגאָסלאַוויע, בולגאַריע. דאָס האָט שוין כמעט געהייסן: יעדער ייד.

ער האָט זיך גערעכנט צום מעמד פון „וועלטבירגער", וואָס לאַשטשעט זיך צו אַ מין „וועלטגעפיל", שטאַרק פאַרנומען אין דעם ראַיאָן צווישן די „וועלט־אידעאַלן": אַ סך „וועלט". איין דור פריער וואָלט ער געפונען זיין פּלאַץ צווישן די פּאָעטן מיט „וועלטשמערץ".

זיין „יידישקייט" איז געווען דין דעסטילירט, לייכט „איינצונעמען", אַז מ׳פילט זי אַפילו נישט. זי לייזט זיך אויף אינעווייניק, אַז נאָר שאַרפע מבינים האָבן זי געקאָנט דערשמעקן אין סטיל. דאָס איז געווען געלייטער־טע „יידישקייט" אויף נישט צו באַנוצן, עלעהיי אַן ערווירדיק שטיקל צירונג פון פאַרצייטנס.

אַנדערש זענען די ירושה־מיליאָנען פון דער גרויסער טעקסטיל־פאַב־ריק: אַ סך מער ממשותדיק. אַנדערע גרעסטענע זין פון יידישע מיליאָ־נערישע משפחות פירן קודם איבער דעם טאַטנס פאַרמעגן, דערנאָך ווערן זיי „פּוטוריסטן" — און עס הייבט זיך אָן די ירידה.

סטעפאַן צווייג איז באַלד געוואָרן אַ דערפאָלגרייכער שריפטשטעלער, וואָס האָט דעראָבערט דעם פיינעם מאַסן־קאָנסומענט פון מאָדערנעם לעזע־שטאָף אין צענדליקער איבערזעצונג־שפּראַכן.

זיין ערשטע יוגנט־דערציילונג האָט ער, ווי אַ שעמעוודיקער אָנפאַנ־גער, געבראַכט צו טעאָדאָר הערצלען פאַר דער ליטעראַרישער ביילאַגע פון דער „נייער פרייער פרעסע", ווו עס האָט זיך געדרוקט דעמאָלט גאַנץ „יונג־ווין".

אָבער נישט קוקנדיק אויף זיין נאַטירלעכער פאַרערונג פאַר דעם על־טערן קאָלעגע, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אַ באַרימטער ווינער שריפט־שטעלער, האָט דער יונגער סטעפאַן צווייג מסתמא אַ באַהאַלטענעם שמייכל געטאָן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַרומשמועסן אין די „קרייזן" פון די ווינער סאַלאָנען, אַז טעאָדאָר הערצל האָט אויסגעביטן זיינע אַמוזאַנטע פעליעטאָניסטישע „טרוימערייען" אויף דעם שווערן היסטאָרישן חלום פון מלכות ישראל...

אפרים אויערבאַכס האַרבסטגעזאַנג

אַוודאי, צו שבעים, ווען דער סטעפּ פראַוועט „טאָמנע", לערנט זיך אָן ערלעכער פּאָעט די חכמה פון שׂיבה־טובה: צייט צו דער פרייד פון צייטיקייט. טראַכט זיך דער בליק אַרויף, אין דער הייך, צו שטאַפּלען סדר־הכל — און דאָס נאַרציסטישע צער־חנדל פון די „תם־ונשלם"־טעג ווערט אין סאַמע מיטן מעלאַנכאָליק איבערגעשטראַלט מיט געשטאַלטערישער הנאה, וואָס קוואַלט־אָן פריש, מיט יעדן שעפּ, יעדער פּסוק אַ כלי: כמעט יעדער. טייל מאָל טראַכט איך, אַז אין אפרים אויערבאַכס דיכטערישער באַלעבאַטישקייט האָבן זיך די שבעים אָנגעקליבן שטילערהייט, סאַמע יוס־טע, יאָדערדיקע, שיער נישט געזאָגט פלייצעדיקע — שבעים מיט כוח, מיט דעם ברוייזנדיקן „וידבר" פון אַ פּאָעט אַ בעסאַראַבער, אויב נישט „מעין המתגבר". די וועלט גראַמט זיך מיט פולן קלאַנג, און די אויפטועריש חידושים ווייסן אַקוראַט: מ'וואַרט אויף זיי. וויל איך נישט זאָגן, אַז ס'איז נישטאָ דערביי קיין סכנה פון מאַניער. ווען דער „זומערדיקער ואתחנן" צעגיסט זיך ביי אויערבאַכן אין „פולע קאַנען" — אָבער שוועבנדיקע סכנות פילן זיך אַלע מאָל אין דער היים אַרום דעם שאַפערישן וואָרט. זיי זענען, דאַכט זיך, זיין נאַטירלעכע אַטמאָספער — און שרייבן הייסט מסתמא: שלום מאַכן צווישן ווידעראַנאַנדן. איך זע אפרים אויערבאַכס דיכטערישע וועלט צונויפגעפּרעסט אין דעם וואַרעמען, וואָרצלדיקן וווקס פון זיין ווערק — ווי עס עלטערט זיך אַ בוים מיט סודותדיקער נאַטורקראַפט, רינג אויף רינג, סוד ביי סוד, דערגייט נישט די יאָרן מיט „מחשבותן" ווען זיין

בוימערישקייט, די אייביקע התגלות פון פּאָעטישן וואָרט, פון דעם קליינעם יועלטווונדער:

דאָס קליינע וואָרט איז אָרעם אָנגעקליידט,
מיט לאַטעס האָריקע פון ווייץ און קאָרן,
מיט טיפע אַקער־קאַרביקע אויזאָרן
און שטיקער זון פאַר קנעפּלעך צוגענייט.

אפרים אויערבאַכס שאַפערישע שבעים זענען איין ווייכער געוועב פון שפּראַך־שפע און וואָרט־פּשטות, ניגון פון בילדער און חלומות, אַראָמאַט און השתפכות פון זאַגערישן תהילים — און דאָס געזאַנג שטעלט באַלד אַוועק זיין נאָמען מיט אַ בפירושן פּשט: „לויטער איז דער אַלטער קוואַל", „וואַך איז דער סטעפּ": וועט קיין טעות נישט זיין אין די כוונות. קוואַל און סטעפּ „ווערן געבערענגט" אין די לידער פון אַ סך ליטעראַטורן און זיי פונק־ציאָנירן דאָרט על־פּי־רוב ווי באַשיינערס פון דער שטימונג, אַזוי זיך: הינטערגרונט. אפרים אויערבאַך נוצט זיי אויפן רעכטן דיכטערישן אמת, טאַקע זיי פערזענלעך, פון זייער אייגענער שיינקייט וועגן. זיינע לאַנד־שאַפטן און געשטאַלטן, זיינע תפילות און טראַכטונגען, זיינע מחשבות און דער חשבון טובלען זיך אין ווייכן גלאַנץ פון האַרבסטיקן בראַנדז, אין דער אָפּגעקילטער זוניקער פרי־פאַרנאַכטיקייט פון דער וועלט.

דער סטעפּ איז שווער מיט דער זיסער האַרבקייט פון געֶרעטעניש — און דעם דיכטערס צייטיק אָנגעזעטיקטע שורות זענען געבונדן ווי די סנאָ־פּעס, זיי זאָלן נישט צעשיטן אין לויזער בילדערישער באַרעדעוודיקייט. מיר דאַכט זיך, אַז אַפילו אין קנאַפּסטן צימצום פון זיין ליד איז פאַראַנען געפּאַקטע ברייטקייט, וואָס רייסט זיך צו סיפּור־המעשה, צו בילדערישער שמועסעוודיקייט. זיין ליריק איז אָפּט געכאַפּט אין עפּישן יצר־הרע. מען פילט זיין פאַרהאַלטענעם כוח־דברא אין געדראַנג פון געצאַמטער רחבות. זי האָרכט זיך איין אין דעם אויסדרוק פון נישט דערזאָגטן, אין דער זעט פון דער שטילקייט. אַלץ האָרכט, פאַרחידושט, אין דעם וואַכן סטעפּ: אויך

די איינגעזאַמלטע ברכה, וואָס איז געווינטש צו בעסאַראַבישן שטייגער: „ווייַן אויף דער אָקע און ווייץ אויפן זאַק". שעפּטשעט דער מידער אָוונט אויף ליימענע פריזבעס, וואָס זענען פאַרבליבן דאָרט, מי יודע, פון „חומש־דיקן סטעפּ", צווישן ברוינע ברויטן, שטערן און געפּלעקטע קעלבלעך, צווישן „סוואַרבע", מלאכים, טאַטע־מאַמע און אָבות, פייגעלעך, פּעטערס, מלמדים, פּאַפּשויעס, ברונעמער, מילן, מנחה־מעריב, שטיביקע שליאַכן ווו גייערס זענען „געגאַן און געגאַן", קרעטשמע, מעשיות, אליהו הנביא — און דער רבוש"ע אין מיטן פּאַנאָראַמע, אַליין אפשר אַ האַרבסטיקער: כאַטש ווי לאַנג איז, אַז ער האָט אָנגעהויבן?

דאָס זענען אפרים אויערבאַכס געבענטשטע שבעים: געטרייער המשך פון אָנהייב. (דאָס „קול פון דער טערקלטויב", מיט וועלכן עס ענדיקט זיך דעם דיכטערס יינגסט בוך וואָך איז דער סטעפּ, זינגט האַרבסט מיט באַגלייבטער פּסחדיקער פרייד. דאָ, אין איר תנכישן אורסטעפּ, ווו די טערקל־טויב פון שיר־השירים „צעקרעלט", נישט בלויז אין מלמדישן געקנעפּל פון דער „אַרויסזאָגערישער" סוף־ווינטערדיקער מרה־שחורה, איז זי משל און נימשל אין איינעם. איר קול גיסט זיך צונויף מיט אפרים אויערבאַכס ניגון פון שטוב און וועלט. אין דער דאָזיקער פרי־האַרבסטיקער צעזונגענקייט איז כדאי צו פּראָווען יום־טוב פון שיבה טובה).

איך קען זיידעס אין דער ליטעראַטור, ביי אונדז און ביי אַנדערע, וואָס קענען נישט דעם נוסח פון עלטערן זיך — נוסח פון איידעלן איינבייג און ווייכן פיליגראַן, וואָס נעמט אַרום דעם בליק — און האַרבסט איז ביי זיי שלא כדרכו: רק ער „יוירש". טייל קאָנען נישט פאַרגעסן פאַרצייטיקע פרילינג־קונדייסישקייט און זיי אַקראָבאַטעווען אַזש מיט היזכן בלוטדרוק. קרעכצן זייערע שורות „צאַפּלדיק", מאַכן אַן אָנשטעל פון רוי, ווייל זיי שעמען זיך מיט „אָפּגעשטאַנענער" צייטיקייט, און עס קומען ביי זיי אַרויס ברוגזע גראַמען, וואָס קאַטעווען זיך דינאַמיש אין קאַלטן פאַרפלעכט פון געמאַטערטע פסוקים — אַז דאָס אייגנס באַשטייט פון פרעמדווערטער.

בענקט זיך מיר דעריבער נאָך דער זוניקער געשטאַלט פון אַ דיכטער, וואָס ציטערט נישט, אַז מ'וועט אים חושד זיין אַז ער איז „קלאַסיק", און עס אַרט

אים נישט, אַז זיין אויסגעזונגענער טרויער איז געכאַפּט אין בענקשאַפט נאָך שלמות: וואָס איז די בושה? טראָגט דער דיכטער דאָס מאַטע זילבער אויפן קאָפּ, ווי אַן עטרה, וואָס הילט איין תפילות. ער טראָגט אַהיים פון שאַפּרישן וועג די פולע שורות, וואָס פאַרנעמען מיט זייער ברייט היפּשע שטיקער הימל און ערד, ווען יענע שניידן זיך אויפן האָריזאָנט אין בלוטיקן מיט גאָלד פון גערעטעניש:

יאָרן זענען ווי סטויגן —
ערשט נאָכן אָפּשניט צונויפגענומען.
ווייקט זיי דער רעגן, זון טוט זיי בריִען.
גאָלד זייערס טונקלט ווי עלטערע אויגן — — —

דאָס זענען ערשטע שורות פון פּרעלוד פון אפרים אויערבאַכס וואָך איז דער סטעפּ: פסוקי דזימרה פון חשבון, יום־טובדיקער אומעט. „זיידענע אויגן" האָט געהאַט דעם דיכטערס טאַטע, ברעמען — פּרוכתן איבערן קוק", און „ביים מאָלעווער זיידן זענען די אויגן קלאָרע, ווי טראָפּנס טוי, אַז די זון טוט אַ שפּראָץ" — האָט אפרים אויערבאַכס האַרבסטיקער וועלט־בליק אין ווענען צו געראָטן.

אפשר מעג מען זאָגן, אַז אפרים אויערבאַכס לעגיטימע צייט איז דער האַרבסט, וואָס לאַשטשעט זיך צום געזאַנגען־שניט. אַלע מאָל קערט זיך אום דער ניגון פון די סטויגן און די פרייד און דער שווערמוט פון דער ערדס טראַכט און טראַכטעניש אונטער מידן, מילדן שקיעה־הימל.

אָוודאי בין איך נישט זיכער, צי דעם דיכטערס געלייטערטער אינדיווי־דואַל־האַרבסט איז מחייב אויף שטענדיק די נאַטור. אָט צעשטורעמט זיך אַ מאָל אַ חשוון דווקא מיט וואָיענדיקע ווינטן און מיט שמייסנדיקע שלאָקסן פון בייזע, צעפליקטע הימלען: איז דאָס טאַקע אויך נוסח האַרבסט — נישט וויניקער אויטענטיש, ווי דעם דיכטערס גילדענע „טאָמנע".

דאָכט זיך, טייל ליריקער האָבן אין זיך אַ פאַרבלאָנדזשעטן ניצוץ פון

צעזונגענע ווונדערקינדער. זיי פּיעשטשען זיך מיט דעם זיסן ווייטיק פון זייער עילוישקייט, וואָס איז צייטיק געוואָרן פאַר דער צייט. דאָס איז אַ קאַפּריזנע שפּיל פון דער נאַטור: זי האָט אַ מאָל ליב אַ „כאַפּ", פון וועלכן זי אַליין איז פאַרגאַפט — און מען קאָן פון איר שטענדיק דער־וואַרטן איבערראַשונגען. אָבער איך בין נישט זיכער, צי איז איר אַליין נישט נענטער דער דיכטערישער פענאָמען פון דער געלייטערטער ווונדער־עלטער, ווען „דער פשוטער מיין איז אַליין שויך פליי". פאַלן ווערטער ווי רייפע פרוכטן און האַלבטענער פון „רו און אומרו" נעמען זיך ווייך אַרום:

די רו איז אויפן סטעפּ געבויגן צו דער ערד,
אין דער לבנה־שײַן זילבערדיק פאַרהילט.
דעם טאָג האָט פריִע נאַכט ערשט אָפּגעקילט
און האָט אַ בלייכן חלום אויסגעקלערט.

אַ פליושענער, צעשאַרכטער ציטער וועקט
דאָס אויסגערייפטע, זון־פאַרברוינטע ברויט.
אַ פערד, אויף פאַשע, אָטעמט דורך דער הויט
און ווינט מיט נאָזלעכער צעשפּרייטע שמעקט.

אַ טירל סקריפּעט. גיט זיך אַ פאַרמאַך.
אַ פענצטער לעשט זיך אויס. נאָר אויף אַ שויב
די שײַן נאָך פלאַטערט מיט געזאַנג און לויב, —
מיט רו און אומרו איז דער סטעפּ ביינאַכטיק וואַך.

דאָס איז די מיסטעריע פון די פשוטע ווערטער, די צייטיקע. די שפּראַך אַליין האָט הנאה פון דער בילדערישער ברכה, וואָס זי האָט אָנגעקעלטערט אין געפּרעסטן תמצית. די הנאה איז אַרייַנגעוועבט אין דעם פרומען גלאַנץ — און די טערפּקע זיסקייט פון געבענטשטן סטעפּ פאַרגעסט נישט אויף קיין רגע צו באַטייטן מער, ווי ס'קומט אים. יעדע אמתע שיינקייט באַטייט מער, ווי עס אַנטפּלעקט אונדז איר אייגענע שעמעוודיקייט.

אַלע מאָל פון ס׳ניי זינגט אַרויס פון יעדן ערלעכן דיכטער, אין די אַדער יענע פסוקים, דער קלוגער יום־טובדיקער טרויערטראָפּ פון קוהלת, וואָס שמעקט מיט מידער וועלט, מיט נאַטורס בגילופין, מיט פאַרענדיקטער תורה און מיט שווערע בוטליעס ברוינעם טאָפּלמעד, וואָס שניידט זיך ווי פּאַטיקע: וזרח השמש ובא השמש. דער דאָזיקער פסוק האָט אָנגעגרייט יום־טובדיקן וועלטוויי פאַר אַלע דורות — אָבער ער וואַרט פון דעסטוועגן, דור ביי דור, אויף דעם פרישן דיכטערישן דערגיסן פון די אוראַלטע איי־ביקע ניגון־לאַגלען, וואָס טרינקען אָן דעם באַשאַף מיט מעלאַנכאָלישער קלוגשאַפט.

מיר קענען דעם פסוק פון די ברייטע לעדערנע שלוש־רגלים־מחזורים פון די טאַטעס, ווו עס זענען איינגעפרעסט גאָלדגעמעלן פון פאַרגאַסענעם קידוש מיט אַ טרער טרויער, וואָס זינגט אויס פרומע ליבע־אַוואַנטורעס פון צעבראָכענעם האַרץ מיט דער שכינה. צו מאָל פינקלט אַריבער אַן אָפּגלאַנץ פון דעם אייביקן האַרבסטיקן פסוק צו אפרים אויערבאַכס עלע־גישע שורות, געלאָדענע מיט וואָרטקראַפט. די שורות ציִען אין היימישע שיירות, וואָס האָבן פאַר זיך אַ שטיק וועגס צו זייער בילדערישער וועלט. זיי וואַרטן איינע אויף דער אַנדערער אין דער וואַרעמער שפּראַכוועלט פון אויערבאַכס דיכטונג, ביז זייער ריטעם דערזינגט זיך צום מייסטערישן גראַם. זיי דערשפּירן שוין פון ווייטן דאָס גליק פון דער וואָרט־באַהעפטונג אין גראַם: וועלט־באַהעפטונג פון די ספערן, וואָס די נאַטור אַליין האָט צונויפ־געפירט. נאָר אַזוי, הייסט דאָס, האָט זי לכתחילה איר האַרמאָניע פאַר־טראַכט — אַנדערש איז גאָרנישט געמאָלט, גאָרנישט געזונגען.

ברוך האַגער

זיין נאָמען איז אַרומגעגרווידזעט מיט אַ גדר פּריוואַטקייט און זיין נוסח: חריפות בצימצום. ס'איז ווי חסידישער אָקעוויט — מען נעמט צו קאַפּעלעך אין בייכיקע קעלישיקלעך — און ס'טוט שטיל אַ ברי, מען ראַז־מאַכעט זיך ברייט, אַ זאָג טאָן דעם סאַמע עיקר — און מען האַקט שוין אָפּ. ברוך האַגערס שרייבערישע געצעלטן שטעלן זיך צונויף פון דינע, שאַרפע שורות, אַזוי ווי דער זיידע מוצאי־יום־כיפור אין הויף, אין גרינלעכן גלאַנץ פון דער יונגער לבנה, וואָס איז קיל געפלאָסן אויף זיין טערקישן טלית־קטן, האָט אויפגעשטעלט פון ציטערדיקע קרעפּטיקע דרענגלעך אַ סוכה אַ פּאַלאַץ.

אַרום ברוך האַגערן „טוט זיך" ווייניק אין דער ליטעראַטור. ער איז, פּשוט, דאָ. מסתמא טליעט אין אים אַ ניצוץ פון טשערנאָבילערס זון ר' משה, וואָס האָט זיך באַהאַלטן פאַר פרהסיא. מיר זעען אים אין ברוך האַגערס דערציילונג „משה ואהרן". כאָטש ער איז געווען איינער פון די „הייליקע קינדער", האָט ער פון דעסטוועגן „אויסגעטאָן די בגדי־שרד, זיידענע בעקעשעס, פאַרביקע, געבלעטערטע, זיידענע כאַלאַטן, סויבלנע טוליפּעס, סויבלנע היטלען — און איז געבליבן אין אַ לאַסטיקענער קאַפּאָטע מיט אַ פּיזעמען ספּאַדיק: סתם אַ ייִד".

לאַסטיק און פּיזעם זענען אַ מין אַנטוועכץ פון דער נשמהס עירום ועריה — און אפשר: לבוש פון די אייניקלעך מיט ספקות, וואָס פייניקן זיך מיט דער מורא, אַז זיי זענען נישט ראוי, צו פירן די טשערעדע. האָט

טאַקע די גזע תּרעומת — חלילה, איבעררײַסן די קייט! — אָבער ר׳ משה איז אַן עקשן. ער דאַרף גאָר, זאָגט ער, אַליין אָוועקלייגן אַ סך, אַ סך האַרעוואַניע, צו קאָנען קומען צו אַ שטיקל מעמד, צו קאָנען אַ ביסל „אָנטאָן דאָס נאַקעטקייט" אויף זיך. קאָן זיין, דאָס איז אויך דער דרך פון האַגערן, וואָס אַרבעט אויף זיך, וואָס שרייבט „פאַר זיך", היט זיך אויס פון רוטינע און בלייבט נאָענט צום שורש אין שפּראַך, בילד, מחשבה.

איצט, בלחש, איז ברוך האַגער געוואָרן אַ בן־שבעים: סטאַנדאַרד־יובל פון יידישע שרייבערס ביים היינטיקן טאָג. די יונגע לייט עלטערן זיך. זיין שאַפעריש גערעטעניש איז צימצום איבערגעקליבן, איין ספר און נאָך אַ ספר: עטלעכע צענדליק דערציילונגען פון גוטע יידן און חי־וקיימס, שטייגער, לאַנדשאַפט, קאָלאָריט פון שפע און עלנט. דאָס איז רעאַליזם פון פּנימיות — אפשר ראָמאַנטיק. די זאַכן זענען געשריבן מיט כמעט אַס־קעטישער געצאַמטקייט. לאָמיר זאָגן: מיט דעם סאַמע נייטיקסטן מינימום פון איבעריקע רייד, די שיינע — ווער דאַרף זיי? יעדער זאַץ איז אויס־געוואויגן אַקוראַט, צי וועט ער קאָנען שטיין אַליין. דערביי היט זיך זיין בעלעטריסטיק, נישט צו זיין געטאַקט. דורך די שורות בלישטשעט דינקייט פון הומאָר, וואָס האַרטעוועט זיך אַ מאָל און ווערט סאַרקאַזם.

דער סיפּור־המעשה ביי האַגערן איז קנאַפּ, כמעט אומעטום פּאַסנע: פּת במלח. יידן דאַרפן געהאָלפן ווערן — קומען זיי צום רבין. צו מאָל, אַז באו מים עד נפש, מאָנען זיי די ישועה מיט כעס, מיט געוואַלדן, כאָטש צו־ריקגעשמועסט: דער רבונו־של־עולם וויל דען נישט? און דער רבי וויל דאָך אַוודאי. קאָן זיך אָבער שמעון־בער נישט איינהאַלטן. ער איז אַ ייִד אַ גבר, אַ חסיד מיט שטאַרקער צעבראָכנקייט — פּאַלט ער אַריין מיט אַ שטורעם: „רבי, איר מוזט מיר העלפן!". דער ייד האָט זיך פאַרפלאָנטערט מיטן פּריץ. „גאָט זאָל דיר העלפן" — צאַפּלט דער רבי ר׳ מתתל. ניין! — שרייט דער חסיד — נישט, ער זאָל? — זאָגט: ער וועט!"

זאָל איך זאָגן, צו פיל דינגעניש וועגן דקדוקי גראַמאַטיק? דער רבי פּרוווט זיך אָפּבעטן ביי דעם חסיד: „איך קאָן נישט..." — אָבער ביי שמעון־

בערן צעברענט זיך די רציחה פון זיין אמונה, צעברענט זיך ביז משוגעת: „איר קאָנט נישט? פאַר וואָס זשע שווייגט איר? פאַר וואָס רייסט איר די טירן נישט אויף און שרייט עס נישט אויף די גאַסן אַרויס? גאָט זאָל העלפן — דאָס גאָר? אַזוי קאָן דאָך וואָסיל טשאַבאַן אויך... ניין, רביניו: איך גלייב אייך נישט — איר קאָנט. איר קאָנט״.

„ביי די ווערטער האָט זיך שמעון־בער אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד, גענומען האַקן דעם קאָפּ אין מירמלשטיין און זיך צעיאָמערט מיט אַ צע־בראָכנקייט אַזאַ, ס׳איז נישט געווען איינצושטיין... נאָר אַז די קלאָג, וואָס האָט דורכגענומען מיט צער פון אַן אומגעוואָלגערטן בער, איז זיך צעגאַנגען איבערן גאַנצן הויל, האָט ר׳ מתתל פלוצים זיך אַ קאָרטשע געטאָן ווי אין אַ פאַרכאַפּטן ווייטיק און צום ערשטן מאָל אַרויסגעשטאַמלט: ער וועט... ער וועט העלפן״.

ער האָט דען געהאַט אַן עצה, כביכול — אַז חסידים פאַרנעמען זיך אויף אים מיט כוח! און אַזוי טוט אויך די ייִדענע, וואָס פאַלט אַריין, אין איר בויט צווישן קאָרטשעווער יושבים און בטלנים אין ר׳ משהס קלויז און ליאַרעמט מיט אַ יאָמערלעכן קוויטש: „ווו איז ער? ווער איז ער?״ ווי אַ מטורפע אַן אָפּגעריסענע פון דער קייט, יאָגט די אומגליקלעכע פון איינעם צום אַנדערן אין קלויז, בוידערט זיך איין אין די פנימער — ביז זי שטעלט זיך אָפּ פאַר ר׳ משהן און טייטלט אויף אים: „איר, נאָר איר, הייליקער צדיק, קאָנט פועלן די רפואה פאַר מיין איינציק קינד... ס׳איז ביי לעצט... איר, חוץ אייך קיינער נישט״.

און אַז ר׳ משה אין זיין עניוות פרוווט זיך אַרויסדרייען, טוט די ייִדענע אַ טאַנץ צו דער טיר און אויסדרייענדיק דעם קאָפּ אויף צוריק, אַ שיפּע ווי אַ שלאַנג צווישן די ציין: „געדענקט, רבי, דאָס וועל איך אייך נישט מוחל זיין, נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט!״ און זי אַנטלויפט. ר׳ משה ווערט ווייס „ווי פריש געלאָשענער קאַלך״. ער הייסט זי צוריקברענגען און גיט איר אַ ברכה. אין דער רגע גיבן זיך פלוצים אויף אים אַ שיט קוויטלעך פון אַלע זייטן, מיט בקשות פון אַלץ, וואָס ס׳גייט ייִדן אָפּ אין דעם דאָזיקן געמוטשעטן בידנעם לעבן. די קוויט־

לעך פאַלן ווי אַ טשאַטשע שוועלבלעך. ר׳ משה בייגט זיך צו יעדן איינעם און שעפּטשעט תפילהדיק: „ברכות ונחמות... ברכות ונחמות״.

דאָס איז איינער אַ הויפּטמאָטיוו אין ברוך האַגערס שרייבן. ער רירט זיך נישט צו צו אַבי אַ טעמע, וואָס מאָלט זיך אַלייז און לאָזט זיך אַנט־וויקלען: מוחל יריעות! די וועלט איז, דאַכט זיך, ביי ברוך האַגערן, רע־דוצירט אויף דעם קנאַפּן פּאָרל: דער כוח פון יאוש, וואָס ברעכט מויערן — און דער הייליקער כוח, וואָס האַלט דעם שליסל צו ישועות.

קאָן זיין, ברוך האַגער כתיבהט זיינע זאַכן מיט דריבנעם רש״י־כתב און אפשר מאַכט ער תגין אויף די אותיות. די ווערטער, מער ניגון ווי אַרכיטעקטור, זענען נישט קיין געבוצטע און זיי ווערן נישט געבערענגט אין די שאַבלאָנען פון דער „אָריגינאַליטעט״, מיט וועלכע די שרייבערישע אַרטיסטיק מאַכט קונצן. ערגעץ זאָגט ער, אַז צו מאָל זענען די ווערטער „איינגעהילט אין טיפער פאַרשווייגעניש״. דאָס זענען ווערטער, איידער זיי זענען געוואָרן לשון: טונקל און דורכזיכטיק. זיי זענען אונטערוועגנס מיט אַ ווייטן גאַנג, שווער, מיט טלומיקלעך באַלאָדנקייט — וואָרטן זיי איבער, ביז עס קלייבט זיך צונויף די שיירה און עס ווערט אַ מעשה: „געגאַן און געגאַן״; „איז ר׳ יאָסיע, גייענדיק אויף זיינע וועגן, פאַרפאַלן געוואָרן אַ מאָל אין וואַלד״ — און היוצא לנו פון דער מעשה: „אויס־פּלאָנטערן באַדאַרף מען זיך אויף דער וועלט ווי אַ פאָדעם פונעם קנויל״.

די ווערטער פון האַגערס שרייבן זענען יאָדרעס פון פרוכטן מיט אַ טעם פון האַרבער יום־טובדיקער זיסקייט, אויסגעזוניקט אויף די אַלטע ביימער אין גאָרטן הינטער דעם רבינס אָנגעדאַוונטער קלויז. דער גאָרטן שמעקט פון ווייטנס מיט עץ הדעת. ער קאָלאָרירט זיך קאַפּריזנע מיט רעיונות פון די אייניקלעך מיט „האָריזאָנטן״, מיט בלייכע מיידלעך פון דער גזע און מיט לאַנעס האַרבסטיקן פייט אין די ברייטע שלוש־רגלים־מחזורים, פון וועלכע געהויבענע חסידים האָבן דאָס געגאַר: „דאָס זאָגט מען נישט״. דער גוי איז אויך דאָ אין הויף: מיקיטאַ, אַ זקן מיט ווייסע פלעדערווישן אין פנים. ער האָט געקענט דעם אַלטן רבין. דאָס איז דער שטילער הינ־טערגרונט פון האַגערס זאַכן: לאַנדשאַפט וואָס שטופּט זיך נישט.

אַ מאָל ווידער, דאַכט זיך, זענען האַגערס בעלעטריסטישע פסוקים גע־גליכן צו די זילבערנע בעכערלעך אין גלעזערנעם אַלמער: אַנטיקן פון גרויסן ייִדן. אויף זייער צוגעטונקלטן בייג זענען אויסגעקריצט דינע ריי־סונקעס פון שוועבנדיקע פייגעלעך, היגע פרעמדע, וואָס זינגען אין זילבער.

נאָענט איז מיר ברוך האַגערס „דער צדיק": דער רבי ר' מאירל פון פרעמישליאַן. ער איז אַ גוטער ייִד מיט העזה, מיט „שאַרפע רייד", מיט „אַ מויל אויף גלעקער", מיט „אַ קוק אויף פופציק מייל" — און אַז מ'דאַרף, רעדט ער מיטן רבונו־של־עולם גוייִש: פאַרט אַ שררה. אַנגעטאָן איז ער אין קרעטשמעדיקע פלודערן און אין אַ גאַליציאַנער וועסטל־שפּענצער. אין די פאַרנאַכטן אין קלויז, פּראָסטע, טונקעלע שעהען, אָן רוח הקודש, אַז די טרייסט פון מנחה־מעריב איז געוואָרן אַלץ קנאַפּער — פלעגן הסידים דערציילן וועגן פרעמישליאַנער. וועגן ריזשינער מלכות האָט מען גע־שעפּטשעט רמזים ביי מלווה־מלכה, מיט שטריימלעך, ליולקעס און רויטן באַרשטש. דער אָקעוויט איז 96־ער און מען „ציט מוחות". דער פרעמיש־ליאַנער אָבער איז כולו עמך. ער שמעקט מיט דאגות און שידוכים, מיט קרעמלעך, ווו ייִדן הענגען ביי דער טיר און דאַרן און קוקן זיך אויס די אויגן נאָך ס'גייעס מיט אַרענדאַרן, וואָס כאַפּן שמיץ פון פּריץ, ווייל זיי זענען שולדיק די אַרענדע.

אין ברוך האַגערס דערציילונג „דער צדיק" שטייט, ברייט און פאַרביק, די פאַרטיפטע קינסטלערישע געשטאַלט פון פרעמישליאַנער, אַ פאָלקס־געשטאַלט האַרציק, באַרעדעוודיק מיט פאַרשייטער איראָניע כלפּי שמיא. קודשא־בריך־הוא איז אַן איינגייער ביי מאירן — און עס דאַכט זיך, די פמליא לערנט ביי אים אַהבת־ישראל. אַ מאָל ווערטלט מען זיך דורך אויף ראשי־תיבות, דער גוטער ייִד מיט זיין ליבן נאָמען — און עס בלייבט דער אַלטער שטילער הסכם, אַז דער איז מבטל וואָס יענער האָט גוזר געווען. אויב מען וויל: מיסטישע קאָאָפּעראַציע פון של־מעלה און של־מטה.

און אָט נישט ווייט אין ברוך האַגערס דערציילערישער וועלט שטייט

„דער פּאַלאַץ". וואַריאַנט פון דער אייביקער לעגענדע: דער רייכער און דער טויט. די גרויל־באַגעגעניש שמעקט מיט מוסר־ספר. „ס'איז די מעשה פון פּאַלאַץ, אין אַ שטאָט ערגעץ, אין לאַנגסטיקן אַשכנז — אַ פּראַכט, וואָס האָט קיין גלייכן נישט געהאַט און וואָס אַזאַ האָט קיין אויג נישט געזען אויף אַ ווייטער וועלט, און פון די באַוווינערס פון דעם פּאַלאַץ — אַ שטאַם אַן אַלטער פון אומגעדענקלעכע צייטן, פון איידלסטן, עלטסטן יִיחוס און פון טאָפּעלע וואָרצלען: ספרד און אשכנז".

די ווענט פון דעם פּאַלאַץ — פּערל און גאָלד: די סטעליעס — וווּנדערלעכע געמעלן פון מייסטערלעכע הענט און מיט קאַנדעלאַבערעס — אַ שפּיל פון קאָלירן און זוניקן קרישטאָל. הייסט דער האַר פון פּאַלאַץ יאיר חסדי, אַ נאָמען, געוועבט פון ליכט מיט חסדים. אַליין איז ער „יונג און געוויקסיק ווי אַ לולב" און אַ חכם מחוכם — און די אשה זיינע, מרת הענדעלין, איז אַ יפת־תואר אַ פאַרבלענדונג. וואָס זשע נאָך? הענגט אָבער איבער דעם פאַנטאַסטישן מוסר־ספרדיקן נגיד פון קינדוויז אַן „דער חושך — די מורא פאַרן סוף".

אין איינעם אַ טאָג וועט מען אַ רוף טאָן: יאיר חסדי, דיין צייט איז פול — קום. ניפטר ווערן... ער זעט פאַר זיך דעם פינצטערן קבר און דעם מלאך־דומה מיט די טויזנט אויגן און עס שרעקט אים זיין געפּאַך מיט דער פלאַמענדיקער שווערד: עסקת באמונה? און כאָטש ער ווייס, ער האָט קיינעם נישט באַעוולט און ס'האָט אים קיין מאָל גאַרנישט געפעלט, ער זאָל זיך געווען „לאַקעמען פרעמדס" — איז ער פאָרט נישט זיכער מיט זיינע מעשים: פאָרט נישט מער ווי בשר־ודם... שרעקט אים דער סוף, רימה ותולעה, דער אַריבערגאַנג פון דעם עולם צו דער אַנדערער וועלט: ניין, ער וויל נישט! ער וויל קיין אַנדערע וועלט נישט! וואָס דאַרף ער זי — אַז דאָ איז תורה וגדולה!

פאַלט אים איין אַ רעיון אַזאַ, אַז פונקט אַזאַ פּאַלאַץ, ווי ער פאַרמאָגט דאָ, מיט פּערל און פליוש און בריליאַנטן, מיט גאָלד און זילבער און מעשים־טובים, וויל ער „פאַרמאָגן אויך אויף יענער וועלט, אַ בנין אַן אויסטראַכטעניש, אַ ווונדערלעכן אַזאַ, וואָס די פמליא־של־מעלה זאָל עס פאַרחידושן...

אַ תפארת, וואָס מען האָט אין הימל זיך נישט פאַרמאָסטן אַזוינס צו באַשאַפן".

ווי אַזוי זשע בויט מען פּאַלאַצן אין הימל? צעפלאַמט זיך אַ וואַק־כאַנאַליע פון מיצוות־ומעשים־טובים און יאיר חסדי פּאַדערט אַרויס דעם גורל. ער צעעפנט זעק מיט זילבער און גאָלד און עס שיטן זיך אוצרות, ווי אין אַ פאַנטאַסטישער פאָלקס־מעשה. אָרעמע שטעטלעך און גאַנצע יישובים ווערן אויפגעריכט. מען פּראַוועט יידישע שמחות פאַר אביונים מיט סעודות כיד־המלך, ס׳בויט זיך דער פּאַלאַץ פאַר יאיר חסדין אויף יענער וועלט.

האָבן אים אָבער גענומען עקבערן ספקות, צי מיט די אוצרות גאָלד און זילבער, וואָס ער פאַרבייט אויף גאַנצע בערג מיצוות און מעשים־טובים, וועט ער טאַקע קאָנען דערלאַנגען צום הימל. מיצוות, וואָס מען קויפט זיך פאַר געלט, זענען חומר: נישט גענוג.

אפשר מסירת־נפש? אפשר יסורים־של־אהבה? דערהערט ער אַ מאָל, אין אַ נאַכט אָן שלאָף, דעם קול פון אַ זקן, אַז צו דעם אַלעמען דאַרף מען האָבן הייליקע זכותים פון צדיקי־הדור, די „בני היכלא": „זאָלסט זיך שטויבן אין זייערע טריט".

גוט איז אַזאַ זקן אין אַ נאַכט פון ספקות. יאיר חסדי האָט אָנגעהויבן פאָרן פון איין צדיק צום אַנדערן, זיך אָנזאַפּן מיט התעוררות, ווייקן אין קדושה פון די רביישע תורהס. די קאַרעטע איז איינגעשפּאַנט. ער צעשיט מטמונים מיט גילדענע רענדלעך, אויף פדיונות פאַר צדיקים און ער פּי־בערט אַזש, אויפצוקויפן וואָס מער הייליקע יקר־המציאותן: אַ טאַבאַק־פּושקע פון מעזריטשער, דעם בעל־שמס אַ ליולקע־ציבעך, דעם חוזהס שבתדיקע קאַפּאָטע. יאיר חסדי לויפט אַרום ווי אין שיכרות און ער דער־שלאָגט זיך צו דער פסחדיקער קערה פון רבין ר' ברוכל, באַלד עפענען זיך פאַר אים אַלע פאַרשלאָסענע טויערן און אָט גייט ער אַרויף „אויף דעם העכסטן לייטער".

אָבער צו דעם אַלעמען דאַרף ער נאָך קריגן דעם אמתן אבן־טוב: אַ פּאָר תפילין פון קדמונים, געשריבן פון אַ סופר, וואָס איז נאָך געזעסן

אין לשכת הגזית און האָט פאַרשריבן די פסוקים פון די סנהדרין. ווערט ער געוויער, אַז די תפילין געפינען זיך ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל אין פוילן צי אין ליטע, ביי איינעם אַ ייִד אַן אביון, ר׳ אבא. יאיר חסדי ווערט אַזש משוגע פון גליק. ער נעמט זיך, אויף זיין שטייגער, שיטן מיט דוקאַטן און גילדענע רענדלעך. ר׳ אבא אָבער וויל נישט זען, נישט הערן. ער איז פאַרטאָן אין זיינע עולמות און ער יאָגט פון זיך דעם שטן דעם יצר־הרע, דעם גביר „שקץ... עגל הזהב... עבודה זרה...״

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז אין דעם יאָר זענען אין לאַנד קיין אתרוגים נישט געווען. ר׳ אבא זיצט אין בית־מדרש, פאַרשפונען אין ייִאוש — פלוצים: „עס דרייט זיך פאַר אים דער בית־מדרש און ווי פון דער ערד אויס־געוואַקסן, שטייט יאיר חסדי, מיט אַ לולב און אַן אתרוג אין די הענט — אַ הדר, פון די ביימער אין גן־עדן״. ר׳ אבא האָט זיך געכאַפּט, אַז „ס׳איז מן השמים״ — און שוין איז ער מסכים זיך צו בייטן מיטן נגיד: די תפילין פאַרן אתרוג.

יאיר חסדי האָט דערגרייכט וואָס ער האָט געגאַרט צו דערגרייכן — אָבער די גדולה איז באַלד פאַרשטערט געוואָרן, אַ געפּיל פון חרטה האָט אים געפּייניקט: ס׳טייטש, צוגערויבט ביי אַ ייִדן דאָס טייערסטע, דאָס היי־ליקסטע — בחינם, פאַר אַן אתרוג! דער גיהנום איז דאָך נישט גענוג גרויס, אַריינצונעמען אים און זיינע זינד. שוין, אויף דער מינוט הייסט ער איינ־שפּאַנען אַ קאַרעטע און שיקט אַ שליח צו ר׳ אבאן מיט די תפילין און מיט נאָך אַ צוגאָב גילדענע רענדלעך פדיון־נפש־געלט.

אָבער ר׳ אבא איז פלוצים נעלם געוואָרן מיט דער גאַנצער משפחה און מען ווייס נישט, ווו זיי זענען אַהינגעקומען. האָט ער געשיקט נאָך שליחים, זיי זאָלן זוכן דעם ייִד, ווו די וועלט האָט אַן עק — ואיננו. דער פּאַלאַץ איז איינגעהילט אין עצבות און ייִאוש און העניעלין, די יפת־תואר, איז פאַר צרות געשטאָרבן. די גאָלדענע קייט פון ייִחוס און גלאַנץ, וואָס האָט זיך דורות לאַנג געפלאָכטן אַרום דער משפחה, איז צעבראָכן אויף פאַרעך — און יאיר חסדי, מיט אָפּגענומענע הענט און פיס, ליגט ווי אין קייטן, אין אַנגסט און אין שרעק. ס׳געוועלטיקט ווידער אויף אים דער

בייזער אומרו: „דער קבר האַלט אויפגעריסן ס׳פינצטערע מוֹיל — דער מלאך־דומה פאָכעט מיט דער פלאַמענדיקער שווערד!״.

„דער פּאַלאַץ״ איז אפשר, ביי אַלע אויסגעפּרוּווטע קינסטלערישע מעלות פון ברוך האַגערס מוסטער־פּראָזע, צו רייך, אפשר איבערגעלאָדן מיט אַ שפע ציִרונג, מיט אַן עודף מוסר־השכל. נאָר אַלץ וואָס ברוך האַגער שרייבט, לויכט אין דער שטיל מיט דעם פּנימיותדיקן גלאַנץ פון זיין מלכות חסידות.

רחל קאָרן

אין רחל קאָרנס שטימונג־זוייכע, בילד־קרעפטיקע שורות איז איינגע־פּרעסט דער אַראָמאַט פון שאַפערישער צייטיקייט, וואָס איז פאַרטאָן מיט דער האַרבער פרייד פון קאָלאָרירן די וועלט און איינזאַמלען דעם אומעט פון דיכטערישער חכמה. אַ מאָל צעזינגט זיך אין איר דיכטונג הזדווגות פון נאַטור און גייסט: אַ מין מיסטישע עראָטיק פון לעבן און טויט. איר ליד איז אינטים און שטרענג אין דעם וואָרעמען תמצית פון זאַגערישער שיינקייט און אַרום דער בילדערישער שפּראַך־מוזיק פון איר אויסגעחלומטער רע־אַלער וועלט רינגלט זיך אַ מאַטער שמייכל. ער איז ביי איר שווער אויף דער וואָג. דאָס וואָרט איז איינגעפּאַסט אין אַ רעמל שטילקייט, וואָס ציטערט פון דאָרט אַריין אין די שורות — שטילקייט פון אַלעמענס נאָך־אַלעמען.

רחל קאָרן געהער צו דעם דור יידישע דיכטער אין ליריק און אין פּראָזע, וואָס די גרויסע צייט האָט זיך אָנגעזעצט אויף זייערע נשמות און געהאַלטן דאָרט שוואַרץ־שבת. פּאַראַנען פּאָעטן, וואָס די „גרויסע צייט״, דער תוהו ובוהו איז פאַר זיי די בעסטע אויסרייד, נישט צו קאָנען שרייבן — קאָנען זיי נישט מיט מייסטערשאַפט.

רחל קאָרן שעמט זיך נישט צו האָבן טאַלאַנט אַפילו אין „איבער־בראָך״. טאַלאַנט איז דער כוח צו שרייבן שווער, אַלע מאָל מיט אַ וואָרט ווייניקער, כדי צו קרעפּטיקן דעם צימצום און צוקומען נענטער צום עיקר, מיט אַ בליק אויף דעם נישט פאַרענדיקטן באַשאַף, וואָס דעם דיכטערס

גייסט איז באַרופן צו פאַרריכטן זיין צערודערטע האַרמאָניע — אַז נישט, ווער דאַרף די אויסגעטראַכטע הוריות?

דער יסוד פון רחל קאָרנס פּאָעטישער באַלעבאַטישקייט איז איר לעגיטימע חברשאַפט מיט דער נאַטור. אין איר דיכטונג איז די נאַטור אין דער היים: לאָנקעס, וועלדער און סעדער אין אָריגינאַל, נישט קיין מעטאַפאָרישע. האַרבסטיקע וואָראָנעס, עפּל און בריתן, שטרויענע דעכער אויף פאַראומערטע פויערישע כאַטעס און נגידישע שטיבער מיט געשניצטע גאַניקעס, ווו עס האָדוועך זיך איידעמעס, ווי ערב פסחדיקע גאָנערס.

דאָס איז די אויטענטישע גאַליציאַנער לאַנדשאַפט פון רחל קאָרנס דיכטונג — און דאַכט זיך, די יאָדרעס פון איר פולן גאַליציאַנער לשון, טערפּקע און קלוג, וואָס דערמאָנען די זאַפטיקע כל נדרי־באַרעלעך פון אונדזערע יונגע יאָרן, זענען אַ שטיק לאַנדשאַפט פאַר זיך.

דער עולם ווידער? דער טאַטע, די מאַמע, די טאָכטער, דער פעטער הערש, די יידן און די גויים, שיינע יידן און „געמיינע" יידן, פון שטאָט און פון דאָרף, פריצים מיט לאַטיפונדיעס און ערד־הונגעריקע פויערימלעך, וואָס זייערע שטיקלעך פעלד האָבן די סוכאָטע — דערצו שיקסעס און ממזרים: לינקער פליגל פון שטייגער. דער אָרעמער פויער האָט קיין ברויט נישט־„פּשעדנאָוויק" — נעבדזע, וואָס איז אָפּהענגיק פון סעזאָן — בעת די יידישע אָרעמע לייט, מאַקסימאַליסטן, לויט זייער גורל, האָבן קיין פרנסה נישט אַ גאַנץ גייענדיק יאָר און פאַרמאָגן קורחס אוצרות דלות. זיי אַלע, עלנטע, פאַרשעמטע, מענטשן אויף ערד, וואָס מאַטערן זיך אָן איר, זענען געשטאַלטיקט מיט איינגעהאַלטענעם סאָציאַלן פּראָטעסט און בילדערישן רעאַליזם אין רחל קאָרנס מייסטערישער פּראָזע.

און צווישן דעם עולם יידן און גויים — גאָט אַליין: אומזעבאַרער כביכול הינטער אַ כמאַרע, וואָס פאַרהילט זיין פנים, איינגייער אין יידישע שטיבער. ער איז דאָ מיט זיין לאָדעניש, שטום מאָנעריש, זיפצט משפּחהדיק ביים דעמבענעם טיש, פון דאַגות צי פון נחת...

*

שטילער ווינטערדיקער פרייטיק־צו־נאַכטס אין ירושלים. די גאַסן זענען שבתדיק לײדיק און האַלב־טונקל, אין גאַנצן געסלדיק. זיי שמעקן מיט וואַ־רעמע שטיבער דאָרט אינעווייניק ערגעץ. „לפני ולפנים" איז דאָס אָפּגעהי־טענע געסל פון בית הנשיא. דער שטאָטישער פּאַרקער לאָזט דעם דאָזיקן ווינקל צו רו.

געעפנט דעם טויער. אין דער געצאַמטער נגידישקייט פון די נאַטור־פאַרביקע הילצערנע וואַנט־טאָוולען איז איינגעפּרעסט נשמה יתירה.

די מסיבה אין בית הנשיא קומט פאָר לכבוד דער יידישער דיכטערין רחל קאָרן, וואָס געפינט זיך אין ישראל. געקומען זענען עטלעכע שרייבערס, פּראָפעסאָרן פון אוניווערסיטעט, פריינד פון גאַסט. די מסיבה פירט זיך אויף יידיש און זי איז כולה היימישקייט, אָן אַ שמץ צערעמאָניאַל.

רחל שזר, די באַלעבאָסטע פון שטוב, וואָס דערהערט עפּעס נישט, אַז מען זאָגט צו איר „ערשטע ליידי", באַגריסט די דיכטערין מיט פּשטות און וואַרעמקייט פון עטלעכע ווערטער ביים טיש, וואָס ווילן קיין „רעדע" נישט זיין, זי זאָגט דאָס לכבוד דער דיכטערין, איר פּאָעזיע און פּראָזע, לכבוד איר צייטיקן טאַלאַנט, צו שרייבן שווער, מיט רייכער בילדערישקייט פון שפּראַך, וואָס איז ביי איר אַ לעבעדיק שטיק נאַטור.

דער נשיא אַליין בעט אַ וואָרט, ער הייבט אָן עברית און גייט איבער אויף יידיש.

דערנאָך בעט ער, מען זאָל אים לאָזן לייענען עטלעכע לידער פון דער דיכטערין — „לאָזט" מען. ער נעמט דאָס בוך אין האַנט און האַלט אים לומדיש ווי אַ תלמיד חכם, וואָס איז עוסק אין ש"ס ופוסקים, לאָזט זיך פריי־טיק צו נאַכטס ווייל גיין און קוקט אַריין אין „נועם אלימלך" צי אין „קדושת לוי" — ס'עונג שבת: נישט קיין האַרבע מסכתות.

דער נשיא לייענט לידער אויף יידיש — און אָט איז ער טאַקע זלמן שזר אַליין, אַ מענטש פון שירה און מחשבה. די מסיבה האָרכט זיך איין אין דער ווייכער וויבראַציע פון זיין קול — און עס פאַרגעסט זיך אין גאַנצן, אַז נעכטן און אייערנעכטן האָבן זיך דאָ געטראָגן אין נשיאס קאַבינעט וואָכעדיקע דיבורים.

זלמן שזר לייענט רחל קאָרנס ליד צו איר מאַמען: געפיל, וואָס איז כולו געדאַנק, און געדאַנק, וואָס האָט זיך אויסגעפורעמט אין דער וואַרעמקייט פון געפיל. זיין קול גלעט די יסורים פון אַ בולטער דיכטערישער פערזענלעכקייט, וואָס די „גרויסע צייט", די מוראדיקע, וואָס איז כלומרשט פאַרגאַנגען, אָבער קאָן זיך אַלץ נישט ענדיקן, האָט זיך אָנגעזעצט אויף איר לייב און לעבן און האָט איר געגעבן די וועלט צו זען אין טראַגישן געוואָגל צווישן „היים און היימלאָזיקייט".

ריישע אין אַמעריקע

אַ מין חסידיש־פּויעריש פּאַרטראַכטקייט ליגט אין בעריש ווײַנשטיינס איינגעשפּאַרטער שטילקייט. ס'איז ווײַכע איינגעשפּאַרטקייט — ווי ס'חלומט זיך איינעם, אַז ער שווײַגט אין חלום. זעלטן רירט זיך אַ שמייכל אויף די צונויפגעפּרעסטע ליפּן — אַפילו ווען דאָ און דאָרט טוט אַ בלישטש הומאָר דורך די שורות. צו אַזאַ שווײַגן וואָלט זיך אפשר געפּאַסט דער בורנוס פון אַ נזיר, אַ דאָרפיש פּעלצל מיט אַ קרייקע, מסתמא אַ זשופּיצע און אַ ליולקע־ציבעך מיט אַ צעביסענעם מושטיק, וואָס „ציט מוחות" דורכן רויך, אויפן ראַפּשיצער שטייגער, צי נוסח בלאָזשעוו. בעריש ווײַנשטיינס בליק איז פּאַרחידושט — ס'אַ חידוש? קאָן זײַן, ער איז נישט זיכער מיט דער וועלט, מעשה דאָרפסייִד אין שטאָט, צי גייט זי אים נישט אָפּנאַרן — אַוודאי גייט זי. האַלט ער זיך פון ווײַטנס און קוקט אין אַלע זײַטן: רק ער קוקט.

עטלעכע מאָל האָב איך זיך באַגעגנט מיט בעריש ווײַנשטיינען אין תל־אביב, אין שטוב און אין בלוילעכן סמאָגט פון רעשיקן אַרטיסטן־קאַפע, ווו די וועגט אַליין ליאַרעמען. דאָס איז געווען בעת דעם דיכטערס צניעות־דיקן יובל הששים. יאָרן רעכנט מען אויף לשון קודש, עלעהיי נדן, אויך אַ יום־טובדיקע זאַך: ח"י רייניש... ק"ן קערבלעך — פּאַרהוילענע חסידישע אַריטמעטיק. מיר האָבן אָפּגעשוויגן ביידע אין איינעם אַ שעה צייט — מער האָבן מיר נישט באַדאַרפט. האָב איך אַזוי אַ טראַכט געטאָן: דאָס קאָן אַמעריקע. נעמט אַ מענטש און טראָגט מיט זיך אַ געהיימען מיניאַטור־הילכער

פאַר שרייבערישער געצאַמטקייט — און ער איז טאַקע שטיל אויף אַן אמת.

איך האָב שוין לאַנג נישט אַריינגעקוקט אין אַזאַ קלאָרן אָפּגעטונקלטן דיכטער־שפּיגל, וואָס רעפלעקטירט לעבעדיקע פּאַרזונקענע וועלטן, ווי ביים לייענען נאָך אַ מאָל בעריש וויינשטיינס געזאַנג פון פאַרבלאָנדזשעטן „גרינעם ייִנגל״, וואָס איז מגולגל געוואָרן אין אַ פרעמדער, ווילדער וועלט, ווו „אַלץ איז קאַפּויער״. שוין לאַנג, נאָך משה לייבס זלאָטשעוו און משה נאַדירס נאַראַיעוו, נישט געווייקט אַזוי געמיטלעך אין אויטענטישן גאַלי־ציאַנערטום, אין דער מעלאַנכאָליע פון יענער לאַנדשאַפט, אין דעם לשונס דינע קאַפּריזן, אין קונדייסישער עלעגיע, אין שטימונג און רעאַליסטישן שטייגער, סענטימענט און שעמעוודיקער זעלבסט־איראָניע, וואָס שלייערט זיך ווי הכנעה: היימישע אידיליע פון לעבנס אומהיימלעכקייט.

עס געדענקען זיך טיף די וואַרעמע וואָרצלדיקע שטיקער בעלעטריס־טיק אין די ביכער „ריישע״ און „אַמעריקע״, וואָס ווייזן מיר אויס צו זיין דער תמצית פון בעריש וויינשטיינס פּאָעטישן שאַפן — כאָטש טייל מאָל טרעפט, אַז דער דיכטער צעגיסט זיך ראָמאַנטיש און לאָזט זיך מיטרייסן מיט פאַרכלינעטער פייטנות, אָדער מיט רעפּאָרטאַזש־אַפּיליקייט פון אַנטי־תמצית. זיין לירישע פּראָזע איז אויסגעשטעלט אין ברייטע בילדערישע שורות, וואָס זאָגן זיך ווי דער מידער רעטשיטאַטיווער ניגון פון יום־טוב־דיקן פּייט אין טאַטנס לעדערנע שלוש־רגלים־מחזורים. נישט זעלטן אין בעריש וויינשטיינס ווערק קערן מיר זיך אום צו דעם אייגענעם וואַריאַנט פון אַ פּסוק און חזרן איבער אַ מאָטיוו, אַ מחשבה — ווי אַ ייִד אין דער פרי, וואָס האָט נישט געענוג צוטרוי צום אָפּגעכאַפּטן „פון פאַרנט״, אויף דער ניכטערער נשמה, לויפט צוריק, אין מיטן געדראַנג פון די פּסוקים, וואָס זענען אַליין פאַריאָגט, כאַפּט אויף, פאַרכריפּנעט, דעם קנויל פון „פּיטום הקטורת״ און נעמט אים וויקלען פון דאָס ניי, אַהין און קריק כדי צו דערגיין צו שלום מיט זיך אַליין.

ס׳איז בעריש וויינשטיינס קאָנטינענט ריישע, וואָס האָט געגעבן דעם דיכטער די וועלט צו זען און צו ליידן פון אירע וואונדיירים: ריישע מיט די גאַליציאַנער קרוין־קאָלאָניעס ווין און אַמעריקע, מיט דעם דונײַ און

דעם האָדסאָן, וואָס טראָגן זיך האָפּעררדיק, אָן טאָלק, ווי גויִישע געאָגראַ־פיע. ווער דאַרף זי? אַז אויטענטיש איז די שטילע שטעטלדיקע ריקע אין גאָרליץ, צי אין דזשיקעוו, וואָס טריקנט אַ גאַנצן זומער, מאָלעריש, היינטערן מרחץ, און וואָס האָט די הויפּט־מעלה, אַז ביי אַזאַ „טייך" מעג דאָס בית־דין, על פּי שולחן־ערוך, מסדר זיין אַ גט.

ס'איז די עפּאָפּעע פון אָנגעהויבענעם יאָרהונדערט, וואָס האָט זיך געסטראָיעט מיט דעקאָראַטיווע „האָריזאָנטן", נייע אָדער ווייטע, וואָס האָבן פון דער פרעמד אַ פינקל געטאָן מיט פאַרפירערישע פאַרבן אַזש ביז קיין ריישע — נעמט ער, דער אומרו, צעטרייסלט די איינגעזעסנקייט, צעשפּליטערט איר גאַנצקייט און טוט אַ שליידער מיט דעם „גרינעם יינגל" העט ווייט אַרויס, אין קאַלטן וועלטישן טומל אַרויס, גלייך אַהין, צו דעם באַר־באַרישן טרוים־מאַנסטער ניו־יאָרק, וואָס איז, אַז איר ווילט, מאַקסימאַל־ריישע, געטאָפּלט מיט 48 סטייטס פון יענע יאָרן: אַ „גרויסע נאַרישע שטאָט", ווי ווייִנשטיין זאָגט, וואָס פריטשמעליעט מיט איר צעוואָלגערטקייט, מיט איר פאַרריסענער וואָלקנהויכקייט, מיט דעם געבראַזג פון איר אימפּעט: אַמעריקאַנער וואָר, וואָס האָט אָפּגעמעקט דעם חלום ריישע.

אָט איז דער היימישלעכער שטייגער און מיט אים זיין גורל: קראָמען, סטראַגאַנעס, פרעסט, לומדות און בריתן, עגונות און דין־תורהס, מיצוות און תאוות. ס'אַ וואָרעמער גערודער פון סאַנדזוער אייניקלעך און הייליקע זיידעס, סאַמע געפּאַקטע רוחניותן, וואָס פרייכן אין צעכראַסטעטן אַטלאַס, אַרומגעצווונדן מיט גראָבע געפלאָכטענע גאַרטלען. אַרום זיי הורטאָוויניקעס, וואָס זאָגן אַ שיעור אין בית־מדרש, בוררים מיט אַן עודף שכל הישר, יורדים, וואָס אין גוטע צייטן האָט מען זיך „געקווילט", און „געמיינע יידן", וואָס זייערע זשופּיצעס זענען פאַרמעליקט אָן אַ פאַרוואָס: בלויז בהלה. דרייען זיך געהויבענע געפאַלענע, וואָס ס'שטייט זיי נישט אָן צו זיין אָרעמע לייט, און אָנזעצערס, וואָס האָבן אויף זייער מצב אַ „ווערטל". פאַרבאַרגענע יונגעלייט לייענען שילער, קענען מענדעלזאָן און קוויקן זיך מיט דעם לידל פון ריישער שטאָט־פּאָעט, נחום שטערנהיים: „אין וועלדל, ווו ס'איז וויסט". צו די בחורים גיוכען מביניש יידן מיט טעכטער. יענע

קענען אַלע „דייטש־און־פויליש״: איין מילדער גאַליציאַנער אידיאָם, וואָס אויף זיינע ווייכע לשון־קנייטשן ליגט דער חותם פון פראַנץ־יאָזעפס חסד.

דאָס יינגל אין זיינע נאָסטאַלגישע יאָרן קאָן נישט פאַרגעסן דעם גאַליציאַנער קייזער — כאָטש „אַמעריקע ווערט געגרויסט און געלויבט״ — פונקט אַזוי ווי דאָס האַרץ צאַפּלט צו דער מאַמען, צום שבת, צו די לייכטער אויפן טאַטנס מאָגערן טיש, דעם מזבח. די יידן ביי בעריש ווינשטיינען האָבן כמעט אַלע רעגיאָנאַלע נעמען פון „מקורבים״: לאָזער, ברוך, שבתאי, שכנא — און די ווייבער, מער־ווייניקער, ראָצע און יאַכעטל: אַלע טעטיק ווי מומעס. זומער, נאָך מנחה־מעריב קאָכן זיי אויף וועטשערע לאָקשן מיט „קעזנפּוטער״. ווינשטיין לאָזט נישט אָפּ קיין איין פּרט, קיין איין טראָפּ, וואָס גיט צו מעלאַדיק און קאָליר צו דעם גרויען לעבן — און אין סאַמע מיטן לירישער שטימונג איז אים אַן עבירה צו פאַרגעסן, אַז „אין די בוזעמס פון די שיקסעס האָבן געגליט שווערע האַריקע הענט״: גאַליציאַנער בילד־ווערטער, ווי די יאַדרעס, וואָס שמעקן מיט פּייכטער ערד פון האַרבסטיקע ימים־טובים.

דאָס איז דעם „גרינעם יינגלס״ פאַרלוירענע אידיליע, וואָס זינגט זיך, מיט אַ סך בעלעטריסטישער פּראָזע אין דער ליריק, דורך דעם רוב לידער פון בעריש ווינשטיין. און אָט איז שוין מעבר־לים און „גאַנץ ריישע״ איז דאָרט: קעסל־גאַרדן און ריווינגטאָן־סטריט, פּעדלערס, פּושקאַרטס און שוויץ־שעפּ, באָרדערס מיט ברוינע מעלאַניקעס און גילדענע זייגערס מיט קייטן פון דער נייער וועלט. טומלען „לאַנדסלייט״ און „אַלדטיימערס״, שלימזלניקעס און „פּרעזידענטן״, סאָסייעטיס, מנחה־מעריב און שיפסקאַרטן אויף אויסצאָל, „אתה הראית״ ביי אנשי ברוקלין און אפשר פּעטש. ס׳איז ווידער ריישע פון קאָלומבוסעס מדינה — און פעסטע טאַטעס, וואָס הייסן רעבעקאַ, געשנורעוועטע מיט פּישביין, פירן דאָס יינגל אין טריאַטער. טענהט טאַקע ר׳ הערש, אַז „דאָס גאַנצע איז נישט פאַר אים״ — כאָטש נישט איינער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און „אַזאַ גאַרנישט״ פאַרט נאָך דער מלחמה קיין יוראָפּ ווי אַ דעלעגאַט פון דזשאָינט.

נישט ווייט פון דעם אַלעמען דומעט די הייסע טונקעלע וועלט פון

האַרלעמס זונטיקדיקע נעגערס, וואָס שטייען וואַקלדיק לענגאויס די מויערן אָדער ליגן גבורהדיק אין די רינשטאָקן און כראָפּען: גאָטס פֿאַרגעסענע קינדער. בעריש וויינשטיין האָט אויסגעזונגען מיט פּאָעטישער דערבאַרעמ־דיקייט די פֿאַרלאָזנקייט פֿון די געפֿאַלענע ריזן, דזשאַן און דזשים, ביל און פּייט. גרילצן די קאָנטראַסטן פֿון דעם קאָנטינענט און עס ווייגען אַריין אין דער שיכּרות די ליבהאַרציקע גרייזן, וואָס צאַפּלען מיט יִדישע אותיות, קרומלעכע, אויף די שמאָלע געווירעטע בויגעלעך פּאַפּיר פֿון ריישע: אַזאַ כרך, אַזאַ פּרעמד, אַזאַ בענקעניש...

אַרטור קאָלניק

ס׳איז גוט פאַר אַ מאָלער, אַז ער דערגייט צו געבענטשטע יאָרן — קאָן זיין, ס׳גוט פאַר אַלע יידן — אָבער ספּעציעל ביי אַ מאָלער, אַז איר גיט אים צייט, אויסצוּוואַקסן אין דער אַרבעט, זעט איר די קינסטלערישע צייטיקייט בולט אויף די לייוונטן.

די קאָלירן זענען זאַט געוואָרן, פּראַווען שטילן יום־טוב. גרין איז שוין נישט מער אַזוי שקאָצעוואַטע ווי אַמאָל ביי ווייס־חברהניקעס, און גאָלד איז געבראָטן און טונקלט טיף. ווייזט אויס, אַז אויך די שטיקלעך ליידי־קייט צווישן די אָביעקטן זענען אייגנטלעך אַלע געמאָלן — אָן פאַרב.

עס רעדט זיך וועגן דעם יידישן מאָלער אַרטור קאָלניק. ער איז באַ־רימט מיט זיין צוריקגעצויגנקייט אין די פּאַריזער ד׳ אמות — און ער מאָלט, וואָלט איך געזאָגט: מיט עפעקטן, וואָס שווייגן.

די טעג עפנט זיך זיין אויסשטעלונג אין דיזנגאָף־מוזעאום און אַז מירן אַ ביסל צוּוואַרטן, דערנענטערט ער זיך אָט־אָט צו די גבורות פון שמונים: אַ שיינער מהלך פון דעמאָלט אין סטאַניסלאַווער חדר מיט צעוואָיוועטן חומש און מיט דעם ווילגאַטש, וואָס קאָלאַרירט מיט אומעטיקער נעץ, דעם בלויען קאַלך פון די ווענט.

ביי קאָלניקן האָבן די חכמים פון זומערדיקן פּרק געטראָפן אין פּינטל מיט די „גבורות״. זיין קינסטלעריש געוויסן דאַרף אַ סך יאָרן, איילט זיך נישט — און זיינע מאָלערייען און האָלצשניטן צייטיקן זיך פּאַמעלעך, האַלטן זיך אין איין דערמאָלן און דערצייכענען, אין איין „סקאַנטשען״ —

אַז די נאַטור פון זיין וועלט זאָל קיין עגמת נפש נישט האָבן פון אַריינגעַ־כאַפּטע פּגימות. דאָס איז קאַלניקס שאַפערישע אחריות.

ער אַליין איז אַ יום־טובדיקע געשטאַלט. זיינע מאַלערישע ימים־טובים, דאַכט זיך, זענען שמחת תורה און פורים: דער עקסטאַז פון גייסט, וואָס קוועטשט זיך איין אין ווייכן סאַמעט פון דער „רייניקייט", און דער גראַ־טעסק פון דער מאַסקע — ביידע אין איינעם זענען קאַלניקס שטעטל של מעלה, ביידע, דער גייסט און די מאַסקע, גייען געצאַמט אַרויס פון די כלים.

ער האָט זיך זיין וויזיע פון קינסטלערישער שלמות — דאָס איז דער גאָט, וואָס ער „זוכט". ער האָט ליב די ציטערניש פון פּרוּוון דערגיין צום שורש, אַלע מאָל פון אָנהייב: מורא פאַר דער רוטינע פון קאַלטן קאָנען.

פאַראַנען מייסטערס, וואָס האָבן אויף אַ הויכער מדרגה פון אַנטוויק־לונג דערהאַלטן אין זיך דעם כוח פון ליבהאָבערס. זיי ווייסן דעם סוד פון פאַרטיפטער אומזיכערקייט.

אָט איז קאַלניקס הילצערנער בית מדרש: ברעטער און סלופּעס, באַ־וואַקסענע מיט מאָך, און קיילעכדיקע, אַרכיטעקטאָנישע האַרבעס, וואָס קריכן איינס אויפס אַנדערע און זענען אַלע אין איינעם אַ מקום קדוש אויף דעם גרויען הינטערגרונט פון שבת־שירהדיקן שניי. אויף איינצופאַלן, האָט דער בנין קיין כוח נישט.

דאָס געהילץ איז פרוכנע און אָפּגעבליאַקעוועט, אָנגעזאַפּט מיט תפילות און מיט אביונישן מלכות — און איך וויס, יאַקאָש זמיעשטשעט זיך דער רבוש״ע אויך אין דער דאָזיקער בידנער ענגשאַפט: אַליין אַ שטיק „עמך". עס בעט זיך קינסטלערישע מאַיעסטעט, וואָס זאָל אַרויסכישופן גלאַנץ פון אַזאַ שפע דערשלאָגנקייט.

דאָס קרעמפּע קלעזמערל מיט דעם פידל אונטער דער פאַזוכע האָב איך געזען אַמאָל ביי קאַלניקן אין פאַריז — ס'איז ווידער דאָ: אַ פאַרשוין, געפּאַקט מיט דריבנעקייט, וואָס ציט זיך איבער דער גאַנצער לענג פון זיינע געקאַרטשעטע רמ״ח אברים.

דאָס יידל האָט איינגעשלונגען אוצרות קנייטשן און פאַרשעמטע מי־נעס און אונטערן האַלבן דאַשיק פון קאַשקעטל, איבער דעם פּיצל בערדל,

וואָס ער האָט נישט, פּינקלט דער טרויער פון אַן אָפּגעבראָכענעם מיזערנעם שמייכעלע. דאָס דאָרפישע קלעזמערל שפּילט אין קרעטשמעס פאַר כלאָפּעס און גויעס: אַז אָך און ווי צו דער כאָסליערו...

און בעלי בתים שטייען מיט פאַרגלייזטע אויגן אויפן באַלעמער: די טיף געקנייטשטע שטערנס ווי האַלב־זילבערנע עטרות. אַז די יידן האַלטן אין האַנט אַ ספר, האַלטן זיי זיך אָן פעסט אין אים און עס וואַקסט אין זיי דער כוח: איין בלאָק, דער ייד און דאָס ספר. פונקט אַזוי דער האָלצשניט „אַ חסיד ביים רבינס טיש" — מאָנומענטאַלע געשטאַלט: מעג דאָס אַפילו זיין אַ צעבראָכענער ייד, וואָס האָט אַ פולע שטוב מיט פאַרזעסענע בוגרתן.

קאָלניקס געמעל צו מענדעלע מוכר ספרים׳ס „פישקע דער קרומער": קוליעס, אַ בלינדע יידענע מיט אַ פאַטשיילע, וואָס שעלט אַ גאַנצע וועלט, מיט טויטע, ווייסע בעלמעס. זיי מאַכן איר פינצטער דאָס לעבן. דאָס איז אַן אַנסאַמבל פון שטרענגע פּעאָדאַלע אָרעמע לייט, וואָס זענען ביי זיך אין גרויסן, יחסנישע קבצנים, פון דור דורות — נישט קיין אויפגעקומענע אַראָפּגעקומענע, וואָס האָבן נאָך נעכטן אפשר געהאַט פרנסה: באַלעבאַטישע שלעפּערס!

דערנער וואַקסן אין קאָלניקס בילדער — שטעכן זיי מיט אַ מין פּרוּמער, אָפּגעהיטענער אַלט־חומשדיקער שטעכיקייט. זיי האָבן אין זיך דעם אמת פון אַלע דערנער — און עס אַרט אים נישט, דעם אמת, וואָס ער קומט גאָר אַרויס שיין אויך. דאַכט זיך, די דערנערישע שיינקייט ביי קאָלניקן קער זיך אָן, שני בשלישי, מיט דעם שיר־השירימדיקן ריח פון זיינע בלומען.

ווייניקער צום האַרצן זענען מיר די גאַליציאַנער „פּיצווינקלעך" פון חדר מיט די פענדלעך און גראַגערס און מיט די אַריינגעשטעלטע סאַמעטענע אויגן אונטער די קאַשקעטלעך — נו, און אַז זיי זענען מיר נישט צום האַרצן, זענען זיי שוין, חלילה, קיין יידישע קינדערלעך נישט?

אַלץ אין איינעם, די מייסטערישע האָלצשניטן און די קאָנגעניאַלע אילוסטראַציעס, די לאַנדשאַפטן, די געשטאַלטן און די „מענטשעלעך", זענען די היימישע, יום־טובדיקע ליניעס און קאָלירן, וואָס באַוועגן זיך, וואָרעם ווי אַ ניגון, אין אַרטור קאָלניקס קינסטלערישער וועלט.

הערץ גראָסבאַרד

ער טרעט אַרויס כלפּי פּנים, מיטן שם־המפֿורש פֿון דיכטערישן וואָרט, אַן קוליסן, אָן רעקוויזיטן. דער צאַרטער בייג פֿון אַ תּנועה, וואָס האָט קוים אין זינען געהאַט, צו ווערן אַ זשעסט, כאַפּט זיך שוין רעפֿלעקטיוו צוריק, אויפֿן האַלבן וועג פֿון פּאָדיום צום פּובליקום — אָן אויגנבליק, איידער ער ווערט אָן זיין געצאַמטקייט. יעדער ציטער פֿון קול איז ביי גראָסבאַרדן אויסבאַלאַנסירט, מיט דעם ווונדערלעכן אינסטינקט פֿון מאָס, פֿאַר אָפּגעהיטנקייט פֿון קינסטלערישן אמת. אַזוי הייבט זיך אָן זיין עבֿודה.

זיצן ייִדן — און זעגען אַרום אים שוין אָן עדה: ווי די עדה אין דער פּולער קלויז, וואָס האָרכט זיך איין, ווען דער בעל־קורא אויפֿן באַלעמער, אונדזער ערשטער רעציטאַטאָר פֿון סאַמע ערשטן טעקסט, דערלאַנגט דעם עולם דעם שטראַלנדיקן פּסוק פֿון דעם צעוויקלטן פּאַרמעט אויפֿן שולחן.

דער בעל קורא ביי אונדז אין קלויז איז געווען אַ שמאָלער, ביינערדיקער ייִד, הויך, אַ ביסל איבערגעבויגן — האָט ער שוין געהייסן ר׳ לאָזער אויך: מען קאָן נישט אַנדערש. אויפֿן באַלעמער שטראַלט דער ייִד מיט אַ ליכטיק פּנים, איינגערעמלט אין טלית, און די לענגלעכע באָרד אין דער צעעפֿנטער עטרה העלפֿט אונטער, וויפֿל עס לאָזט זיך, דער הייזעריקלעכער מתיקות, וואָס גלעט דעם האַרבן פּאַרמעט פֿון דער תּורה. טריפֿט אויף אַלעמען אַן אָפּגלאַנץ פֿון שבתדיקער שכינה. ס׳איז די מאַגישע פֿאַרוואַנדלונג פֿון תּוהו ובֿוהו אין וועלטבאַשאַף, אַלע מאָל די אָבֿות מיט גאָט אין מיטן. משה רבינו ראַנגלט זיך מיט כּבֿיכול, שבֿטים ווימלען זיך. ס׳איז דאָ דער מידבר און אָט

איז דער ים. נאָר־וואָס איז געווען דער מתן־תורה — און פון קיין נייעם פּראָגראַם טראַכט מען גאָר נישט.

דער פאַרטונקלטער זאַל, אין וועלכן הערן גראָסבאַרד דערלאַנגט דאָס וואָרט מיט סאַקראַלער האַלטונג, איז קינסטלערישער ברענפּונקט. יענער לעשט אויס לחלוטין דעם עולמס דרויסנדיקע פּריוואַטקייט. דאָ איז יעדער הערער אין מיטן פון שטרענגן צויבער־שפּיל — צי ער לאַכט, ברייט, צעעפנט, מיט שלום־עליכמס פאַרשווינען, אָדער ער איז טיף פאַרזונקען אין לייזער עליעס חלום־סעאַנס מיט דער הון. דאָ געוועלטיקט אַליין דעם קינסטלערס איזאָלירטע וועלט — און גאָרנישט האָט דאָ קיין האַפט נישט, אַחוץ גראָסבאַרדס ריטמישער רעגן־בויגן, אויף וועלכן ער שטייט.

וואָרטקאַנצערט? איינער אויף אַ ליידיקער בינע, לעבן אים אַ טישל, אַ לעמפּל, און אַרום: געזאַמלטע שטילקייט. אין קנאַפּן ליכטקרייז פּאַס־פּאַרירט גראָסבאַרדס אַסקעטישער קאָפּ: ווייסער פּאַקל, שמאָל, ביינערדיק. גו׳אָסבאַרדס סוגעסטיווער קול לאַשטשעט דאָס וואָרט — טוט דאָס אַ וויב־ריר און עס אַנטפּלעקן זיך אַלע זיינע אינטימע שעמעוודיקייטן. ער קען דעם סוד פון געפינען אין וואָרט דעם באַהאַלטענעם אוצר, וואָס דער דיכ־טער האָט דאָרט אַנגעגרייט אין די שורות און צווישן זיי. גראָסבאַרד וועקט אויף אינעם אויסדרוק די פרייד פון ערשטער התגלות — צי רעציטירט ער פּרץ און שלום־עליכם, משה לייב און משה נאַדיר, מאַני לייב און מאַנגער, קולבאַק, שטיינבאַרג, לוצקי: אַלע מאָל דינט זיין עבודה צום וואָרט, אַנשטאָט עס צו „באַהערשן״, ווי דער שאַבלאָן וויל האָבן. זיין קינסטלערישע חכמה הייסט: הכנעה צום וווּנדער.

אַ סך האָבן רעציטירט און געשפּילט חסידישע מאָנאָלאָגן און שטייגער־בילדער, איז מען אין בעסטן פאַל דערגאַנגען צו אַ פּאַנאָראַמע פון קאַפּאָ־טעס און ספּאָדיקעס און שאַבלאָנען של מעלה, וואָס האָבן על פּי רוב פאַר־מיאוסט די מיסטיק מיט זייער באַנאַלער אַרטיסטישער באַמקעריי.

אַ סך רעציטירן און „פּאַרטייטשן״ אַלץ, וואָס מ׳דאַרף נישט — מיט

אַ באַזונדערן טאַלאַנט צו דער באַנאַליטעט. אַנדערע מעגאַפאָנפּען דעקלאַ־מאַציע און מאַכן די שפּיל מיט אַנטליַענע מינאָריעס.

טייל ווידער פּרוּוון סתם נאָכמאַכן גראָסבאַרדן — קומט אַרויס אַרײַ־גינעלע נאָכקרימעניש: עכטער ווי עכט.

מיט היפּשע יאָרן צוריק האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט גראָס־באַרדס וואָרטקאָנצערט אין וואַרשע, אפשר טשערנאָוויץ. גראָסבאַרד איז שוין דעמאָלט געווען אַ יונגער אַלטגעזעסענער אין דער וועלטס נע־ונדקייט. ער האָט געוואָגלט מיט זיין סאָלאָ־סימפאָניע פון ליד און משל, הומאָר, סאַטירע, גראָטעסק, פונאַנדערגעשפּילט די שיינקייט פון יידיש. איך קען מענטשן, וואָס הערן אים „דאָס גאַנצע לעבן", אין אַלע באַוועגלעכע תפוצות, אויף ביידע זייטן ים. אַ סך, דאַכט זיך, פאָרן אים נאָך, אַלע מאָל דאָרשטיק, מקבל צו זיין פון ס'ניי דעם פּלא פון זיין וואַרעמער וואָרט־לויטערקייט. זיי ברענגען מיט זייער אייגענעם מעסטל יום־טוב צום צערעמאָניאַל פון גראָסבאַרדס וואָרט־מאַניפעסטאַציע — יעדער אַ שטיקל מאַניאַק פון העל־העריקייט, אַ גייסטיקער מפונק, וואָס לעבט אין פאַנאַטישער מאָנאָגאַמיע מיט גראָסבאַרדס עקסקלוזיווער קונסט.

אַמאָל האָט אַ ייד אַליין געלייענט אַ בוך אָדער „אַריינגעקוקט" אין אַ ספר — איז דער לעזער שטיל באַגליקט געוואָרן מיט אַ וועלט פון מחשבות און בילדער. געשטאַלטן און לאַנדשאַפטן. היינט האָט זעלטן ווער צייט צו „אַזעלכע זאַכן" און די פרייד פון לייענען האָט זיך אָפּגעטאָן — קומט מען הערן.

פאַר אַ טייל ענטוזיאַסטן איז גראָסבאַרדס וואָרטקאָנצערט געבליבן אַלע יאָרן אין דער בחינה פון אַ ראָמאַנטישער יוגנט־איבערלעבונג, וואָס קאָן קיין מאָל נישט פאַרגעסן ווערן. דער גייסטיקער גענוס האָט זיך טיף איינגעקאָרבט אין זייער נשמה — לעבט ער דאָרט מסתמא אין שכנות מיט די וווּנדיקע צייכנס פון ערשטער ליבע, וואָס האָט אַמאָל געגעבן די וועלט צו זען, און פאַראוועט עד־היום, אין בליַענדיקער פאַרבלאָסונג, מיס־טעריע פון חן.

אַ געדענקוואָרט וועגן שלמה ביקל

ער איז אַוועק פאַר דער צייט: אַ נישט־דערגאַנגענער זקן. יעדער איינער, וואָס גייט אַוועק פון לעבן, גייט אַוועק צו פרי. „גייט"? — וואָס איז ס׳געאייל? — אָבער שלמה ביקל האָט פשוט געהאַט צו ווינציק צייט, אויסצוועגדיקן מיט זיינע ברייטע גייסטיקע אינטערעסן.

ער איז געווען געבענטשט מיט אַ סך מעלות, וואָס ער האָט אַלע ליב געהאַט און זיי זאָרגעוודיק קולטיווירט און אַנטוויקלט אין זיך. ער איז געווען אַן אייראָפּעער, אין גוטן זין פון וואָרט, און דערצו אַ ייד אַ תלמיד־חכם — און פוןביידע קוואַליטעטן האָט ער זיך געמיט, ווי יעדער גייס־טיקער מענטש, דערגיין צו אַ לעבעדיקן סינטעז: זאָל מען טאַקע זיין ביידע אין איינעם — דאָס אַליין איז אַן אויפגאַבע פאַר אַ גרויס לעבן... בעט זיך דערצו אַריכת ימים.

ער איז געווען אַ ליטעראַטור־קריטיקער, אַ פובליציסט, אַ געזעלשאַפט־לעכער טוער, אַ מעמואַריסט, און דאָס וואָס מען רופט אָן: אַ באַליבטער שרייבער ביי יידן — און כאָטש עס גלוסט זיך נישט אַלע מאָל אָנצו־נעמען ביקלס ליטעראַרישע אָפּשאַצונגען, גייט דאָס אָבער נישט אַזוי וועגן דעם תוך פון זיינע מיינונגען, ווי וועגן דעם דרך, אויף וועלכן ער דערגייט צו זיי.

זיין שרייבן איז באַגלייבט — און אַליין איז ער אַ גלייביקער סקעפּ־טיקער, מיט מחשבה, כמעט מיט תפילה אין קאָפּ. ער האָט נישט געקאַרגט

מיט קיין „קרוינען" פאַר די פּאָעטן, וואָס זענען אים נאָענט געווען — אָבער ער האָט דערביי איבערגעלאָזט אַ דין שפּעלטל אויף אָפּפרעגענישן.

שלמה ביקלס צעצווייגטע געניסערישע קולטור־באַציִונגען קאָלאָרירן זיין שרייבן מיט אינטעלעקטועלן חן — אָבער זיי האַלטן זיך דיסקרעט צווישן די שורות, דערקוטשען נישט, שטופּן זיך נישט. זיין בקיאות איז פריי פון דעם שטויביקן ריח פון דער פּאַרדומפּטער ספרים־שאַפע, וואָס פילט זיך אין אַ געוויסער ליטעראַטור־לומדות, באַלאָדן מיט זכרון פון די ציטאַטעס.

אין אָנהייב פון זיין ספר וועגן די שרייבער פון זיין דור צעשפּילט זיך ש. ביקל מיט אַ מין ראַפינירט־הכנעהדיקער שליח ציבור־פּאָרכטיקייט פון דער תפילה „הנני העני ממעש" פאַר דער מוספדיקער שמונה־עשרה. דאָס איז אַ מאַניפעסט פון עניוות און ווידוי.

וואָרום צי דער בעל־מוסף איז „כדאי והגון", ווערט סיי ווי קלאָר פון דעם פייערלעכן „יתגדל" — לאָז שוין אים! האָבן טאַקע חסידים אין קלויז צוגעברומט בלחש צום „הנני", נישט געזאָגט און נישט געזונגען, בלויז הייס געציטערט בציבור: געשעפּטשעטער געזאַנג פון צעבראָכענעם האַרצן.

אפשר איז שלמה ביקלס עסייִסטישער סטיל אַ מין השתפכות השכל מיט אַ וואַרעמען ניגון, אַ „טיש־ניגון" מיט מנגנישע „פּאַלן", וואָס ציען זיך צו הייכן! דער תוך פון עסיי — האָט אַמאָל געזאָגט אַן אפיקורס — איז די מייסטערשאַפט צו אַראַנזשירן די אייגענע סתירות אין אַזעלכע דיס־טאַנצן צווישן זיך, אָפּגערוקט איינס פון אַנדערן, אַז זיי זאָלן זיך נישט דורס זיין איינס דאָס אַנדערע אין דער טונקלעניש.

זי איז געצוים, שלמה ביקלס געדאַנקען־וועלט, און מען קאָן אַלץ גע־פינען אויף זיין אָרט — אַ סימן פון ראַציאָנעלער גייסטיקער באַלעבאַטיש־קייט, אָדער ווי ביקל אַליין רופט דאָס ערגעץ: קולטור־ווירטשאַפט.

די עלעמענטן פון זיין סטיל טראָגן אין זיך זייער גייסטיקן ייִחוס — ייִחוס מיט ווייכע, קאַפּריזנע קנייטשעלעך — און זיין שרייבערישער הומאַניזם

האָט געהויבענע ייִדעס, לעגיטימע, וואָס שטייען אומזעבאַר הינטער דעם שרײַבערס פּלייצעס און קוקן אים אַרײַן אין די שורות.

נישט פּלוצים האָט זיך פון ערגעץ אַפּגעריסן זיין סטיל: נישט קיין „אַפּגעריסענער״ כמור. מען פילט די קוואַלן, וואָס האָבן אים געקרעפטיקט: די קלאַסיק און דער ריזשינער צדיק, ר׳ איציקלס שולעכן און די טראַדי־ציעס פון אייראָפּעס קולטור.

גיסן זיך צונויף דענק־ליבשאַפט, וועלט־פרומקייט און פּאַרמוליר־קונסט מיט הכנעה, מיט לומדישן זאָג, מיט היימישלעכן שטייגער, ניו־יאָרק מיט קאַלאַמייער האָריזאָנטן, אויסגעשפּרייט כלפּי פּנים — זיי אַלע ווירקן מיט בײַ דער אויספורעמונג פון זיין נוסח.

דערצו דאָס „פּינטעלע בעלעטריסטיק״, וואָס מאַכט אים מעגלעך, לייכ־טער צו דערזען נישט בלויז די דיכטונג, נאָר אויך דעם דיכטער. עסיי איז טייטש: פּרוּוו. די וועלט איז נאָך אַלץ נישט פּאַרטיק — פּרוּווט מען פּריש, געבן זיך אַן עצה מיט דער צעפּאָרנקייט פון תוהו ובוהו, געפינען אַ תיקון פאַר זיך אַליין און פאַר דער וועלט, ראַטעווען די ווירדע פון גייסטיקן מענטש אין דעם שטעכעכץ פון אָנגעפּלאָנטערטע ווערטער, אַרויסראַטעווען דעם געדאַנק פון צעיושעטן כאָאָס: שאַפערישע שותפים צו כביכולן. יענער האָט זיך צוגעווינט — עס אַרט אים דען?

ער איז געווען אַ שרייבער אַ מפונק מיט אַן איבערקלייבערישן יצר־הרע, זאַגעריש און בילדעריש — פאַרליבט אין יעדער איינער פון זיינע מעלות. דער אייראָפּעער און דער תלמיד חכם האָבן זיך געשפּיגלט אין זיינע עסייען און קריטיקן, אין דער פּובליציסטיק און אין די בעלעטריס־טישע פּאָרטרעטן, און נאָענט איז מיר דער דרך, אויף וועלכן עס דערשמועסט זיך זיין לאַגאָדנער לשון.

אַזעלכע שמועסן הנדלען זיך אָפּט אין ביקלס כתבים און נישט אַלע מאָל איז מיר קלאָר, צי זענען דאָס דרך אגבס פון ר׳ נחמן בראַצלאַווערס

גאַנג און פון זיינע רייד מיט נתנען, צי אפשר עפּעס פון געטהעס אָלימ־פּישע דיאַלאָגן מיט עקערמאַנען.

אין קאָלאָמיי, אין ר׳ איציקלס שולעכן, ווו ס׳זענען אויסגעוואַקסן יידישע יונגע לייט, וואָלט מען שוין אין זינען געהאַט אַז שלמה ביקל היט אָפּ געקליבענע מיצוות, גייט מסתמא אָנגעטאָן אין אַ סאַמעטענעם קאַמזויל, רויכערט אַ לעדערנעם ציגאַר אין אַ בורשטינענעם שפּיץ מיט אַ גאָלדן רייפל און שרייבט אַ פּירוש אויף האַרבע שטיקלעך ר״ן — דערביי וויל ער אַלץ קיין רב נישט זיין, כאָטש קהל האַלט אין איין שיקן שליחים צו אים. האָט מען אפשר געקאָנט האָבן טענות, אַז די עניוות שמעקט מיט גדלות, ווייס מען אָבער, אַז אַ טרערעלע גאווה איז דווקא שיין פאַר אַ תלמיד־חכם.

צענדליקער יאָרן האָט זיין שיינגייסט „געזאָגט״ אַ שיעור עסטעטישע חריפות אין דער יידישער ליטעראַטור. ער איז געקומען פון טשערנאָוויץ, אַ תחום שבת פון אייראָפּע, נישט ווייט פון טראַקט, ווו עס וואַקסט מילדע ערודיציע. זאָגט מען „אייראָפּע״, איז שוין נישט ווייט געאָרג בראַנדעס — און מאָדערנער געדאַנק, געטהע און דער ריזשינער.

ער איז געווען אַ ליטעראַרישער ליבעראַל מיט אַ שוואַכקייט צום מזג טוב; שמועסער מיט עספרי און מיט שפּיציקע „עיקר שכחתי״ס, וואָס ער האָט נישט פאַרגעסן אָנצוגרייטן באַלד לכתחילה. דער עיקר איז: דער טאַ־לאַנט צו חכמה, אַ קנייטש הומאָר און אַ מין חסידישע זעלבסט־קאָקעטעריע. אַזוי פלעגן אַמאָל געהויבענע קלויז־יידן „ציִען מוחות״ ביי אַ בלוילעכן קער־לישיקל יי״ש, זאָגן־נישט־דערזאָגן מיט אַ שוועביקן שמייכל, וואָס שלענגלט זיך פאַרטראַכט, צווישן קרייזעלעך בלויען רויך און לומדישן פאַרמעטענעם שטערן.

ליטעראַטור־בילדונג האָט ליב סינטעזן, ווייכער קלימאַט, אָן שטורעם, אָן כמאַרעס און בליצן, אָן כעס. נישטאָ אויף וועמען ברוגז צו זיין. ביקל איז געווען אַ באַליבטער שרייבער. מען האָט ליב געהאַט דעם שמץ היימישע פרעמדקייט אין זיינע פּאָרטרעטן און מאמרים. זיי זענען אָנגעהויכט מיט אַ באַזונדערן אַראָמאַט: טאַקע יידיש, אָבער עפּעס נישט אין גאַנצן פון הי — יידיש מיט אַ סגול...

דער אַראָמאַט האָט געהאַט אַ געוויסן זעלטנווערט: ס'האָט אַ בלאָז געטאָן פון ביקלס שרייבן מיט ווין־טשערנאָוויץ־קאָלאָמיי — אַלץ גאַליציע, אַ תּחום שבת: אייראָפּע... 19טער יאָרהונדערט און די זידעטשויווער קלויז.

ער האָט הנאה געהאַט פון קרוינען פּאָעטן, פייערלעכער צערעמאָניאַל פון אָנמעסטן דעם בחורל אַ קרוין: באַלעמער־יום־טוב, איידער עס הייבט אָן אַריינטינקלען דער קאַלטער, פרעמדער ראַיאָן פון ליטעראַטור־יאַריד.

אינטימער אָוונט

פאַר עדיט און ישראל פּאָלאַק

דאָס איז אונדזער דור: אַ דור אָן אַ פּנים. ער מאַטערט זיך מיט גע־מוטשעטע עקספּערימענטן, אויסצופורעמען זיין בייע געשטאַלט — דערווייל לעבט ער קבצניש פון ברעקלעך נאָסטאַלגיע. ער איז שטענדיק אונטערוועגנס, פאַרבענקט נאָך זיך. און אפשר אַנטלויפט ער פון זיך אַליין. קיין דאַך איבערן קאָפּ האָט ער נישט און די היים איז דער קאַלטער דרויסן: אינטעלעקטועלע קוליסן, וואָס מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ פּאַלאַץ. דורך די פיר ווענט, וואָס וואַקלען זיך און האָבן קיין כוח נישט איינצופאַלן, יאָגן צוגווינטן פון דער „גרויסער צייט" — גרילצט זי גלייך אין שטוב אַריין מיט בונטע פּראָגראַ־מען, וואָס „אַמוזירן" מיט געמישטער נודאָטע: חלומות, אילוזיעס, ייאוש, שקרים, שיכרות — דאָס אַלץ אין איינעם, דער רויער וועלטיאַריד, מיטן בלוט און מיט די טרערן. דער דור לייגט פרישע „יסודות" צו זיינע רוינעס פון מאָרגן.

פון דעסטוועגן האָבן מיר זיך נישט לאַנג צונויפגעקליבן אַ חברותא פון עטלעכע היימישע יידן און זענען געזעסן געמיטלעך אין אַ שטילער קולטי־ווירטער שטוב. אַ פּאָר יידישע שרייבערס, וואָס קאָנען הערן, אַז מען רעדט צו זיי — און סתם ווילע יידן. ווילע יידן זענען כמעט אַ ראַסע פאַר זיך. אפשר האָבן זיי אַליין אַמאָליקע יאָרן אויך געשריבן לידער און געחלומט חלומות — זיכער אָבער האָבן זיי געכאַפּט דאָס פּאָרטל פון אָנהייבן ביי־

צייטנס אויפהערן שרייבן. דאָס נעמט צייט, ביז מען אַרבעט זיך אויס אַ דרך, אַהין און אַהער — ס׳איז אָבער ווערט די מי.

דער בעל־הבית איז אַן אײדעלער ייד, מיט נוסח פון תורה און וועלטזאַכן. די שטוב איז צוגעווינט צו מענטשן — פּאַטריאַרכאַלישער שטייגער. מיר פֿאַרגעסן גאָר, אַז מיר „פֿאַרברענגען״. נישטאָ קיין פּראָגראַם און מען דאַרף נישט — בלויז שבת אחים.

די ווענט זענען אויסגעלייגט מיט ווייכער שטילקייט ווי מיט אַנטיקע גאָבעלענען. אַרום זענען ספרים און בילדער, אַ גוט וואָרט און משקה. דערמאָנען זיך צו מאָל דער מאַמעס יום־טובדיקע לאַקיטקעס. אַז זי פּלעגט דערלאַנגען כיבוד צום חסידישן טיש און האָט געבעטן דעם עולם מאַכן „מזונות״, האָבן חסידים אָפּגעפּראַשעט ברעקלעך פון די וואָנסעס און געמאַכט „על המחיה״ על פּי שולחן ערוך. דאָס איז געווען אַמאָל.

גאָלדע איז אַריינגעקומען. זי באַשיינט די מסיבה מיט מלכות פון צניעות. זי איז היימיש מיט שרייבערס. די „וועלט״ האָט זי איבערגעלאָזט אין דרויסן — אין שטוב איז שמועסעודיק, שווייגנדיק: שיחת חולין מיט אַ שמייכל. קיין מענטש אין לאַנד קאָן זיך נישט טועה זיין, ווען מען מיינט, אַז מען זאָגט: גאָלדע. קוקט מען זיך איין אין איר אָפֿענעם פּנים, געקרוינט מיט אַן אויסגעאַרבעטן מאַנצבילישן שטערן, וואָס קנייטשט זיך פון טראַכטן, איז אַוודאי נישט שווער, צו זאָגן איר פּשוט: גאָלדע. אויך די הייזעריקלעכע וואָרעמקייט פון איר טיפן, ווייכן קול, נעמט זיך גוט אויס צו דעם נאָמען גאָלדע: אַן על־טערע שוועסטער אַ חכמה, פון די גרויסע פרויען־געשטאַלטן ביי יידן.

פֿאַרגלוסט זיך איינעם אַ וואָכעדיקן מיטוואָך — ווערט ער אין סאַמע מיטן אַ שטיק שבת־צו־נאַכטס מיט נשמה־יתירה, מיט דעם זיידנס ליולקע ציבעך, מיט די „אליהוס״ אויף צו זאָגן, מיט „נועם אלימלך״ אַריינצוקוקן. קיין הבדלה, פֿאַרשטייט איך, האָט דאָ קיינער נישט געמאַכט — איז פֿאַרט יידישלעך. די שטוב איז אָנגעזאַפּט מיט וויזשניצער נוסח, אין אָריגינאַל, און די טעקסטיל־פֿאַבריקן פון קרית־גת האָבן — שמועסט מען — גאָרנישט דער־לייגט צום זיידנס „הנה אל ישועתי״ מיט בשמים.

דאָס איז איינער אַ געמיטלעכער אָוונט, ווען וועלכן עס ווילט זיך דער־ציילן, אמת, די צייט איז נישט דעם שרייבערס: אַ פאַרגעסענע ראָמאַנטישע געשטאַלט. דעמאָלט האָבן מענטשן געהאַט אַ סך צייט, צו לעבן באריכות דאָס קורצע לעבן. פלעגט מען אַ מאָל אַריינגיין צום זיידן — סתם „אַריינגיין" — האָט שוין געהייסן: פאַרברענגען. דער בליצלאָמפּ שטראַלט פון דער סטעליע און דער סאַמאָוואַר זינגט אויפן דעמבענעם טיש. זעט איינער דעם אַנדערן און אַ מאָל דערזעעט ער אים אויף אַן אמת אין שיין פון פאַרפאַרעטן לאָמפּ. שמועסט מען. מען שוויגט אַ רעיון און מען זאָגט אַ ניגון.

אַזוי זענען געווען די אינטימע אָוונטן פון אונדזערע יונגע יאָרן.

ד

מדרש איציק * עגנונס ביטשאָטש * צו בערקאָוויטשעס שמונים *
דוד פּינסקי * אותות ומופתים * געזאַנגען אין שייער *
יעקב פרידמאַנס „ליבשאַפט" * שמייכלען פון ארץ הקודש *
פּראָטאָקאָל פון קץ כל בשר * דאָס נייטיקע וואָרט *
אַלטערמאַנס געשטאַלט

מדרש איציק...

אַזוי איינזאַם זיין אין סאַמע מיטן פון אַזאַ טיפער, ברייטער באַ־ליבטקייט — דערויף דאַרף מען זיין אַ „בריה". איציק מאַנגערס איינ־זאַמקייט ציט זיך איבער דער גאַנצער ברייט פון זיין פּאָפּולאַריטעט — און אַ ווירטואָז איז ער שטענדיק געווען אין דער טעכניק פון נישט קאָנען זיך קיין עצה געבן מיטן לעבן.

די זינגערישע מתיקות פון זיין וועלט־טרויער, און דער גראָטעסקער קאַפּעליוש מיט די צעצויגענע שפּיצן, וואָס איז צעדרייט, אַפילו ער טראָגט אים נישט — דאָס אַלץ אין איינעם געהער צום שטרענגן „פּראָ־טאָקאָל" פון ראָמאַנטישן קידער־ווידער אין מאַנגערס דיכטערישער גע־שטאַלט. זיין געשטאַלט אין דער יידישער ליטעראַטור איז פרעמדלעך און אינטים; און אַלע ווייסן — פונקט אַזוי איז מחויב אויסצוזען דער פּאָעט: דין, שאַרף, אַ ביסל באַלכסון, ווילעריש און שווערמוטיק, העזה און מע־לאַנכאָליע. איז מיר אַ חידוש, וואָס די ליטעראַטור איז נישט באַלד גע־וואָרן מיט מאַנגערן אויף איציק, בלויז איציק און שוין — אַפּנים ס'ווערט קלאָרער דער פּענאָמען, אַז מען לייגט צו צו זיין נאָמען נאָך אַ וואָרט?

אַ מאָל טראַכט איך, זיין באַליבטקייט ביים עולם, צו וועלכער ס'האָט זעלטן זוכה געווען אַ שרייבער ביי יידן, אַחוץ שלום עליכמען, מוז אפשר זיין אַ טעות: ווי קומט דאָס, יידן זאָלן הנאה האָבן פון זאַכן, פון וועלכע זיי האָבן באמת הנאה?

משה גראָס־צימערמאַן

איציק מאַנגער האַלט זיך פאַר אַן אוראייניקל פון די בראָדער זינ־גערס, וואָס האָבן צעטיילט אָרעמע פרייד צווישן „עמך״.

„כ׳בין אויפגעשפרונגען אויפן וואָגן פון די „בראָדער זינגער״
און בין מיט זיי אַ מהלך וועגס אָפּגעפאָרן,
דורך שטעט און שטעטלעך, דורך זינגענדיקע יאָרן,
דורך וואָגל, דורך הפקר און דורך הונגער.

דעם אמת געזאָגט, ס׳איז געווען גרינגער
מיט אָט די ערשטע פריילעכע יידישע אַקטיאָרן,
פאַר די פעלדער זינגען פייגל, די גרילן — פאַרן קאָרן,
און פאַר די יידן זינגען מיר — די „בראָדער זינגער״...

האָבן יידן דערפילט אין זיין זינגען ערלעכע האַרבע מתיקות ווי אין אַ וואָכעדיק קאַפּיטל תהילים, וואָס דער ניגון כריפּבעט: מזמור לאיציק. זיין שטעטל, זיין הילוך און די טרובאַדורישע מינאָריעס, דער וואָגן און די קרעטשמע און די הילצערנע טישן — דאָס אַלץ איז פון די בראָדער זינ־גערס. אָבער דער יחוס עצמו פון זיין ליד, וואָס איז אין תוך פאָלקסליד פאַר יחידי סגולה, ציט זיך פון דער ווייטער וועלט־פּאָעזיע, וואָס האָט זיך דערזונגען אַזש ביז קיין קאָלאָמיי און קיין בראָד.

דער טרויער פון מאַנגערס וועלט איז דעסטילירט אויף העכסטע גראַדן פון שאַרפער באַלאַדישער מעלאָדיק אין וואָרט און שפּיל, ריטעם און טראָפּ, פאַנטאַסטיק און גראָטעסק, וואָס דאַרפן אַלע צווישן זיך „אַדורכקומען״; איז טאַקע שווער. שווער צו זיין אַ יוצא דופן. צו איינזאַמקייט בעטן זיך קאַפּריזן: איז מאַנגער ווידער נישט דער פּאָעט, ער זאָל זאָגן ניין.

זיין ליריק איז בגילופין מיט סענטימענט, לעגענדע, ראָמאַנטיק און ציגיינערישער „דאָינע״, מיט פאָלקלאָר פון שניידערויונגען און בת־מלכהס אין אָרעמע יידישע שטיבער, מיט ווערבעס און ווינטמילן, מיט פּרינצן און „עלינאָורע״.

ווי ראַפּינירט עס זאָלן נישט זיין מאַנגערס ליד און באַלאַדע — צו מאָל דאַכט זיך, ער אימפּראָוויזירט דאָס אַלץ, ווי ס'האָבן געטאָן זיינע זיידעס, די בראָדער זינגערס, אין קרעטשמע ביים גלעזל וויין. און אפשר צימבלט ער צו דעם פּזמון אויף אַ קלעזמערישער כלי.

ער איז מחויב צו זיין אַ מין „געזעלן" ביים כביכול, אַנגעדונגען ביים „מייסטער" אויפן זמן, וואָס געדויערט אייביק: אַ יונג, אַ מזיק, מיט גאַל־דענע הענט — אָבער ער זינגט מער ווי ער אַרבעט און פּראָוועט מאָני־פּאַרגעס מיטן מייסטערס ווייב, דער „שאַלטיק". ער טוט אָן שאָדנס, ווי אַ „בכור", אַלץ ווייל ער ווייס, אַז אָן אים שטייט דער וואַרשטאַט.

פּונקט אַזוי וואָלטן זיך מסתם געפּאַסט צו דער זיגזאַגיש־ביזאַרער אויס־טערלישקייט פון מאַנגערס געשטאַלט אַ האַוועלאָק מיט ברייטע פליגלען און אַ צילינדער מיט זיבן גלאַנצן פון סוף ניינצנטן יאָרהונדערט. פון אָט יענער תקופה, ווייסן מיר, איז מאַנגער אַוועק אַ נישט געזעגנטער. זייט דעמאָלט וואָגלט ער מיט אַ בינטל בלויע חלומות צווישן שאָטנס און מאָנסטערס.

איציק מאַנגער קומט־אַרויס פון דעם קאַרפּאַטישן דריי־לענדער־ווינקל: גאַליציע — רומעניע — אונגאַרן, ווו וואָגל־צדיקים און, להבדיל, פּאָעטן, צווישן פּאַסטעכער און ציגיינער, צעטראָגן רוח הקודש, חלומות און חרי־פּותדיקע פרייד איבער דער יידישער וועלט. מאַנגער טראָגט בעל־שמסקע לאַנדשאַפט אין זיין בלוט — שיער נישט געזאָגט: אין זיין זינגערישן ציי־גיינער־בלוט.

אין אָט דער צעזונגענער לאַנדשאַפט האָט ער אַריינגענומען אויך באר־שבע און חברון פון זיינע חומש־לידער: מ'עט זיך זמיעשטשען. ער האָט מיט גרינגע זינגעוודיקע פינגער צענומען דעם פלויט צווישן וועלטן און יאָרטויזנטער — איז געבליבן אָן אָפענער צווישן־דורותדיקער „שאַ־לאָש", אַ שאַלאַש מיט אַ ברייטן, טונקעלן אַלקער, וואָס שמעקט מיט הכנסת־אורחים און מיט שפע, מיט געבראָטן קעלבערנס און מיט זויערטייג פון די קעפּסווייבער, און ווו די אָבות אַליין, שווערע יידן און באַרעכנטע גאַליציאַנער וועסטלשפּענצערס, כאַפּן אין האַרמידער אַ גיכן דאַוון „פון

פּאַרנט״ און אַ שמועס מיט אַ מלאך, וואָס וווינט אין שכנות, און דינגען זיך די גאַנצע צייט מיט כביכול, ווי מען לאָדט זיך, להבדיל, אַ גאַנץ לעבן מיט אַ פּריץ, אַז עס בלייבן אַזש איבער דין־תורהס פאַר די יורשים אויך.

אַזוי האָט מאַנגער אַנגעהויבן זיין גאַנג אין דער דיכטונג מיט זיינע צעזונגענע „שטערן אויפן דאַך״ — היינט הייסט דאָס יינגסטע בוך לידער, וואָס פריינד פון דיכטער האָבן נאָך־וואָס אַרויסגעגעבן, „שטערן אין שטויב״. און עס קאָן גאָר אַנדערש נישט הייסן. די גילדענע שטערן זענען בלייך געוואָרן און דער שטויב איז נאָענט און האַרבסטיק קאַלט.

אין דעם אַריינפיר צו די לידער שרייבט דער דיכטער אַליין: „דאָס איצטיקע בוך הייסט „שטערן אין שטויב״, פּשוט דערפאַר, ווייל די שטערן, וואָס האָבן אַמאָל געפינקלט אויפן דאַך, וואַלגערן זיך איצט אין שטויב. די לעצטע שפּאַצירער אויפן שטויביקן שליאַך שטעלן זיך אַפילו נישט אָפּ — אָדער זיי פאַרשטייען נישט דאָס לשון, אָדער זיי האָבן בילכערע געשעפטן״...

און ביים סוף פון דער הקדמה: „...סיי ווי פיל איך, ווי די שאָטנס ווערן לענגער. ס'ווערט אָוונט, ס'ווערט נאַכט. אַ גוטע נאַכט, רבותי — איציק מאַנגער״.

דאָס איז דעם דיכטערס חתימה אין שפּילעוודיקער מעלאַנכאָליע פון בין־השמשות. אַ מאָל קומען אַריין פריינד אין דעם אומעטיקן שטיבל פון דער סאַנאַטאָריע אין גדרה, זעצן זיך צו צום דיכטערס בעט, וואָס איז כולו בליק פון הילפלאָזיקייט. דומען די פיר ווענט און עס טונקלען די שאָטנס פון פאַרק. דאָס זענען אָריגינאַל־קוליסן פון אַזאַ גורל. יענער האָט אַ שוואַכ־קייט צו שטראַלנדיקע לעבנס — טוט ער זיי אַ וואָרף־אַנידער, אַז פילן זאָלן זיי דעם פאַל: די ליבלינגען פון דער נאַטור.

אַלע יאָרן האָט זיך איציק מאַנגער אַזוי שיין געוואַלגערט איבער דער וועלט. זי האָט אים געלאַשטשעט, קאַלירט, אין אַלע ניואַנסן פון גרוי. זיין לעבן שפּילט זיך ווילעריש, ביים ראַנד פון דער געזעלשאַפט, אָן איר, קעגן איר. יענע האַלט זיך אַ ראָמאַנטישן יוצא־דופן, וואָס זאָגט איר אַריין, ווען ער זינגט. ער לעבט, איינזאַם און ווידערשפּעניק, אין אַ צעשרויפטן

סיסטעם פון צר־להכעיס און קאַפּויער, וואָס גייט אויס נאָך שיינקייט, נאָך נאַטור, נאָך איר אמת: צעהוליעטער אַסקעט.

אין ישראל, ווו זיין נע־ונדקייט האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיין ליד האָט זיך, ווי מאַנגער אַליין זאָגט, „פאַרענדיקט", האָט ער זוכה געווען צו הייסע כוואַליעס דאַנק און ליבשאַפט, וואָס דער עולם טראָגט אים אַנטקעגן מיט פולע הערצער, ביז צו דער שוועל פון דעם טונקעלן שטיבל אין דער סאַנאַטאָריע פון גדרה, ווו עס האָט זיך אויסגעלאָשן זיין לעבן.

עגנונס ביטשאָטש

זיין קרוינונג מיט דעם נאָבעל־פּרייז פאַר ליטעראַטור איז געווען אַ וועלט־איבעררעשונג. אונטער דער קרוין האָט דער מייסטער געטראָגן מיט הכנעה די געטרייע סאַמעטענע יאַרמלקע פון ביטשאָטשער שטייגער. דער העברעי־שער שרייבער איז אַריין אין דער וועלט־ליטעראַטור — אָבער זיין וועלט זענען געבליבן דער אין־סוף און די טיפקייט פון זיינע יידישע ד׳ אמות: ווייכע לאַשטשענדיקע פאַרביקייט פון גרוי שבגרוי, וואָס שימערירט אין זיין דערציילערישער וועלט.

דאָס איז אונדזער פאָלקס שטילער, ציכטיקער צושטייער צו דער טומל־דיקער געאָגראַפיע פון דער וועלט־ליטעראַטור: ביטשאָטש. טייל ווילן האָבן, אַז ביטשאָטש איז נישט אַזוי געאָגראַפיע, ווי ש. י. עגנונס דיכטערישער חלום. אַ מין געאָגראַפישער קדמון אין עגנונס ווערק: אַן אָבותדיקע שטאָט.

שמעקט די לאַנדשאַפט פון עגנונס ביטשאָטש מיט אַ מין סינטעטישן ריח פון יראת שמים און געקאָכטע גרייפּלעך מיט האָניק — אַ מאכל, צוגע־פּראָוועט פאַר למד־וואָווניקעס — נישט צו פאַרגלייכן מיט די פאַנטאַסטישע אַכלענישן פון חמדת, דעם חזן פון יאַס, וואָס ערב יום־כיפור פאַרן פאַרפאַסטן, גייט ער אַרום איבער דער שטאָט, פון גביר צו גביר און פון שענק צו שענק, און האַלט אין איין טועם זיין און „איבערכאַפּן״, מיט דער הייסער צעפלאַכ־טנקייט פון אַ בעל־תאווה צו מיצוות, גאַנצע בערג מיט כל טוב.

„דער ריח שטייט אין שטאָט פון איסרו־חג פסח ביז חודש מרחשוון, ווען עס פאַלט אַ שניי און דעקט איין גאַנץ שיבוש״. און אַז עגנון זאָגט שיבוש,

מיינט ער אויך איר סביבה — די גאַנצע וועלט. ביטשאָטש איז דער שורש פון אַלץ, וואָס וואַקסט אין עגנונס דערציילערישער וועגעטאַציע. „דו האָסט ליב שיבוש — זאָגט אהרן שיצלינג צו זיין אַמאָליקן חבר — האָסטו ליב ירושלים״.

אין תוך, קאָן מען זאָגן, אַ שטאָט ווי אַנדערע שטעט — און פאָרט: ביטשאָטש. שטייט אין מדינת קיר״ה אַן אויסטערלישער נעבנאַנאַנד פון אליהו הנביא און, להבדיל, פראַנץ יאָזעף,ביידע נאָענט און פאַרהוילן, דער מיט דער גילדענער קרוין און יענער מיט דער גייערישער טאָרבע — און ביידע נישט קיין קרוין, נישט קיין טאָרבע: גאָר עפּעס אַנדערש.

קאָן זיין, די וועלטמאַפּע פון דער ליטעראַטור וועט זיך מחייה זיין מיט ביטשאָטש, ווי מיט אַ היימיש שטיקל ברויט. די שטאָט האָט אַזאַ ווייכן פאַמעלעכן נאָמען — ביטשאָטש, מיט דעם היימישלעכן גאַליציאַנער קמץ־אָ: אָ.

איך מיין, עגנונס לשון־קודש, אַזאַ מילדע, צוגעלאָזענע שפּראַך, ווו עס שפּילן אַריין מילדע ווינטלעך פון אַלע זייטן, קאָן אַריינגעמען ביטשאָטש אין אַריגינאַל — און מוז נישט דווקא אָנקומען צו „שבוש״ אָדער „שיבוש״, ווי ס׳ווערט געברענגט אין די סיפּורים. ווערט דאָס זיין, עלעהיי אַן אורח קומט צו גיין און בלייבט שוין נאָך שבת אויך — ווערט מען אים טרייבן?

קיין איבעריקע זאַכן שטייען נישט אין ביטשאָטש: אַ שטוב מיט אַן אַלקער, ש״ס אין שאַפע, וועקסלען אין שופלאַד, חקירה, בוררות, צוריק־געשיקטע תנאים, דעם טאַטנס שטריימל אין דער בלעכערנער פּודלע, און אין קיך וואַרעמע גרייפלעך מיט האָניק — שוין. און מענטשן? אויך נאָר די, וואָס מען דאַרף — מער דאַרף מען נישט. ביטשאָטש שפּרינגט קיינעם נישט אין די אויגן און די לאַנדשאַפט דאָרט קאָן באַשטיין, אַז מ׳וועט זי נישט „באַשרייבן״ — מען וויים דען נישט? דאָס איז ענוות מיט אַ שמיץ גדלות: אַ טרערעלע.

— פון דעסטוועגן דערגייט עגנונס ביטשאָטש צו דער סאַמע וועלט — פּונקט ווי עס קומט אַרויף ביז צום הימל דער פּאַרנאַכטיקער אומעט פון

אַ וואָכעדיקן מנחה־מעריב, וואָס שמעקט מיט קראָם און מיט ס׳גייעס·
„אוי, השי־בי־נו... אבי־נו...״

ביים אָנהייב פון זיין שאַפערישן גאַנג האָט עגנון געשריבן יידיש און ביז צום סוף פון זיין לעבן האָט ער זיך געטוליעט מיט אַלטער פאַר־ליבטקייט צום חן פון דער שפּראַך און צו דער פאָלקישער חכמה פון איר רייכער פשטות.

און אַז ער איז שפּעטער געוואָרן דער מאָדערנער קלאַסיקער פון דער העברעישער ליטעראַטור, האָט זיין העברעיש שוין געהאַט איינגעזאַפּט אין זיך אַזוי פיל לעבעדיקע דורות יידישקייט, מיט אַלע נוסחאות און קנייטשן פון לערנען און האַנדלען, לאָדן זיך און גטן זיך — אַז ס׳איז שוין במילא געוואָרן יידיש אויך, מיט ניגון און קאָליר.

און עס איז עגנונס זכיה, וואָס זיין יידיש־איבערזעצער, אליעזר רוביג־שטיין, האָט דערשמעקט דעם פיינעם אַראָמאַט פון נוסח עגנון און ער האָט אים איבערגעגעבן אויף יידיש, גלייך דאָס וואָלט געווען דער אָריגינאַל אַליין.

דאָס איז עגנונס ביטשאַטש: דער פאַסיקסטער פּלאַץ אויף געבוירן צו ווערן — די גאַליציאַנער פאַרשטאָט פון ירושלים. „האָסט ליב ביטשאַטש״ — זאָגט איינער אַ שמועסער ביי עגנונען — „האָסטו שוין ליב ירושלים אויך: איז דאָס במילא די גאַנצע וועלט״.

די דורות זענען אַלע דאָ, זיידעס און אייניקלעך, אין „רינג״, אין קלויז, אויפן לאַשקאָוויצער יאַריד, איידעלע יידן, פּראָסטע יידן, יידן מיט פאַרמעליקטע פּלייצעס, צוליב פאַריאָגטקייט.

אַרום די מענטשן שפּינען זיך מעשיות, וואָס פּלאָנטערן זיך איידל מיט דעם באַשעפערס טעג און נעכט. שעפּטשען זיך דינע, ציטעריקע רייד פון חכמה, פאַרצייטיקע און היינטיקע — פשוטע, וואָס „זאָגן״ זיך אַליין און אַנ־דערע, וואָס זייער תמימות איז חריפות.

צו בערקאָוויטשעס שמונים

כ׳זאָל זאָגן, ס׳אַזאַ חריפות פון איראָניע, וואָס דער פסוק תהילים האָט דווקא צונויפגעפּאָרט „גבורות״ מיט דעם זיידנס פּאַטריאַרכאַלישע שמונים — וואָס טויגן גוזמות? אָבער די נאַטור, וואָס האַלט קאָפּ, געדענקט מסתמא, אַז איר קומט נאָך ביי דעם בעלעטריסט י. ד. בערקאָוויטש אַ היפּשער רעשט דערציילערישע וועלט, וואָס וואַרט אויף זאָגערישער חכמה און התגלות. ווייזט אויס, נגידים האָבן אַ שווערע האַנט, אַז ס׳האַלט ביי סילוקן — קינסטלערס אויך. אַנדערע שרייבערס אין בערקאָוויטשעס יאָרן זענען, דאַכט זיך, עלטער פאַר אים — ס׳איז אַ דור מיט אַ שיינעם טאַלאַנט צו אַריכת־ימים. אַזאַ טאַלאַנט איז „צוזאַגנדיק״, אָבער ער בעט זיך אַנט־וויקלונג — ווער האָט דאָ קיין צייט נישט! שרייבן הייסט: גייענדיק פאָרויס, אַ גלעט טאָן מיטן פּאַמעלעכן בליק דעם צוריק.

י. ד. בערקאָוויטש פאַרמאָגט אַ היפּשע ליטעראַרישע באַלעבאַטישקייט אויף ייִדיש און העבר׳עיש: דערציילונגען, פּיעסעס, זכרונות, הומאָרעסקעס איןביידע לשונות, דערצו דאָס רעפּרעזענטאַטיווע שלום־עליכם־בוך, וואָס איז עד־היום די קלאַסישע מוסטער־מאָנאָגראַפיע פון בעלעטריסטישער עסייִס־טיק אויף ייִדיש, און די מייסטערישע העברעיִש־איבערדיכטונג פון שלום־עליכמס ווערק, וואָס מען קאָן דרייסט אָנרופן קאָנגעניאַל. אין אַ סך זאַכן, וואָס בערקאָוויטש האָט געשריבן, האַלט ער זיך נאָענט ביי שלום־עליכמען, כאָטש זיין געשטאַלטונג איז דורכויס זעלבשטענדיק אין סטיל און אין וועלטבאַנעם — ווי אַ יונגערמאַן, אַ מושלם, וואָס זאָגט שוין אַליין

אַ שיעור אין בית־מדרש, גייט מיט חשיבות און הכנעה ביי דער זייט פון שווער, דעם עוקר־הרים, קוקט אַרויף צו יענעמס גאונות און האָט דערביי אין זינען, צו זיין אַ גדול פאַר זיך.

ער איז אַן אימפּרעסיאָניסטישער כראָניקער, וואָס לאַשטשעט מיט וואַ־רעמען קינסטלערישן זען און הערן אַלע ניואַנסן פון סימפּאַטיע און שרעק אין דער געשילדערטער וועלט. אַלץ פּרעסט זיך צונויף, וואָרט ביי וואָרט, כאַראַקטער־שטריך, נאַטורשטימונג, אין דער סוזשעטישער ענגשאַפט פון בערקאָוויטשעס געמאָלטן לעבן: אַזאַ בילדערישע עשירות אין דער קלע־מעניש פון דחקות! אַ מאָל בליט דאָרט אַ שמייכל. טרעפט, אַז דער שריי־בער נעמט דעם שמייכל פּלוצים צוריק און לאָזט דאָס פּנים פאַרשלאָסן, געפּאַקט — אָדער עס בלייבט אויף דער פּריי אַ האַלבער שמייכל, לאָמיר זאָגן: אַ „קרומער", און ווערט באַלד אויך נעלם אין שכנותדיקן אומעט. דאָס זענען סאַמע קאַפּריזן פון קינסטלערישן געוויסן, וואָס וויל זיך בע־לעטריסטיש דערגרונטעוועון צום ווייטיק פון זיינע מענטשן, באַפרייען זיי פון זייער פאַרשעמטקייט אין דעם האַרטן לעבן. אַלע שעמען זיך ביי בער־קאָוויטשן — די נאַטור גיט זיך אויך אַ מאָל אַ קאָרטשע־איין פון בושה און ד״ר וויניק, וואָס ווערט גערופן צום קראַנקנבעט פון זיין אייגענעם ברו־דער, שעמט זיך מיט אים צו רעדן, ווייל ער אַליין איז „געוואָרן אַ מענטש", בעת דער ברודער גייט אויס אין עלנטקייט. אויך דער חולה שעמט זיך רעדן — אַנשטאָט צו רעדן, שטאַרבט ער.

בערקאָוויטשעס שמייכל איז אָפט: פאַרמאַסקירטע רחמנות. על־פּי־רוב אָבער איז זיין שמייכל אַ שטרענגער. „תרבות", קונדס איינער! ער פאַר־גינט זיך אים אַליין נישט. אפשר איז דאָס דער שמייכל פון אַ מתנגד, וואָס פראָוועט איינגעהאַלטנקייט און עס פּייניקט אים די תאווה צו שפּע. לאַכן לאַכט ער נישט — אָבער ס'איז מיט ליטווישע „קרעמענעס". אויף וויפל איך קען זיי — פאָלקלאָריסטישע שני בשלישים מיט די פּוילישע „יאַש־טשערקעס": עכל דיר שוין געבן הומאָר...

אַ מאָל, ווען איך קום אַריין צו י. ד. בערקאָוויטש אין שטוב, אין דעם

שטילן ווינקל פון דער תל־אביבער באַלפור־גאַס, ווו די רעשיקע ברייטקייט צאַמט זיך אַ ביסל און ווערט פון דרך־ארץ וועגן שמעלער, דאַכט זיך מיר: איך טרעף דאָ שלום־עליכמען אויך, אומזעעוודיק־פּערזענלעך, אין בער־קאָוויטשעס שטוב. טונקל אַ ביסל פון דעם שאָטן, וואָס דאָס שטאַרקע ליכט האָט געוואָרפן אַרום זיך, האָט זיך אָנגעקליבן די גאַנצע איבער־געבליבענע משפּחה־ליבשאַפט צו שלום־עליכמס שטראַלנדיקער געשטאַלט און צו זיין ווערק. דאָ פילט זיך נישט קיין ריח פון אַרכיוו — באַר עס פרייט זיך דאָס האַרץ מיט יעדן פונק פון שלום־עליכמס גלאַנץ, וואָס איז געבליבן פריש, מיט יעדער זאַך, וואָס איז נאָך נישט פאַרעפנטלעכט און גרייט זיך, מיט יעדן ברעקל פון אַ פאַרשרייבונג ערגעץ אין אַן אויסגע־בלייכטן בלאָק: אַ שטוב פון ביאָגראַפיע־אויטאָביאָגראַפיע פון דור.

אין בערקאָוויטשעס שטוב שטופן זיך פולע פאַליצעס ביכער, זשורנאַלן, זאַמלשריפטן פון סוף און אָנהייב יאָרהונדערט, אַרויסגעגעבן ביי שלום־עליכמס לעבן און שפּעטער, אין וואַרשע און אין ניו־יאָרק, טייל אין קיעוו, אין ווילנע, אין לאָנדאָן, צו מאָל אין לעמבערג און קראָקע, אין אַ לאַנדשאַפט מיט קאָלירקן אומעט — אַרויסגעגעבן אין דחקות און מיט יום־טובדיקייט. אין שמאָלע קעסטעלעך און פּודלעס זענען אויפגעהיטן פאַרצייכענונגען וועגן בריוו פון אַ וועלט מיט שרייבערס און פּרעסע־אויסשניטן, וואָס נעמען אַרום עטלעכע דורות פאָלקסשאַפונג אויף ייִדיש און העברעיִש: שפּראַך פון ייִדיש־רענעסאַנס, געראַנגל, פרייד.

די אַלטע פאָטערשטולן פון שטוב זענען טיף אויסגעזעסן — פאַלט מען אַריין באַקוועם אין זייער ווייכער ברייטקייט, אַז ס'איז אַ תענוג זיך אויפ־צוהייבן. אויפן דעמבענעם טיש, קוואַדראַטיש און באַלעבאַטיש, בליצן גע־שליפענע גלעזער טיי מיט דער גאָלדענער קאָליר פון אַמאָליקע יאָרן, ווען וויסאָצקי איז געווען כמעט אַ טייל פון ייִדישן שטייגער: מיסחרים, שידוכים, זשורנאַלן, פאָרטרעטן פון מאָנטעפיאָרע און פון ווילנער גאון און אַ היימי־שער „זעקס און זעכציק".

בערקאָוויטש „פּירט טיש" מיט זיך אַליין — און איך זע נישט, ס'זאָל אים זיין סקוטשנע. ער גרייט צו שלום־עליכמס „אַלע שֶבאַלע" און טאַקע זיינע

אייגענע שריפטן, צווישן זיי זכרונות, עסייען, רייזע־אימפּרעסיעס. זעלטן קומט אַריין אַהער אַ שרייבער, אַ העברעיִשער, אַ ייִדישער — אַז זעלטן האָט עמעצער בכלל צייט, צו האַלטן פון אַ חבר: וואָס פלוצים? יעדער איינער איז שווער פאַרהאַרעוועט מיט זיין אייגענער באַגייסטערונג פאַר זיך אַליין — ס׳נישט לייכט. „איך פאַרברענג — זאָגט בערקאָוויטש — מיט שלום־עליכמען, מיט ביאַליקן, מיט שניאורן, אַ מאָל מיט פרישמאַנען". בערקאָוויטש זיצטביים שרייבטיש, פאַרקנעפּלט ביז אַרויף, ביז צום דינעם קייטעלע, וואָס פאַרענדיקט דעם זשילעט פון אויבן. די ברילן, וואָס ער נעמט אַרויס פון דער בוזעם־קעשענע און האַלט זיי אין איין בייטן, זענען איינע דיקער פון דער אַנדערער. יעדע וויל עפּעס דערזען נאָך שאַרפער — עפּעס, וואָס מ׳האָט נאָך נישט באַוויזן צו „כאַפּן". אַן עקסטרעברייל, דאַכט זיך, טוט אָן בערקאָוויטש, ווען ער דאַרף אַ שמייכל טאָן. אָנגעטאָן — האָט ער זי שוין געביטן. איצט קאָן ער פריי אַ זאָג טאָן: „ניין" — מ׳וועט שוין געפינען צו וואָס.

י. ד. בערקאָוויטש האָט אָנגעהויבן שרייבן, העברעיִש און ייִדיש, ביים שניטפּונקט פון די יאָרהונדערטער — אַן אומבאַקוועמע פּאָזיציע אַזאַ „שניט־פּונקט" — אָבער געזעטיקט מיט שטימונג, מיט דער אילוזיע פון שרייבערי־שער שליחות. אויף דער ייִדישער גאַס, פאַרבענקט נאָך געשעעניש, האָבן זיך צעשפּילט די באַרימטע „ווינטלעך", סאַמע נייע, און די גרייזיקע בראָשורעס, געדרוקט אויף פּאַפּיר, האָבן אָנגעטראָגן דעם אומרו פון פרעמדע אידעען. מיט אַ מאָל האָבן מענטשן דערפילט, אַז זיי האָבן אויפגעהערט צו זיין, וואָס זיי זענען — מ׳איז שוין אַ גאַנצער דור, נישט סתם יידן, ווי אַלע מאָל. ווו דורות, דאַרט אַ ריס, אַן איבערבראָך — דער חותם פון יעדער נייער תקופה. די מינימאַלע פאַמיליען־איינס פון דער מענטשהייטס וויטיקלעכער צעבראָכנקייט איז דער דראַמאַטישער אַנסאַמבל: טאַטעס מיט קינדער. קיין מער אינטימע דיסהאַרמאָניע דאַרף מען שוין נישט. „דו קאָנסט מיך בכלל נישט פאַרשטיין" — איז דער רעפריין אין אַלע מרה־שחורהדיקע דיאַלאָגן, שטומע אָדער שאַרפע, אין אונדזערע אַמאָליקע היימען. דער טאַטע האָט גאָר קיין מאָל נישט פאַרשטאַנען, וואָס מ׳שטיינס געזאָגט, איז דאָ פאַראַנען, נישט צו

פאַרשטיין, און צוליב וואָס — אַז איזן איז מען בסך־הכל פאַראומערט און דערכוויטשנע, אַ ייִד מיט אַ פאַרשטאַרטער, שפּיזלדיקער באָרד פון אַ שכיב מרע, שוין אָדער באַלד, דאַוונט אין בעט און צאַנקט ווי אַ ליכט — און די ייִדענע פאַרשמאָדערט און מעוברת. וואָס נאָך? ס׳איז אַזאַ סאָרט שיפלות וואָס האָט צו זיך אַליין אַ סאַרקאַסטישע באַציִונג. ס׳איז נישט מנחם מענדל, וואָס אַ גאַנצע וועלט מיט חלומות און פריילעכן שלימזל איז זיין אייגנס, נאָר די דערשלאָגנקייט פון אַן אויסגעדיייוועטן קבצן, וואָס איז דערצו נאָך אַ כעסן אויך. דאָס איז דלות, וואָס „האַלט" פון זיך. ער פאַרמאָגט אַן אייגענע „נאָטע": אַן אַ פּרוטה. דאָ אָ פאַרגינט זיך דאָס לעבן אַ „בייעם דור" — דאָ אויך.

דער נייער דור האָט זיך מיט אַ מאָל דערפילט איינזאַם און פאַרבענקט און די מאָדע איז געווען: נישט צו וויסן נאָך וואָס מען בענקט — אפשר נאָך דער פאַרלוירענער יוגנט, אפשר ציט דאָס האַרץ צו אַ חלום פון די ביליקע ראָמאַנען. אפשר בלויז צו אַ תכלית. דער מין „נישט־וויסן", וואָס כאַראַקטעריזירט דעם איבערגאַנג־דור — און וועלכער דור איז נישט קיין „איבערגאַנג" — בעט זיך „אומענדלעכקייט" ווי אַ שפּילרוים פאַר זיינע טרוימערייען, דערצו אַ נאָגנדיקן בין השמשות־ניגון פאַר דער פּאָעזיע, זיס און אומעטיק, און לאַנגע שטומע זיפצן אין די הפסקות צווישן מעלאַנכאָלישע האַרץ־טראַכטענישן. שטעלט מען זיך אַוועק ביים אָוונטלעכן פענצטער און מען שווייגט־אויס די בענקשאַפט אין דער פאַרטונקלטער וועלט.

אויך שפרה — אין בערקאָוויטשעס דערציילונג „אוגערקעס" — פאַרבענקט זיך מיט אַ מאָל אַהיים. אָפּגעאַרבעט יאָרן אין שטאָט, ווי אַ נייטאָריִן, דערפילט זי פּלוצים, ווי עס פרעסט זי די איינזאַמקייט אין דער פרעמד און זי באַשליסט אַהיימצופאָרן, צו טאַטע־מאַמע אין שטעטל. ס׳אַ ראָמאַנטישע מאַנקאָליע און מער גאָרנישט — מאַכן טאָקע חברטעס חוזק פון דער „ליטוויטשקע", וואָס ס׳האָבן זיך איר פאַרגלוסט חלומות. ס׳זענען זומערדיקע טעג — סטראַיעט זיך אויס דאָס איינזאַמע מיידל אין אַ ברייטן שטרויענעם מאָדעהוט מיט אַ גבורהדיקער פעדער פון כרך און אין ווייסע לעטשלעך פון ווייכן לעדער, און פאָרט זוכן דאָס גליק.

אָבער זומערדיקע שטעטלעך האָבן אַ טבע, אַז איידער מען קוקט זיך אום, פאַרכמורעט זיך דער האַרבסט מיט אוצרות מרה־שחורה און עס פליִצן שוין די בלאָטעס. דאָס איז זייער שטייגער און קיינער וועט זיי קיין דעה נישט זאָגן. — וואָס האָט זי געמיינט, שפרה? זי דרייט זיך שוין אַרום אַ פרעמדע אין דער היים, קוקט אַרויס דורכן אָפענעם פענצטער, דורך וועלכן אַלע קוקן, און זוכט אין מיזערנעם שטעטל די אויסגעחלומטע אומ־ענדלעכקייט — מ׳האָט איר אָנגעגרייט? די מאַמע איז פאַרהאָוועט ביי די אוגערקעס אין גאָרטן, צי ביי די געגנדז אין דרויסן, און דער טאַטע איז נישט אַזוי אַ מרוק ווי אַ קבצן. וואָס זאָל ער פריער טאָן: אין זינען האָבן דאגות־פּרנסה, די שקצים, וואָס גנבענען, צי די האַרץ־דרייעניש פון מיידל, וואָס האָט זיך אין די ביכלעך פאַרפלאָנטערט מיט הוריות? דערווייל פּרעסן די שווערע בלאָטעס די ווייכע זומערדיקע לעטשלעך און שפרה זינקט אַלץ טיפער אין די ראָמאַנען, וואָס דער בחור פון דער שטעטלדיקער ביבליאָטעק, אַן עקסטערן מיט ראָמאַנסן, אַנטלייט איר. וואָס איז דער חידוש, וואָס די דורות פאַרשטייען נישט איינער דעם אַנדערן, די פון ליכאָגרודאָק און יענע פון דער גרויסער וועלט? פאַרשטייט מען זיך נישט, שעמט מען זיך און מ׳איז אין כעס.

פון דער גרויסער וועלט קומט אויך צוריק יששכר־בער. אָפּגעפּעדלט עלנטע צען יאָר אין אַמעריקע מיט אַ פעקל אויף דער פּלייצע, אַ פעקל יגון ואנחה, האָט זיך אים פאַרבענקט צו ווייב און קינדער קיין מוראַ־וואַנקע. אין שטעטל הויקערן זיך די שטיבלעך און דבורה־לאה איז פאַר־אומערט, דאַר און קוואַר, — אָבער אים האָט זיך פאַרבענקט. קויפט ער זיך אַ שיפסקאַרטע און אַ נייעם זומערדיקן קאָסטיום פאַר די לעצטע עט־לעכע דאָלער און פאָרט אַהיים, צום חלום. אָנגעקומען פון בראַנזוויל קיין מוראַוואַנקע, און שוין ווידער טיפע, געדיכטע אָסיענדיקע בלאָטע און דער זומערדיקער קאָסטיום פון אַמעריקע איז פון ס׳ניי: חוזק. ווער גייט דאָ אין אַזעלכע העלע הויזן מיט קאָמעדיאַנטישע קעסטעלעך? בייזערט זיך יששכר־בער אויף די „גרינע חיות״. ער איז ברוגז, וואָס מוראַוואַנקע האַלט אים, דעם אַמעריקאַנער, פאַר אַ שלימזל. ער איז דער אַמעריקאַנער — און

דבורה־לאה, די ברויטבעקערין פון שטעטל, זויערטייג מיט זיפצן, — זי איז זיין פרנסה־געבעריך. טפו! ער שפייט אויס און וואַרפט זיך מיט רוגזה:

— אַ וועלט, צו מיינע שונאימס קעפּ!

די וועלטן קענען זיך נישט און די אַנדערשקייט וויינט צום הימל, אַלץ מיט אַ הויך פון אַ שמייכל — כאָטש בראַנזוויל איז אויך מוראַוואַנקע, אָבער די נענדזע פאַרמאָגט דאָרט דאָס רחבות פון אַלע פּאַראייניקטע שטאַטן און דער אָרעמאַן האָט מיטגעבראַכט פאַרדאַרטע העזה, אַ זייגער און פּאַפּירענע מאַנקעטן. דאָס אַלץ האָט בערקאָוויטש געזען מיט בעלעט־ריסטישער אַקוראַטקייט, וואָס איז אָפּגעהיטן, מיט דער הייליקייט פון דלות, אין דער כאַראַקטעריזירונג פון מענטש און מיליע: אין שטעטל מיט מענטשן־בראָכוואַרג אין די בלאָטעס, אין שטעטלדיקן כרך, וווהין מען פאָרט, אָפּגענאַרט וועָרן פון די גליקן — און אין דער גוייִשער גאַס, וואָס איז אויך שטעטל, עטלעכע שפּאַן פון מרחץ און פון בית־הקברות, און פאָרט אַן אַנדער קאָנטינענט.

קיינער, דאַכט זיך, האָט נישט געשילדערט די אָפּגרונטיקע שינאה צווישןביידע דורות, ביידע יידישע וועלטן, ווי י. ד. בערקאָוויטש אין זיין דערציילונג „מאָשקעלע חזיר", וואָס איז אַרויס אויך ווי אַ פּיעסע. דאָס ייִנגל האָט פיינט שינאת־מוות דעם טאַטן און דעם עלטערן ברודער יאָסל און עס ציט אים דאָס גאַנצע לעבן צו דער גוייִשער גאַס, צו דער אַנדערער וועלט. עפּעס וועט ער דאָרט אָפּטאָן צו להכעיס, אַז מ'וועט אים האָבן צו געדענקען, דער טאַטע און אַלע יידן. דעם טאַטן האָט ער פיינט, ווייל ער שמייסט אים מיטן פּאַסיק אויפן נאַקעטן לייב, אַז ער גייט נישט אין חדר, אָדער וויל נישט דאַוונען. אַ טאַטע אַזאַ — און ביי דעם עלטערן ברור־דער שטויסט אים אָפּ, וואָס ער איז אַ יידעלע, גוט און פרום, האָט אַ רוח־ניותדיקן קדושה־פּנימל, מאַכט זיך געפּגרט, אַז דער טאַטע, דער אַכזר, גנאָטעוועט די מאַמע, און קוקט דערביי אַריין, ווי אַ צדיקל, אין אַ ספר. צעקאָכט זיך אין דעם ייִנגל די ערב־גוייִשע רציחה — רציחה, געמישט מיט רחמנות אויף דער מאַמען — ביז ער שמדט זיך און נעמט פאַר אַ ווייב

דעם חזירניקס טאָכטער: אַזאַ ברען אין אַזאַ מיזערנער אָפּגעזשיפּעטער לעבנס־חשכות...

אפשר צו פיל „מעשה", צו בולטע קאָלירן — אפשר. אָבער איך האָב איצט נישט בדעה, צו אַנאַליזירן בערקאָוויטשעס ווערק. מיין כוונה איז, צום יובל־השמונים מאַכן אַ ברכה איבער זיין שאַפערישער גערעטעניש אין דער בעלעטריסטיק אויף יידיש און העברעיש. ער איז איינער פון אונדזערע לעצטע מאָהיקאַנערס פון צוויי־שפּראַכיקייט, ווי מענדעלע, ביאַליק, שטי־ אור — איןביידע שפּראַכן איז אויך די איבערזעצונג: אָריגינאַל.

דוד פּינסקי

אַ שמאָל בינטל, צונויפגעוויקלט אין אַ ליילעך, ליגט אויף דער ערד אין דער אַמאַליקער דירה פון דוד פּינסקי אויפן כרמל אין חיפה. דאָס בינטל זעט אויס שמעלער, איך וואָלט געזאָגט: יינגלישער, ווי מ׳האָט געקאָנט דער־וואַרטן פון דוד פּינסקיס עקשנותדיקער לעבעדיקייט, וואָס האָט זיך די לעצטע יאָרן געראַנגלט מיטן סוף און האָט אים אַלץ געטריבן פון זיך. צוקאָפּנס פּלעמלען זיך נשמה־ליכט אין זילבערנע לייכטער און די גאַנצע שטוב איז פול מיט שטומער ווייסקייט, וואָס שטעכט אין די אויגן.

די ברייטע, באַגרינטע מוריה־גאַס אויפן כרמל איז ביז נישט לאַנג גע־ווען אַ לעבעדיקער אַדרעס פון דער יידישער ליטעראַטור — אויב מען וויל: אַ מין גלגול צעגליאַנע־גאַס פון י. ל. פּרצס צייטן, אַן דעם ראָמאַנטישן בין־השמשות, וואָס האָט געציטערט איבער יענעם הויז פון דער יידישער לי־טעראַטור. איצט איז ליידיק די דירה און דער אַדרעס אויסגעמעקט.

אַרום דעם בינטל עלנט אין פּאַרוויקלטן ליילעך קאַרטשען זיך עטלעכע עלטערע שרייבערס, העברעישע, יידישע, מידע, געבויגענע, וואָס טראָגן אויף זיך אַליין אַ לאַסט מיט יאָרן נאָך פון פּינסקיס תקופה און זענען בכלל שוין געוווינט, אַז מען ווערט ניפטר. מיט זיי אין איינעם שטייען עטלעכע מנינים עסקנים פון דער אַרבעטערשאַפט, אַ פּאָר אָפיציעלע מענטשן, אינטעליגענטן, סתם יידן.

אין דוד פּינסקיס געשטאַלט זענען געווען צונויפגעקנוילט דער צאַפּלדי־

קער היינט מיט נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פּראָבלעמען פון גלות און ישראל, וואָס האָבן זיך געריסן, באַקומען פאָרעם אין שרייבן, — אָבער שאַרפער פון אַלץ האָט זיך אין דוד פּינסקין געריסן צום אויסדרוק די יידישע גאַס פון סוף פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, דער בלאַס פאַרשווומענער דור פון דעספּאָטישע בעלי בתים און „פאַרשעמטע מענטשן”, פון דערשלאָגענע אלמנות און יתו־מים, דער דור פון אָנהייב פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמאָ־ליקן רוסלאַנד, דור פון קרבנות און סענטימענטאַלע לידער, פּאָגראָמען און זעלבשוץ, טונקעלער ווענזוכעניש און פּאַטעטישע מאָנאָלאָגן: אייזיק שעפּטל, יעקל דער שמיד, פאַמיליע צבי.

דאָס איז געווען דער דור פון תמימותדיקע מאַרטירערס, וואָס האָבן זיך געגרייט קעמפן פאַר אַ נייער וועלט מיט אומבאַהאָלפענע מיטלען. זיי האָבן זיך געמאַטערט מיט אידעען, נישט אויסקריסטאַליזירטע. זיי האָבן אויסגע־חלומט זייערע בלייכע לעבנס אין אַן אויסגעבענקטער וועלט פון יושר און ברידערלעכקייט, וואָס האָט אָפּגעקלונגען מיט די ריינסטע כוונות אין פּינס־קיס פּיעסן און דערציילונגען, אין זיינע ראָמאַנען און אין זיין געזעלשאַפט־לעכער פּובליציסטיק.

דוד פּינסקי איז געווען שרייבער, אַ ראָמאַנטיקער צווישן דער יידישער יוגנט אין צאַריסטישן רוסלאַנד — און ער איז ביז צום סוף פון זיין לאַנגן לעבן געבליבן געטריי זיך אַליין און זיין נאַציאָנאַל־סאָציאַלן אני־מאמין. ער האָט אייגנטלעך קיין מאָל נישט געבלאָנדזשעט — כאָטש בלאָנדזשען האָט געהערט צום סטיל פון דער תקופה — און ער איז אויך אין דער ליטעראַטור געגאַנגען אויף אַ גלייכן וועג.

ער איז אַרויסגעטראָטן בערך אין איין צייט מיט י. ל. פּרץ — אָבער זיי זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אויף פאַרשידענע דרכים, כאָטש אין תוך זע־נען אויך אין פּינסקיס העלדן פאַראַנען עלעמענטן פון „שבת־יום־טובדיקע יידן”: זיי האָבן ביי פּינסקין אַ פּראָלעטאַרישן אונטערשלאַק און זייער נשמה יתירה איז אַ וואָכעדיקע.

ער איז געווען, דער עיקר, אַ הומאַניסטישער וועלט־פאַרבעסערער, וואָס די רויקייט פון דער וועלט האָט אים ווי געטאָן.

דוד פּינסקי האָט געגאַסן פון אַ סך דרך־ארץ אין דער יידישער גאַס. אַמאָל אין רוסלאַנד, שפּעטער אין אַמעריקע, אין די לעצטע יאָרן אין ישראל. ער איז געווען אַ מין „זיידע” אין דער יידישער גאַס און אַלע האָבן אים אָנט־קעגנגעטראָגן האַרציקע סענטימענטן, ליטעראַטן און סתם יידן: יידן האָבן אַ שוואַכקייט צו זיידעס, וואָס טראָגן קרוינען פון ראשונים — און אין דער ליטעראַטור איז מען אַפילו גרייט אַ מאָל, אָפּצולאָזן אַ ביסל פון שטרענגע קריטישע פּרינציפּן, ווען עס רעדט זיך וועגן ערשטע.

דוד פּינסקי האָט זיך באַצויגן מיט אַ מין פּאַטריאַרכאַלישער ליבשאַפט צו דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע איז געווען זיין גייסטיקע היים. ער האָט ליב געהאַט זיך צו חברן מיט יונגע יידישע שרייבערס, און ער האָט זיי מיטן גאַנצן האַרצן אָוועקגעגעבן זיין איידעלע וואַרעמקייט, נישט מאַכנדיק דערביי דעם אָנשטעל פון אַפּוטרופּסים, וואָס „באַשיצן” צו מאָל פון אויבן אַראָפּ.

די לעצטע דריי יאָר פאַר זיין טויט איז דוד פּינסקי געווען כמעט אָפּגע־שיידט פון די לעבעדיקע און זיין באַוווּסטזיין על־פּי־רוב אַרומגענומען מיט אַ געדיכטן נעפּל. ער איז געווען צוגעשמידט צום בעט און זיין וואָרט, בכתב און בעל־פּה, איז געוואָרן שטום. נאָר גאָר זעלטן, אַ מאָל אין חדשים, פלעגט דער גייסט זיך דורכרייסן דורך די קייטן פון פאַרקלעמטן גוף.

דעמאָלט אין אַ זעלטענעם ליכטיקן אויגנבליק, פלעגט ער זיך אַרומקוקן, דערזען אַ פריינד, אַ שטוב־מענטש, וואָס ציטערן מיט געטריישאַפט פאַר יעדן שוואַכן אָטעם זיינעם, פלעגט ער אַרויסברענגען אַ קראַנקן שמייכל פון ווייט־ווייט און אַ מאָל אַ שווער וואָרט פון ערגעץ, וואָס האָט שוין קנאַפּ צו טאָן מיט דעם לעבן פון אַרום — ביז דער בליק האָט זיך אויסגעלאָשן אין גאַנצן און דוד פּינסקי האָט אויסגעהויכט זיין נשמה.

אותות ומופתים

אַברהם סוצקעווערס „פירקאַנטיקע אותיות און מופתים״: אַ האַרבער וואָרטשפּיליקער נאָמען פון אַ שווער בוך, וואָס לייענט זיך באַלד „נאָך אַ מאָל״, ביים ערשטן אַריינקוק — ביז דער „פייערשפּיגל״ צעהעלט זיינע טונקלענישן. סוצקעווערס וואָרט גראָבט זיך דיכטעריש דורך לירישער טרוים־טראַכטעניש, רעפלעקס און סקולפּטורישער זעונג — רייסט זיך דורך דער טראַפּישער קראָפּעווע פון דער וועלטס סיבירישער וועגעטאַציע, דורך דעם בראַכוואַרג פון חורבות, וואָס זיינע שערבלעך זעען אויס ווי מאָזאַיִק פון דער צייטס ווונדן. איך עפן די קוואַדראַטישע בלעטער פון די „פּירקאַנטיקע אותיות און מופתים״ ווי מען וואָלט אויפגעהויבן טאָוולען צום העלטונקל פון סוצקעווערס אַ צייטיק געוואָרענעם נייעם „וואַלדיקס״, וואָס בילדערט זיך, אויף דער זייט פון דער פונאַנדערגעשפּילטער לידער־וועלט, מיט וויזיע און ניגון, מיט צעריסענע רויך־פענער פון חלומות, מיט פאַרשטיקטן רעוואָלט און אַ מורמל ווידוי — עלעהיי דעמאָלט, פּרילינג, ביי זיין ערשטן פּאָעטישן אַרויספאָר: דאָס אייגענע, אָבער טיף אַנדערש. אַזוי זינגט מסתמא דער טייך, ווען ער „גייט אַרויס פון די ברעגעס״ און עס צעגיסט זיך אַ פולער פרילינג וועלט־פאַרצווייפלונג:

„נאָר געוועזן בין איך איינס אויף אַן אמת מקנא:
ס'איז געשווומען, ווי אונטערגעשאָסן, אַ פּיאַנע,
און אויף איר האָט געכליפּעט שאָפּען, ווי אַ רעגן,
ווען דער טייך איז אַרויס פון די ברעגן!
— — —

יאָרן שפּעטער באַנומען דעם סוד, אַז די פּיאַנע פון שקיעה,
מיטן שוואַרצן געבויגענעם פליגל באַגלייט פון אַ קריע,
איז געווען גאָר אַן אָרון, מיין גורל אַנטקעגן —

איך אַליין בין שוין דעמאָלט אין אָרון געלעגן,
ווען דער טייך איז אַרויס פון די ברעגן״.

אַ דיכטער, זאָגט קאַרל קראַוס, שרייבט אַלע מאָל, גלייך ס׳איז דאָס ערשטע מאָל און ער מוז „אויסנעמען״, און גלייך ס׳איז דאָס לעצטע מאָל, ווען מ׳גיט אָפּ חשבון. קומט מען צוריק צום צעשפּליטערטן אָנהייב און מען גייט דורך נאָך אַ מאָל די „גיהנום־גאַס פון זכרון״: אַלע פּתרונות ווערן ווידער חלום, זוכן פון ס׳נייי באַשייד. דאָס איז אייביקע באַוועגונג.

„פּירקאַנטיקע אותיות און מופתים״: אַלע אותיות זיינע מופתים אין דער מיסטעריע פון וואָרטיקן וועלטבאַשאַף. צו מאָל דאַכט זיך, אין דער גראַפיש־שטרענגער אָפּגעהיטנקייט פון סוצקעווערס נייעם בוך לידער שפּיצן זיך די אותיות אַלט־ווילעריש, דיק, ווי אויסגעציטערט אויף יריעות מיט דער האַנט פון אַ סופר סת״ם — און ס׳איז בלויז אַ חידוש, וואָס די תּגין, וואָס דאַרפן זיך פּרום אַ קריינדל טאָן איבער די שורות, האָבן נישט באַוויליקט, זיך אָוועקצושטעלן. און אפשר זענען די אותיות אומזעבאַר איינגעקריצט אין שטיין, וואָס דער דיכטער קייקלט אין דער וועלט אויף דעם אַלטן סיזיפוס מיטישן שטייגער. קאָן אַ מאָל זיין, די שטיינער האָבן זיך ערגעץ אויבן פאַרפּלאָנטערט מיט מעטעאָרן און מען קייקלט דאָ קאַלטע בליצן. די ספערן, ווייסן מיר, זענען היפש צעמישט. און ווייל איך ווייס, אַז ווייל איז דעם, וואָס האָט תמיד מורא, אייל איך זיך דעריבער נישט, אַ טראַכט צו טאָן, אַז די שטיינער זענען מחויב צו זיין שטיקלעך שני־בשלישים מיט אונדזער אַלטער לוחותדיקער משפּחה, וואָס איר שווערקייט האָט אונדז געגעבן די וועלט צו זען און צו ליידן, יעדער דיכטער טראָגט זיינע לוחות און יעדער צעברעכט זיי פּערזענלעך, מיט אייגענע כוחות: ווער וועט דאָ גיין פאַר אים האַרעווען?

„קייקלען שטיינער, אָט איז מיין עבודה
איינעם און אַ צווייטן און אַ ניינטן...
געבן זיי אַ טרייסל און אַ הוידע,
שטיינער איינגעוואָקסענע
אין מיינע ווילדע הײנטן.‟

דאָס זענען שורות פון פּאָעטישן וואַרשטאַט — כאָטש די „ווילדע היינטן‟, מיין איך, וואָס זענען ביי סוצקעווערן אָפּט דער ברענפּונקט פון זיין דיכטערישער איבערלעבונג, האָבן פאַרדינט אַ גראַם אַ געבוירענעם, אַ לעגיטימען, נישט עפּעס איינעם אַ „ניַינטן‟, וואָס דער צופאַל האָט אָנ־געיאָגט: הובליענקע צווישן געפאַקטע פלעשער וויין. גיט ער, אומבאַהאָלפן, אַ גראַם־אָפּ זיין חלק — און שוין איז ער אויס די „ווילדע היינטן‟. אין סוצקעווערס דיכטערישער שפּראַך־וועלט — קונסט, וואָס איז אַליין אַ שטיק נאַטור — ווו דאָס וואָרט וואַקסט און ווו יעדער היינט איז טיף געמיינט, טאָר זיך נישט אַריינשטופּן אַ געמוטשעטער גראַם, וואָס שמעקט מיט טעם לפּגם. ווען איך האָלט ביים צוזאַמענשטעלן מיינס אַן אינטימע מיניאַטור־אַנטאָלאָגיע פון סוצקעווערס לידער, פאַר מיין אייגענער הנאה וועגן, וואָלט איך מסתמא אויסגעקליבן אויסצומיידן אויך די ווירטואָזעריי מיט „זוזע דעם אַפּטייקער‟, כאָטש יענעמס מיידל פאַרשמעקט דאָס ליד מיט וויַיניקן עפּלסאַד — אָבער וואָס טויג מיר די קונדייסישע אַרטיסטיק פון איינער אַ צעשאָקלטער שורה, וואָס מאַכט עלטערע חנדלעך און שטעלט זיך פּלוּ־צים אויס ווערטיקאַל: אַלץ צוליב דעם יצר־הרע פון דיסאָנאַנס? אָבער דאָס דרך אַגב.

איך לייען און לייען די „פּירקאָנטיקע אותיות און מופתים‟, שטעל זיך אָפּ מיט כוונה און האָרך זיך איין אין דער געפּרעסטער שטילקייט, וואָס טייל שורות זינגען אויס אַרום זיך. „אַ מאָל‟ — זאָגט דער דיכטער — „לאָז איך איבער אַ ליידיקע שורה, אַ פּלעק — אַ זכר לגעטאָ‟. פלאַמט דער פּלעק מיט דעם גרוי פון אונדזער דורס אַש, וואָס שימערט מיט הייסן גליי־מער אין סוצקעווערס דיכטונג. איך מיש ווייטער די בלעטער, חזר איבער

אַ ליד, קוק אַריין אין דיגע וויבראַציעס פון שורות, וואָס ציגדן זיך, צאַנקען, צעפלאַטערן זייער ליכט. אַזוי פלעגט דער זיידע „אַריינקוקן" אין דער יום־טובדיקער האַרבקייט פון ברייטן מחזור, אויג אויף אויג מיט דעם פאַר־הוילענעם כביכול — און זיין פאַרזונקענער געדאַנקענבליק האָט אַרויס־געשעפּט פון ווייכע זילבערנע תפילה־נעפּלען עילם ומלואו. אפשר דאַרף מען אַזוי „אַריינקוקן" אין לידער:

„כ׳וויל זיין דיין לייענער, כ׳וויל זיין דיין איינציקער פאַרשטייער.
אַזוי פאַרשטייט אַ וואָלף אַ טויטן וואָיע
פון וועלפיכע, וואָס קויל האָט זי געטראָפן הינטער שלייער
פאַרנאַכטיקן פון שניי, אין מיטן וואָרעמער הנאה."

דאָס זענען סוצקעווערס מעדיטאַציעס וועגן „לייענען, שרייבן" — און מיר דאַכט זיך, אַזאַ אָרגאַנישע גראַם־גאָענטקייט, וואָס איז פאַרפלאַכטן צווישן דעם פּאָרל „וואָיע־הנאה", קאָן פאַרטראַכטן נאָר די נאַטור אַליין, אַז זי צעזינגט זיך. און ס׳איז אַלץ דער אייגענער שאַרפער וואָלף, וואָס טרעט נישט אָפּ פון אַברהם סוצקעווערס דיכטערישער טרוים־וועלט, זייט יענער האָט, מעשה אַנימאַלישער בן־בית, אַריינגעקוקט היימישלעך דורכן פראָסטיקן שייבל אין דעם דיכטערס סיבירער קינדערטעג: קוקט און קוקט. און איך זע נישט אַרום און אַרום, וואָס אַ שטייגער קאָנען מיר אַנדערש טאָן מיט דעם וואָלף, אַחוץ דערזען אין זיין אָפּבילד די וועלט, וואָס איז אונדז באַשערט?

„אַ וואָלף מיט צאַנקענדיקער צונג פאַרפעטליעט זיין געוואָי
אויף זיך אַליין פון עלנט. נאָר זיין פערלדיקע פּאָרע
צעשמעלצט דעם שניי. דער פרילינג עפנט אויגן ערדיש בלוי:
געלויבט זאָל זיין די מאָלערישע מראה —"

דאָס איז אַ תפילה פון סוצקעווערס פּאָעטישער פּאַליטרע, אויף וועלכער עס זינגען בגילופין אַלע קלאַנגען און אַלע נאָך אַלץ „ניט אויסגענוצטע

פאַרבן״ פון זיין קאַליריקער ליריק. אַוודאי איז אַ טרייסט, וואָס דעם וואָלפּס געוואָי מאַכט אַ מאָל אַ הפסקה און גראַמט זיך פרילינגדיק מיט בלוי — און צו פּירקאַנטיקע שטיינער פון דעם „פּירקאַנטיקן טויער״, וואָס עס האָבן זיי „ליפּן געטעסעט״, לאַשטשעט זיך פון אויבן: חסד. אין דעם אַלעמען באַווייזט זיך גאָט, דער פאַרהוילענער: זיינס אַ קאַפּריז.

אין דעם בוך „פּירקאַנטיקע אותיות און מופתים״ האָבן זיך צונויפגעקליבן אַלע עלעמענטן פון סוצקעווערס דיכטונג, כדי צו זיין אין איינעם אין אַ וועלט, וואָס צעפּאַלט זיך. אין איין הרף־עין צעשפּילט זיך די פולע האַרמאָניע פון אָרקעסטער, וואָס האַלט איין דעם אָטעם — אָבער איינער אַ פידל טוט אפשר נאָך דעם לעצטן צאַפּל פון אַ גרימפּל: נאָך אַ טראָפּן גלאַנץ. עס שמעקט פון סוצקעווערס נייע לידער מיט אַראָמאַט פון לייטערונג אין דער השתפכות, מיט אַ צעבראָכענעם בלייכן שמייכל, וועלט־איבערבעטונג און מיט אַ געוויסן שווערמוט־שפּיל פון גאַנג צום סך־הכל — אַ מין אונטערצי, וואָס ציט זיך אַרויף צו נייעם שאַפערישן קאַיאַר.

געזאַנגען אין שייער

„...כ'האָב דאָס אַלץ מיטגענומען אויף מיין ווייטן וועג...״ — דאָס איז די פּתיחה צו אריה שמריס פּאָעמע „פונקען פון תיקון״ — צונויפגעקליבענע פונקען פון זיין „וואָכיקן ליכט״. ס'איז האַרבסט, אַז עס זינגט דער שייער מיט געפּרעסטער, אָפּגעקילטער זוניקייט פון אריה שמריס אַראָמאַטישער דיכטערשפּראַך. עס זינגט דאָס גערעטעניש מיט אוצרות צעשפּילטע פאַרבן פון בילד און געדאַנק, וואָס דער פּאָעט טראָגט אין זיך, אַז ער גייט „אויף זיין ווייטן וועג״. האָט זיך טאַקע אריה שמריס בוך „געזאַנגען אין שייער״ היפּש פונאַנדערגעוואַקסן מיט וועלטשטימונג, מיט גאַטנאָענטקייט, מיט סובטילע ספקות, מיט געשטאַלטן און לאַנדשאַפטן, מיט ניגון און חשבון, אַזוי ווי די קוואַדראַטיש געבונדענע שלוש־רגלים־מחזורים פון אונדזערע טאַטעס, דורכגעדאַוונטע ביזן גרונט, באַצירטע מיט גאָלדפלעקן פון פאַרגאָסענעם קידוש־וויַין און מיט זילבערנע טרער־געמעלן פון תפילות, וואָס טריקענען מיט אַ קאָלירן־געמיש פון פרייד און שטילע יומטובדיקע ציטערנישן, אַז מען טרעפט זיך מיט כביכולן פנים אל פנים.

די פּאָעמע „די פונקען פון תיקון״ שטייט אין מיטן שמריס „געזאַנגען אין שייער״. ס'איז אַ ביימערדיקע וועלט, וואָס שמעקט מיט געפּרעסטן וואַרעמען האַרבסט־טונקל, מיט געקעלטערטער וויַניקער שאַרפקייט, צווישן טערפּקע בלעטער און רעיונות. ס'איז דעם זיידנס אַ וועלט צווישן פייגל און ברונימער. די פייגל זוכן דעם הימל, אים צו באַזינגען און אויסצופיקן, און די ברורנימער, אַחוץ וואָס זיי שמעקן מיט נאַסן ערד־זשאַווער, סימבאָליזירן זיי

טיפקייט פון חכמה. מישן זיך שטערן מיט שטויבן און עס שורשעט אַ פּאַר־ביקער געזעמל מיט געפלי און געפלאַטער, אין שייערס קילער טיף — רק מען וואַקסט און מען שוויגט, הויך אַרויף.

די „פּתיחה" איז דער טויער פון די „תיקונים" און „ייחודים", דעם זיידנס לערנערישע חצות־זאָגעכץ, מיטן קינדל צווישן דאַרע, ברייקע פינ־גער. ס'איז דער גאַנג פון די פאַרהוילענע ל"ו. האָט זיך לייזער ציפּרעס אָפּגעטיילט פון דער חברותא פון ל"ה און אַליין האָט ער זיך געלאָזט גיין „מקבל שבת זיין די גרויע וואָכן": לכה דודי מיט מאַזאַליעס. אויף דעם דאַזיקן וועג האָט „ער דאָס אַלץ מיטגענומען" — האָט ער שוין מיטגענומען אויך די פייערן פון טאַטנס פאַרלאָזענעם הויז, וואָס ברענט אין נעפּל:

„מיין טאַטנס הויז ברענט אין נעפל,
ווי רויטער גלאָז,
דורכזיכטיק און וווּנדיק ליכטיק,
און אַלץ אַרום — איז רו,
און אַלץ איז דאָרטן צו
מיט שלעסער שווער־געוויכטיק.
קיינער נישט אַריין און קיינער נישט אַרויס
אין טאַטנס הויז
און עס פירן נישט אַהין קיין וועגן.
שוואַרצע פייגל פליען
און שווערע כמאַרעס ציען
אָן אַ רעגן.
נאָר איינע דאָרט, אַ טויב —
זי פליט פון שויב צו שויב
און קלאַפּט מיט ווייסע פליגל
— — —
און דאָרט, אויף דער שויב,
ווו עס שפיגלט זיך די טויטע שטאָט,
טריפט די גרויסע טרער פון יתום — גאָט".

אויף דעם יתום האָב איך זיך שטענדיק געריכט. איך האָב געפילט ער איז דאָ, ער איז אַליין — און איך האָב פאַרשטאַנען, ער איז מחויב, צו באַ־האַלטן זיך ערגעץ אין שכנות פון דער טויטער שטאָט, וווּ מ'האָט אָנגעגרייט חורבות פאַר אַלעמען און דער אויבנאָן — פאַר גאָט אַליין.

די „געזאַנגען אין שייער" זענען אריה שמריס וואַנדערליד פון למד־וואָווישן נע־ונד, באַרג־אַרויף צווישן גרודעס, מחשבות און אָפּגעריסענע שטיקער הימל, שברי־כלי פון באַשאַף, נישט פאַרענדיקטן, וואָס וווּנדיקט און גאַרט צו באַהעפטונג. דער וועג איז ווייט — ווער ווייס ווו ער ענדיקט זיך? די האַרטע טריט האַקן פונקען פון שטיין, פונקען פיין און פרייד, צע־שאָטענע אויף פאַרשנייטע פעלדער: וווהין גייט דער וועג? ווער פירט? דאָס איז דער תמצית פון שמריס חשבון. ער זינגט זיך איבער אַלע געזאַנגען זיינע, זאַגעריש, פרעגעריש, מיט אַ פאַרנאַכטיקן ניגון.

ס'איז גאַנץ שמרי: דער וועגזוכער, דער מאַמין, דער מורד, גלגול פון „צדיק און וואַסערטרעגער", קאַלושין, די וועלט און דאָס קיבוצישע דאָרף, דער בוים אין פעלד, דער שמיד אין קוזשניע, דער האַמער, וואָס הייבט זיך צו די פונקען און דערלאַנגט פליענדיקע „ניצוצות", יענע צעשפּילן זיך אַזש אַרום דעם ווייטן „יינגל פון דיזשאַן", וואָס איז דאָ אַן אייגענער, פאַרהוי־לענער. אויך ער זוכט אויף זיין שטייגער דעם דרך פון תיקון:

„גיי, זוך זיך אַליין.
דיין ליכט
צינד אָן און היט עס ביז באַגינען.
האַלט די צען פינגער אויפן פלאַם
און מאָרגן וועסטו אַלץ געפינען".

די פינגער אויפן פלאַם האָבן מיר באַגעגנט, בעת דער זיידע האָט זיי צו חצות אָפּגעבריט איבערן קינדל.

משה גראַס־צימערמאַן

„גיי דורך מענטשנהייזער
און דורך זיך אַליין
און לערן,
אַז די פרייד, די וואָלוועלע,
איז איבעריק״.

איז דאָס נישט ווינציקער ווי תורה כולה:

„גיי דורך מענטשנהייזער
און צו דיר אַליין עפן אויף די טיר.״

ווייכער תרגום־לשונדיקער לערנשמועס. קוואַלט פסוק פון פסוק און עס נעמט זיך אַרום ליריק מיט איינגעקנייטשטער לעבנס־חכמה פון זומערדיקן פּרק. זקנים גלעטן די תלמידימס לויטערע רייד און זיי לאַשטשען זיך, וואָרט צו וואָרט, בלשון זוהר: „פוק חזי״ — גיי, גיב אַ קוק... און ווידער: גיי און לערן... הייב אָן ביי דיר אַליין... דור־דו... טאַקע דו...

דורות קייטלען זיך. לויכטן אין איינעם: תפילות מיט טענות, דאָס זומער־דיקע בנעימות און דער ירגזון פון שויבערדיקן האַרבסט, דאָס פּאַנאָראַמישע געפינקל פון די גילדענע פּאַרנאַכטן אויף דאָרפישע שויבן, די ווייסע שבתים און די ביטערניש פון די אינדערוואָכנס — דאָס אַלץ בילדערט זיך אין אריה שמריס שירים־שייער. עס איז דאָס דיכטערישע מחשבה־שפּיל, וואָס שימע־רירט אין וואָרעמען שקיעה־גלאַנץ פון שמריס הימלען, זיי שמעקן אַלע מיט דער פייערלעכקייט פון קבלת־שבת און מיט די רזין דרזין פון צפת:

„איך קען דיך, צפת.
וואַקסט אַריין מיט דיינע הימלען
אין אַ פאַרשנייקטער גאַס,
ערגעץ ווייט, צווישן דעכער פון שינדלען.
כ׳האָב נאָך דיינע זמירות געהערט

וועט מען האָט מיך געוויקלט איןווינדלען.
צו דיר האָט מיין זיידע געזונגען
פאַר נאַכט, ביי צעפינקלטע שויבן,
און איך קען דיינע שטערן,
און איך קען דיינע טויבן".

טויבן האָבן ליב קבלה און ברונימער, זיי וואָרקען גאָר אַנדערש, אַז זיי דערשמעקן אונטער די הימלען די ווייכע סאַמעטענע מאַך־דעכער פון צפת און זיי דערפילן פון דער נאָענט דעם איילבערט פון אר"י הקדוש.

און דאָס איז דעם דיכטערס געזעגן־געזאַנג — „דאַנק צו דער ערד": ער בייגט זיך צו איר, אַז עס האַלט ביים חשבון פון ענדיקן דעם „ווייטן וועג". די אַרבעט איז אָפּגעטאָן און עס זאָגן זיך „לעצטע רייד", אַרויסגעבראַכט פאַר אַ פאַרנאַכטיקן שעפּסעלע, וואָס איז געבליבן אַליין אין פעלד — לעצטע רייד, וואָס מעגן געזאָגט ווערן אַלע מאָל ביים סאַמע אָנהייב:

„כ'וועל לאָזן דעם אַקער ביים סוף פון דער בייט,
אַ גלעט טאָן דעם פערד אויף דער וואַרעמער גריווע,
מיט אַ שעפּסעלע רעדן מיינע לעצטע רייד
און ס'וועט הערן דאָס פעלד, די גאַנצע סביבה.
— — —

אַ לויב די פינגער, אַ דאַנק צו דער האַנט
וואָס וועט מיך באַדעקן מיט זאַנגיקע גאַרבן.
אויך מיך בינד ווי זיי אַרום מיט אַ באַנד,
און לאָז מיך אַזוי — גרינען אין שטאַרבן.

אַ לויב די פעלדער, אַ דאַנק צו דער ערד
וואָס עפנט מיט רחמים די וואַרעמע דנאָען.

משה גראָס־צימערמאַן

אַ לויב צו דעם האַרץ, וואָס אין טרויער הערט
ווי פייגל אין וועלדער די פידעלעך סטראַיען״.

הייבט זיך אַלץ נאָך אַ מאָל אָן פון סאַמע אָנהייב און שפּילט זיך פון ס׳ניי אַריין אין וואַרעמען כישוף־שטראָם פון פאַרבן און טענער — נאָך דעם איינגעשטילטן „נאָך אַלעמען״, וואָס וואַרפט זיינע פאַרנאַכטיקע שאָטנס אויפן שייער און דעקט איין זיינע געזאַנגען.

יעקב פרידמאַנס „ליבשאַפט"

אַ רעמל בורשטינענע שטילקייט נעמט אַרום יעקב פרידמאַנס פאַר־חידושטע פּנים. אַזוי זענען די פּאָעטן: באַשאָנקען מיט דעם חסד צו בלייבן אַלע מאָל פאַרחידושט, אין סאַמע מיטן פון דעם וועלט־וויסן וואָס ווייטיקט אין זיי. דער בליק איז דאַרשטיק, די „אַפּלען פול מיט וווּנדערלעכן זען", מסתמא איבערגעשראָקן פון דעם לעבנס בליציקער פּלוצימדיקייט, פון דער אַלצאַינאַיינעמדיקייט פון אַלע „דאָען און דאָרטנס", פון די „פריערס און שפּעטערס", פון די „טומאַנען איינגעוויקלט אין טומאַנען" — פאַרהוילענע ש"י עולמות, וואָס זייערע קאָליריקע שאָטנס ראַנגלען זיך אַריין אין פריד־מאַנס לויטערער לידערוועלט. זיינע צעזונגענע זעונגען רעזאָנירן, בילדערן זיך מיט פרומער פאַרשייטקייט, מיט לעסטער, גלויבן, רעוואָלט, מיט העזה, וואָס בייגט זיך פון הכנעה, מיט דער קאַפּריזנער איינגעשפּאַרטקייט פון הייליקן זיידנס צעפּיעשטשעטן אייניקל, אַ נפשל אין בלויען סאַמעט, אפשר „גאָטס ציגעלע", וואָס רייסט זיך אַ שפּיל טאָן דווקא מיט דעם פריצס שווערן קודלאָטן הונט, דעם הונט פון דער וועלט. דאָס איז די אַפּאָקאַליפּטישע חיה, די פינצטערניש, וואָס סאַפּעט אַריין אין אונדזער לעבנס־נאַכט, שטרעקט שרעקיקע לאַפּעס און פייערט מיט רויטע אויגן.

„און פּלוצים לויפט דורך אַ ליד,
ווי אַ לעבעדיקע באַן,
און אין אירע אויגנדיקע פענצטער

טוען זיך באַגעגענען
בערג און טאָלן, שטעט און לענדער,
כאַטעס פון שטרוי און וואָלקנקריכערס,
מלכים מיט קרוינען און הייליקע אין ווייסע געוואַנדער,
גאוודיקע קלויסטערס און דערשראָקענע קלויזן.״

יעקב פרידמאַנס ליריק — בעל־שמסקער „ניגון, וואָס ניגונט אַריין זיך אין ניגון״ — הייבט זיך אויף צום של־מעלה פון „קאַסעוו און קיטעוו, צפת און ירושלים״, געבערג פון דער „גזע״. דאָס איז דער גאַליציאַנער קאַרפּאַ־טישער קאַנט, אָנגעהויכט מיט ווייכע נעפּלען פון בלויען ציטעריקן זילבער, פאַרטראַכט אויף אַזויצוזאָגן „פון נאַטור אויס״. די דאָזיקע לאַנדשאַפט בעט זיך, אַ ליריקער זאָל אין איר געבוירן ווערן — בפרט אַז מ׳איז „יאַנקעניו דעם מילניצערס און עפּעס מער פון דעם״: דימינוטיוו פון גדלות, וואָס לייגט זיך צונויף גאַנץ ווינציק, נאָך קלענער, פאַרנעמט אַ פּיצל אָרט — איינער אַ זינגערל ביי כביכולן. דאָס איז בעל־שמסקער שטייגער און בעל־שמסקע לאַנדשאַפט אין אָריגינאַל — „נישט קיין וואַלד, אַ פאַרטייעטער זמר״ פון באַשאַפס אָפּגעציטערטן קאַיאַר, קוים אַרויס פון קדמונס רעיון. זי איז געוווינט צו התגלות, די לאַנדשאַפט. זי אַנטפּלעקט זיך צום דיכ־טער פאַר זיינעטוועגן פערזענלעך, מיט אַלע באַהאַלטענע אינטימיטעטן — אַ שטייגער ווי דעם פאַכטערס מויד, אַ שטיק נאַטור פאַר זיך, וואָס אירע באָרוועסע ליטקעס לויכטן צווישן דיביימער פון רבישן גאָרטן און זי „לאַכט און בייסט אַ רויטן ווינטערעפּל מיט פאַרשנייטע ציין״.

„שפּעטער האָב איך אַלע ריחות פון שניי אין מיין ליד אַריינגעקנאָטן.
וואָרהאַפטיק, אַ בשמים־הדסל איז מיין ליד געוואָרן עס באַהאַלט
אַלע טערפּקע ריחות פון אַמאָלן.
איך געדענק: מיט שאַפענע פעלצן און מיט קוטשמעס ווילדע, ווי הוצולן,
פליען דאָרפס־יידן אויף שליטנס צום ווינטערדיקן וואַלד,
און אונטער שוואַרצע פערד, דער ווייסער פראָסט
האָט אויף לבנה־פּידלען, אַ וואָלעכל, שפּילן געלאָזט.״

אַזוי גייען יעקב פרידמאַנס „ווינטער־לידער" — מען קאָן נישט זאָגן, אַז די נאַטור איז דאָ געקריוודעט. אַ ריזשינער אייניקל, פאַרשטייט מען, איז אָפּגעהיט, נישט ניכשל צו ווערן מיט קיין געניצטער לאַנדשאַפט, וואָס ווערט שוין ערגעץ „געברענגט" — אַזוי ווי אַ חסיד, אַ מדרגה־ייִד, דאַוונט נישט אין קיין אַנטליגענעם טלית. יעקב פרידמאַנס דאָרפס־ייִדן, וואָס דער־מאָנען אים הוצולן, דערמאָנען מיך קודם, אַ סך מער אויטענטיש, אין למדֿ־וואָווניקעס וואָס מ'זעט גאָרנישט, ווי זיי דרייען זיך צווישן פאַרהוילענע פאַסטעכער און קונצנמאַכערס מיט רוח הקודש, סאַמע שמעלקעס מיט כביכול, דאָרט, שטיקלעך מקורבים און געהויבענע פעטערס וואָס „שטייען איין" טאַקע ביים רבוש"ע אַליין — ווי עס טרעפט אַז גוטע ייִדן פאָרן אַ מאָל אויף אַ „קליינעם שבת" צום עלטסטן רבין פון דער גזע, כאָטש עס וואָלט אים געמעגט אָנשטיין, דעם צדיק, צו פאָרן צו זיי: מאָ...

וואָס איז דער חידוש, וואָס דאָס ייִנגסטע בוך לידער פון יעקב פרידמאַן רופט זיך אַ ביסל ווילעריש, מיט פּאַטעטישער פראָסטקייט, נישט מער ווי „ליבשאַפט"? פונקט אַזוי האָבן די לידער געקאָנט הייסן: „רחמים", צי „חדווה" — און איך וואָלט אַפילו פאַרשטאַנען, ווען דער דיכטער גיט צו די לידער פלוצים אַ הייסן חסידישן זאָג: „אוי, טאַטע זיסער..." וואָלט דאָס שוין געווען דער נאָמען אויך, כמעט אָן ווערטער: „פון כוונה בלויז די כוונה". גייט אַזש איבער די לירישע צעזונגענקייט אין יעקב פרידמאַנס ליד ווי אַ הויך אָנגעגאָסענער בעכער, וואָס די צעשוימטע מתיקות לאָזט זיך נישט אָפּהאַלטן פון דעם זילבערנעם ראַנד, נאָר הייבט זיך נאָך העכער. איך קען שורות אין יעקב פרידמאַנס דיכטונג, וואָס זענען אָנגעטרונקען מיט כלות־הנפש און „ציִען מוחות". זיי זענען בגילופין מיט יום־טובדיקער חריפות — און עס אַרט זיי נישט, וואָס די וועלט קומט אַ מאָל אַרויס אַזש באלכסון, מיט אַ שמחת־תורהדיקן ווערך פון אויבן, איידער איר ציטערניש האָט זיך אויסבאַלאַנסירט אין דעם „הי־און־נישט־הייִק": געאָגראַפיע פון דער פאַרהוילנקייט.

אַוודאי איז גרינגער, אַז מ'גיט אַ זאָג: „פאַנטעזיסטיש" — צי אַזוי

אַ היימיש פרעמדוואָרט — מיינט דאָס גאָרנישט און ס׳באַלד שיין. שיין איז אויך, אַז אַ פּאָעט איז אַ „גאָטזוכער״ — איז ער פאַרזאָרגט אויף אייביק. ווארום גאָט איז „מיד און קלוג און אַלט״ און אַ קיימא־לן, מען געפינט אים נישט, סיידן מען האָט אים. אפשר געהערט יעקב פרידמאַן צו דעם מילדן פליגל פון משה לייבס גזע לעסטערער — ביידע, דאַכט זיך גאַרן, געוויער ווערן ווו וווינט גאָט.

„און ס׳האָט דער פאָטער אַ פרעג געטאָן זיין זון:
קינד מיינס, ווו וווינט גאָט?...
האָט זיך אברהמעניו צעשטאַמלט: געמיינט... געמיינט, אַז נאָר אין הימל...
שפּעטער, געלויבט צו אים, האָט זיך אַנטפּלעקט צו מיר דער סוד:
מלא כל הארץ כבודו... און אברהמעניו האָט זיך פאַר שמחה צעוויינט
און זיין שטראַלן־קאָפּ אין גרויסן מגידס האַרצן אַנגעלענט״.

דאָס איז דער סוף שמועס צווישן פאָטער און זון אויף „אברהם מלאכס חתונה״, וואָס יעקב פרידמאַן מאָלט און בילדערט, ליריש דראַמאַטיש, ווי אַ ברייטן פאַרביקן פרעסקאָ. זיינע קאָלירן זאָגן הלל. אַ מאָל כאַפּט זיך אַריין אין זיין ראָמאַנטישער קאָזעריע אַ טרער מידע איראָניע מיט אַ שמייך גראָטעסק — און גאָט „לאָזט זיך״. ער קאָן באַשטיין. דיאַלאָגעוועט דער דיכטער מיט גאָט אין מאָנאָלאָג־פאָרם. ער כאַפּט אויס ביי כביכולן זיין רעפּליק — און זאָגט יענעמס אויך.

נישטאָ, דאַכט זיך, דער פּאָעט, וואָס זינגט אויס די תפילה לעני פון זיין לעבן, ער זאָל זיך נישט אונטערוועגס אַריינכאַפּן צו זיך טיפער, ווו גאָט וווינט, זיך אָפּרעכענען מיט אים, זיך איבערבעטן. דאָס בעט זיך אין יעקב פרידמאַנס דיכטונג — נישט אַזוי מען קריגט זיך, ווי מ׳בעט זיך איבער, אין סאַמע ווייטיק פון רעוואָלט. ער איז צוגעלאָזט צו כביכולן און ער גיט צו וויסן: „מיר זענען נישט ברוגז אויף גאָט״. ער איז אַפילו גרייט, אָוועקצוקוקן מיט גוטסקייט פון יענעמס פגימות: „טאַטע גאָט, האָסט

אָנגעפּאַנגען — לאָז, איך וועל פאַרענדיקן פאַר דיר". דאָס איז אָנגעדונגען ביים מײַנסטער אויף קעסט, רעדט מיט כביכול און אַ מאָל אָקעגן און כאַפּט אַרויס ביים „אַלטן" דאָס שטיקל אַרבעט פון דער האַנט, אַז ער זעט, ס'גייט פאַרט נישט.

דאָס איז יעקב פרידמאַנס נוסח אין דער יידישער דיכטונג, ראַפינירט און פאָלקסטימלעך. דאָס איז זיין קאַפּריזנער גאַנג פון פּתרון צוריק צום חלום. זיינע לידער זענען געבראָכענע ציטערנישן פון תפילה־געזאַנגען: כוונות פון ערב־שרייבן, וואָס שרייבט דערווייל, וואָס וויברירט מיט דער מעלאָדיע פון שטילקייט:

„שטיל ווי אין אַ פאַרשלאָסענער קאַרש,
זאַפּטן און ריחות אָטעמען פאַרטייעט.
לערן, לערן דיך, מיין האַרץ,
פון שוויגן אויסצושוויגן פייט..."

און אין די „לידער פון רחמים", דעם האַרץ פון יעקב פרידמאַנס ליד־דער־בוך „ליבשאַפט", פאַרגייט זיך זיין לירישער קול דממה דקה אין אַ ספּאַזמאַטישער עלעגישער השתפכות. זי מאַכט קידוש אויף דעם „כי טוב" פון מידן באַשאַף, וואָס האָט אַראָפּגעלאָזט די פליגלען. ס'איז אַ געזאַנג פון דער באַשערטקייט פון וואָרעמען וויאַנען, געזאַנג פון טרייסט, פון דער קלוגשאַפט פון הכנעה: געזאַנג פון טרויער, וואָס „איז יונג און שמעקט ווי פרישער בעז".

שמייכלען פון ארץ הקודש

מסתמא האָבן זיי זיך פריִער טיף אויסבאַהאַלטן די שמייכלען פון ארץ הקודש, איידער דער דיכטער משה יונגמאַן האָט זיי מיט דעם וואַרעמען בלישטש פון זיין בליק, דעם ביַישן, אַרויסגעגלעט פון דעם פאַרעקשנטן געשטיין און בולט געמאַכט זייער אומזעעוודיקייט. אין די לידער שיינען זיי. יונגמאַנס שמיַיכלען פון ארץ הקודש אילומינירן פון אינעווייניק די שטילקייט, וואָס וויברירט מיט מאַטן ליכט אין זיינע שורות. די שמייכלען, אפשר אַ שטיקל קדמון אין דעם קאַנט, זענען אַוודאי דער לאַנדשאַפטס למד־וואָווניק: זי האָט אייגענע. האָבן די שמייכלען אַרויסגעכאַפּט זיך פון דער פאַרלוירנקייט מיט פאַרשייטער לירישער פרומקייט און זיך ווידער אַריינגעטוליעט אין אומעט. די ספּערעס מישן זיך. למד־וואָוו זענען על־פּי־רוב גייערישע בעל־מלאכות „אויף צו פאַרריכטן". ס'איז דאָ אַ גאַנצער צעך. די כּלים האַלטן זיי אין דער טאָרבע און די וועלט איז אין דרויסן. זיי זענען די מיסטערישע מוליאַרעס, וואָס שטייען אויף פאַרשמאָדערטע רושטאָוואַניעס, כּדי צו גרונטעוווען די ש"י עולמות:

ברעך דורך מויערן,
קום צו צום כּסא הכּבוד
און מאַך אים ווידער ניי.

איינגעהויקערט און אַלט —
האָב איך שטענדיק די ברירה

אָפּצורייסן אַ שטיקל הימל
פון דאַך — —

נאָכן בעל־הבית פרעגט מען גאָרנישט: ווו איז ער? דאָס זענען הייליקע העזהניקעס. זיי שמייכלען ביי דער עבודה. פונקט אַזוי פירט זיך דער לאַטוטניק פון צפת וואָס האַלט דעם וואַרשטאַט אין איינער אַ בודקע אָנגעשפּאַרט ביים הימל:

ערגעץ ווו
זיצט שוין אַ שוסטערל — אַ למד־וואָוו —
און קלאַפּט אַריין שטערן
אויפן שפּיץ דאַך.

דער מין אַריינקלאַפּן שטערן אויפן שפּיץ דאַך אין צפת איז פּאַר זיך פונקט אַזאַ שמייכל פון ארץ הקודש ווי דאָס קלאַפּן בשמים אין שטויסלען אויף פאַרנאַכטיקע שוועלן פון פקיעין — לאָמיר זאָגן: אַקוסטישע שמייכלען. מסתמא זענען דאָ אַזעלכע אויך. אין משה יונגמאַנס שמייכלען פון ארץ הקודש רינגלט זיך בלויער אַראָמאַט פון מאַנדל־זיסער ביטערניש, וואָס ס'האָבן מן־הסתם געשפּרייט אונדזערע יונגע אמהות אויף די סטעזשקעס פון צאינה־וראינה. דער פּאַך פון זייערע שלייערן רוישט ווי זיידענער פליגל־פלאַטער פון זילבערנע טויבן, נישט־געזעענע, וואָס ריסעווען פּליקאָנטורן אין די הייכן. דער אַראָמאַט שמייכלט — און ער ווייס פאַר וואָס.

שפּרייזט שרה בת טובים איבער חומשדיקע דפן, „איז איר שאַל, דער טערקישער, כולו שמייכל”. ער קאָן זיך רעכענען צו די רעקוויזיטן פון ארץ הקודש — אַזוי ווי די „פּירהענגלעך אין די הייזקעס פון נגב” וואָס שמייכלען אין ווינט. האָב איך געזען ביי משה יונגמאַן אויפן באַרג גריזים, ווו עס וואַקסן די ברכות, אַ „שיִער־פאַרהוילן שמייכעלע פון כביכול” — כאָטש יענעם קענען מיר פון גאָר אַנדערע התגלותן. און אַז כביכול מעג, שמייכלט

שוין אויך די ערד אין איינעם אַ דערפל אין גליל, ווען אַ הון שטעלט זיך אַוועק אין ארץ הקודש און „קאָן פאַרשטעלן די ברייט פונעם גאַנצן וועג". אָט די הון, וואָס איינע פון די אמהות האָט דאָ מסתם פאַרגעסן, איז אויך אַ שמייכל פון ארץ הקודש.

פאַר וואָס זשע זאָלן נישט שמייכלען אין כאַר די קינדער אין זייערע לידער און די זקנים פון צפורי:

גייט אַ מיידל צו דעם קוואַל פון צפורי —
רעדן אַלע זקנות לשון־הרע.
און די זקנים זויגנדיק נאַרגילעס,
זשמורען קליינע אויגן פון רכילות.
— — —

קעמט מען בערד און ווינקט זיך קלוגע איבער,
לאָזט מען קליינעם זיפץ אַרויס בציבור.
הדרת־פנימדיקע, שיכורע פון שקיעה
און פון בערג, וואָס טוען אין איר קניען.

און דאָס מיידל מיט די האָר צעלאָזטע
לויפט מיט בלוטן אין איר לייב צעשפּראָצטע.
לויפט מיט פולע הימלען צווישן אָרעמס
צו די קוואַלן זוניקע ציפּורים.

די הימלען צווישן מיידלשע אָרעמס קענען מיר — פאַרשפּילטע הימ־לען — און דער „זיפץ בציבור" איז דאַכט זיך, אויך אַ ביסל קונדייסיש: דער גלגול פון אַ שמייכל.

איך גיי אַרום צווישן משה יונגמאַנס לידער וואָס בעטן זיך אַלע צי־טירט צו ווערן — עלעהיי זשעדנע יינגלעך אַרום באַלעמער אין קלויז

וואַרפן זיך, צו כאַפּן זשמעניעס שבתדיקע זיסקייט פון ראָזשינקעס און מאַנדלען, מיט וועלכע די אויפגערודערטע ווייבערישע שול באַשיט דעם שעמעוודיקן חתן ביים אויפרופנס. אין די צעיאַכמערטע מחותנתטעס טליעט דער יצר־הרע צו פיקאַנטע מיצוות.

דאָס זענען די שמייכלען פון ארץ הקודש. ווייסן מיר, אַז זיי האָבן זיך פריער אויסבאַהאַלטן, נישט דערוועגט זיך אויפצולייכטן — ווייל אַרום זיצט גאָט אין הויכן באַוווין, פאַרהאַרעוועט ביים פעסטיקן דעם באַשאַף — און ס'איז קיין דרך־ארץ נישט, זיך צו צעלאַכן, אַז דער זיידע איז אין שטוב. מיר האָבן זיך צוגעוווינט טויזנטער יאָרן צו זען דאָס ארץ הקודש אין מידבר־גלי פון צעפלאַמטע זאַמדן און שטיינער, אַ לאַנדשאַפט פון כותל־מערבים, מיט שווערע קוואַדרעס חומרות, וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויף אונדז פון קדמונים, ווי דער אָנגעהויערטער עול פון אַלע וועלטן און מיט בינטלעך טרוקענע טרערן, וואָס וויאַנען ווי אָנגעוואַקסענער מאָך אין די שפּאַלטן. פוילט זיך דער פּאָעטישער שאַבלאָן, איבערצוּלעבן פון גרונט אויס דעם טרויער, ווען ער שמייכלט נאָך — און ער נוצט דעריבער גרייטן פּעלדזן־בראָכוואַרג, מיט קאַלטע קאַנטן און ריסן. איידער צו זען משה יונג־מאַנס דין געקלעטער פון וואָרטס אָפּגעציטערטן באַרג־אַרויף.

> היינט האָב איך פריידן פון דער קייט באַפרייט
> און שטיף מיט זיי דורך יונגן וואַלד פון לידער.

אפשר זענען דאָס די פריידן, וואָס מען איז ווידער אַלע אין איינעם, לאַנדשאַפט, פאַרפלאָכטן מיטן דור און דורות, מיט די אָבות אויף הימ־לישע לייטערס און די ייִנגלעך מיט ביקסן אויף אַקסל, דאָס גאַנצע געזעמל גייערס דורך די סטעפּעס פון תנך, איבער דער סיבירער טייגע, מיט די שמייכלען און מיט דעם טרויער, מיט דעם יאַריד און מיט דעם חלום — און כעלעם איז דאָך אויך ארץ הקודש און אויך וואַרקוטע טאָר נישט פעלן און די אַלע הייזקעס און כאַטעס, די סליאַדעס און די שליאַכן, די קוסטעס און די סקאַלעס, די שטערן און די דערנער, ביי וועלכע מיר האָבן זיך אַלע פאַרוואונדיקט לייב און לעבן.

משה גראָס־צימערמאַן

מיין טאַטע —
ווי קליין ער איז געווען,
האָט ער שטענדיק געקאָנט אויסשטרעקן
די האַנט צום הימל,
אַראָפּשאַרן אַ בינטל שטערן,
וואָס פלעגן סטייען
אויף אַ גאַנצער וואָך.
— — —

מער ווי אַ בייטש
— זיין אייגנס —
האָט ער ניט פאַרמאָגט.
נאָר שטענדיק
סיליענדיק די טרערן פון חצות
האָט ער בהרחבהדיק
מיר פאַרירשנט
אַ מדינה.

איז די מדינה שוין גאַרנישט קיין שמייכל. אין נגב —

פייגל וואָס פאַלן אַראָפּ
פון דער זון,
בלייבן הענגען פאַרברענטע
אין מיטן פלי.

און ביים ירדן זינגען אויס איינזאַמע פרויען זייער מורא פאַר דער נאַכט:

מיר האָבן מורא פאַר דער נאַכט.
שאָטנס זענען קעגן אונדז אויפגעשטאַנען.

דאָס וואָרט וואָס מיר שרייבן

לבנה איז אַוועק צום שונא.
זי קוקט צו אונדז אַרויס
פֿון יענער זייט באַרג.
— — —

פּנים צוגעדריקט צו דער שויב.
דאָרט ווו ס'הייבן זיך אָן די שליאַכן,
דאָרט ווו פּחד צונויפגעקנוילט ווי אַ שטיין.
גרינע שטערן קייטלען זיך אַריין אין דער נאַכט —
אַהין זענען אַוועק אונדזערע מענער.

אַזאַ וואָרטקאַרגשאַפט פֿון מלחמה־פּחדים! ביי נאַכט איז די לבנה אַוועק צום שונא און ווייט אין טאָל צעצינדן זיך ביים ירדן דריבנע שייב־לעך, אָנגעפינצטערטע אין איינזאַמע הייזקעס מיט נאַפטלאָמפּן. — ביי טאָג ווידער איז „די זון טונקל פֿון צו פיל ליכט". דאָס איז דער צוזאַמענשפּיל פֿון משה יונגמאַנס למד־וואָווישע קאָלירן, פּחדים און פֿריידן, צונויפגע־פּרעסט אין דעם דיכטערס תּפילה־לידער בלחש: שמייכלען פֿון ארץ הקודש.

פּראָטאָקאָל פון קץ כל בשׂר

העכער צוואַנציק יאָר האָט לייב ראָכמאַן שרייבעריש געלעבט ווי אַ נזיר. ער האָט גוזר געווען שווייגן אויף דעם וועלטגעוויין, וואָס האָט זיך געריסן פון אים — ביז ס׳האָט זיך אויסגעצייטיקט אין אים דער טראַ־פּישער געוויקס פון 588 זייטן, אין טראַנס געשריבענע אימפּעטיקע וויזיעס: מיט בלינדע טריט איבער דער ערד.

אפשר איז דאָס דער פּראָטאָקאָל פון אונדזער דורס קץ כל בשׂר. צו־נויפגעשטעלט אין אַ לאַנגער פּלוצימדיקייט, אָנגעפּראָפּט מיט פּרטים פון דעם אַלעמען, וואָס דער מענטשלעכער מוח איז נישט מסוגל צו באַנעמען. גיכער איז ראָכמאַנס ספר אַ מין „אַזכרה אלהים" פון אונדזערע יאָרן, אויס־געוויינט אין אָרגיאַסטישן לשון, פון אַ מין הימל־געשטאַמל, מיט אַ ניגון, וואָס בריט אַזש „מסיני": רעוואָלט, פּחדים, האַלוציגאַציעס און מאַקאַב־רישער גראָטעסק, בילדערישע תּפילות, געפלאָכטן מיט ברייטע אומבאַ־האָלפנקייטן פון אַריינגעבלאָנדזשעטע מאָדערניסטישע סטיל־מאַניעריזמען.

דרייען זיך דול ראָכמאַנס „בלינדע טריט" אין קרייזלויפיקן זיגזאַגישן גאַנג, אַ מאָל קאָנצענטריש, אָן אַרויסגאַנג — און עס לאַבירינטעווען רוים און צייט, דורות און שטעט, סקעלעטן, קאָשמאַרן, מחשבות און קאַלטע רע־פלעקסן — אַלץ אין איין געקנויל. ס׳דאַכט: אַ באַרג שרייבערישן בוי־מאַטעריאַל האָט ראָכמאַן אָנגעוואָרפן, אַז ס׳איז שווער דורכצוראַנגלען זיך צום בנין, וואָס דראַפּעט זיך אין דער הייך. אויך הימל און ערד קאָנען שווער אַדורכקומען צווישן זיך — אַז די הימלען זענען די אָפּגרונטן פון אויבן.

דאָס איז ראָכמאָנס וועלט: אַ מעכטיקער שרייבערישער פּאַרמעסט אויף ייִדיש. זיינע זאַצן זענען געיאָגט פון פיבער. זיי גיבן זיך אַ וואָרף אַלע אין איינעם, איינס אויף איינס, אין איין אימפּעט — אַזש אין הייסן געדראַנג צעשויבערט זיך די צורה: ...„דער הימל אונטן, די ערד — אויבן. אַלץ אין דער מיט האָט זיך אויסגעמישט. מענטשן און בעלי־חיים גייען מיט די קעפּ און רוקנס אַראָפּ צום הימל, און מיט די פיס אַרויף, צו דער ערד. זיי גרייכן נישט צו איר. פייגל פליִען מיט די בייכלעך אַרויף. הייזער און אַלץ אין זיי הענגען איבערגעדרייט אין דער לופט. די וועלט האָט זיך אַריינגעלייגט אין אַ פאַרקערטן שפּיגל״.

דער „העלד״ פון דעם בוך איז דער אַלץ־אין־איינעם אין קאָסמישן קאַפּויער: פאַרזונקענע שטעט און אַראָפּגעפאַלענע הימלען, קברים, קאַטאַקאָמבעס און שפּיטאָל־ווערענדעס צווישן זוניקע שנייבערג. די ווערענדעס ראַיִען מיט באַצילן פון ציניזם און פריילעכן ייאוש. סקעלעטן ראָמאַנסירן מיט וואַמפּירן און בר־מינגס, פאָרן זיך מיט נפקאס אין שאול־תחתיה, כדי די וועלט זאָל האָבן אַ קיום. אַלע פּנימער זענען גלייך און אַלע גורלות — און איך קאָן נישט פונאַנדערטיילן דאָס חברים־פּאָרל „ש. און לייבל״, וואָס טראָגן די דערציילונג. דעם רבס טאָכטער איז נישט קיין סך אַנדערש ווי דער מישלינג און ווי די מיט דער רויטער פּיזשאַמע; די האָלענדערין; די שפּאַניערין; די שוועדין. צו דעם געזעמל גייען צו: דער שפּילצייג־סוחר; דער מיטן לאַק אויפן שטערן; און מיכל סאַפּירס ייִנגל. סאַמע אַלעגאָרישע שאַטנס. אַלע האָבן פאַרגעסן, צי אויף דער וועלט געבוירט מען נאָך קינדער — און אפשר האָט מען שוין אויפגעהערט שטאַרבן.

אָט איז מען נאָך „אונטן אין טאָל״, אַ קינד אין דער היים פון ווייטן פּוילן — און שוין איז דער קאָפּערניק־לאַגער. פּלוצים — אַמסטערדאַם און עס שאַרעווען די גראַכטן צווישן די ביימער. אין אַמסטערדאַם איז פאַרזאַמלט דער בית־דין־של־מעלה: אַ גאַלעריע שטרענגע דיינים. די פּמליא איז דאָ אויף דערוויילע, ביז עס וועלן זיך ווידער איבערקערן די הימלען אויף צוריק און זי וועט אַריין אין איר רו. מסתמא איז דאָס דער ראַיאָן פון כף־הקלע. דאָ שטעלט זיך צום משפּט דער מחבר. ער שטעלט זיך

אַליין. ער קאָן זיך נישט מוחל זיין, וואָס ער האָט אָפּגעגעבן די עדה און איז געבליבן לעבן. ער פילט זיך ווי אַן אָפּטריניקער — ווי יענער פאַר־צייטיקער פאַרלייקנטער זון אין דער פּאָרטוגעזישער שול. יענעם, הייסט עס, האָבן פאַרשטויסן די „לעבעדיקע צייער פון דורות — מיך די טויטע, די אַרויסגעפאַלענע״.

דאָס אַלץ קאָן קוים אַריין צווישן די טאָוולען פון לייב ראָכמאַנס ווערק. איך לייען דעם ספר, פאַרמאַך די טאָוולען און קער זיך אום צוריק: טונ־קעלע טויערן, וואָס זייער אַריין און אַרויס זענען גרוילוויזיעס פון רעאַ־ליסטיק. ס׳איז אויטאָאינקוויזיטאָרישער וועלט־ווידוי כון אַ לעסטערדיקן אַני־מאַמין, מעבר־יבוק און סוררעאַליזם, קיטרוג און דעם בערדיטשעווערס קדיש, און ריח פון פאַר־כּל־נדרי׳דיקער תּפילה־זכּה אונטערן אָנגעהיצטן טלית. ס׳איז דער עולם־התּוהו, וואָס זוכט די אייגענע וואָרצלען — פאַר־שניטענע, וואָס ווילן „צוריק אַריין אין די שויסן״.

איך טראַכט: אפשר האָט ראָכמאַן גענומען אויף זיך אַ צו שווערע שרייבערישע משׂא, מיט וועלכער עס וואָלטן זיך באַדאַרפט צעטיילן צווישן זיך גרויסע וועלט־בעל־מלאכהס ווי דאַנטע און דאָסטאָיעווסקי. שווער צו אָטעמען אין דער שטאָפּלעכער ענגשאַפט פון די צונויפגעפּרעסטע וועלטן צווישן די טאָוולען — אַזוי, אָדער כמעט אַזוי, האָט זיך ראָכמאַן געפּייניקט אין די יאָרן פון דער תּוכחה צווישן די ענגע ווענט פון בוידעם־בונקער אין מינסק־מאַזאָוויעצק, ביי דער גויע: אַ שטיק גלגול פון אַ למד־וואָווניצע, וואָס איז פאַרשאָלטן געוואָרן און ס׳איז אַריין אין איר די נשמה פון אַ הונט.

קיין ספק נישט: אַ שווערער ספר — אָבער ביי די אַלע פּלאָנטערס, איבעריקע ווילער־שקייט, איז אפשר נישט קיין גוזמא, אַז אין דער חורבן־פּראָזע אויף יידיש איז ראָכמאַנס זאַגערישער פאַרמעסט איינמאַליק. שיער נישט געזאָגט: קיינמאַליק.

צו מאָל באַקומט זיך אַזאַ מין געפיל, אַז ראָכמאַנס ספר איז נישט אַזוי געשריבן, ווי געזאָגט בעל־פּה, געדאַוונט, אַרומגעהילט מיט הייסע

ווערטער, אויסגעקלאָגט די אַלע „טעג און נעכט, וואָס וויקלען זיך ווי שלאַנגען״:

„עס איז אים איינגעפאַלן, דער באַשאַף שוויַגט... ער האָט זיך געכאַפּט, אַז גאָר גרויסע קינסטלער, די, וואָס באַנעמען דעם באַשאַף, שרייבן קיין מאָל נישט. זיי וויסן די נישט־האָפטיקייט דערפון. די אמתע קינסטלער לאָזן נאָך זיך גאָרנישט. ער האָט אָבער אָנגעהויבן שרייבן גיך, גיך. ער האָט געוואָלט אַרויסברענגען פון זיך וואָס מער, איילִיקער, ווי ער וואָלט געווען געיאָגט, ער קאָן פאַרזאַמען, ווען תכלית דערפון וועט ער טראַכטן שפּעטער״.

דער מין „שרייבן גיך, גיך״ איז אַוודאי איינער פון די שאָטנס, וואָס איז בולט אויף טייל ערטער פון ראָכמאַנס בוך. מסתמא קאָן מען גאָרנישט פאַרריכטן מיט דעם אויסטערלישן זאָג, אַז „ווען תכלית וועט מען טראַכטן שפּעטער״. איך בין נישט זיכער, צי וועט דאָס שרייבן נישט האָבן קיין תרעומת. פון די 588 זייטן גלימערדיקער פּראָזע קומט אַרויס נענטער דעם מחברס דורכגעפונקט ביינערדיק פּנים, איידער די ש״י עולמות פון גיהנום, וואָס ער האָט אָנגעוואָרפן, איינס אויף איינס, אַ וועלט איבער אַ וועלט, — לאָדזש — לאָזאַן — לעיזען — אָפענבאַך — אַמסטערדאַם — רוים — אָנגעוואַקסן אין יאָרן מחוץ דער מענטשלעכער צייט.

אין אָט דער שטימונג פון אַ צערודערטער עזאָטערישער וועלט, איינגע־דרייט אין ווייען און קאַפּריזן פון רעאַלער נישט־דאָיִקייט, וואָלט איך זיך נישט געחידושט ווען צו דער נישט־דאָיִקייט פון דער געשילדערטער וועלט קומט נאָך צו דעם מחברס אייגענע פאַרהוילנקייט: אַני הגבר, איינער. צו־ריקגעקומען פון געוואָגל אין די טונקעלע דאָרטנס, ווו ס׳איז אים באַשערט געווען אַריינצוקוקן, שוויַגט ער אַריין דעם מיטגעבראַכטן סוד אין אַלע אויסגעוויינטע בלעטער פון ספר אַפילו אין יענע שורות, וואָס זענען ערטער־ווייז געכאַפּטער אין געכאַפּטער באַרעדעוודיקייט.

צעוויקלט זיך אין ראָכמאַנס בוך אַ פילם מיט אַ קאַליידאָסקאָפּישער ווימ־לעניש. דער פילם נוצט אַלע ווילערישע שפּיצלעך, קאַפּריזן און טריקן —

מאָנסטער־פילם פון יענער־וועלט, פון דער מענטשהייטס שוואַרצער חתונה, אויף וועלכער אַלע זענען מחותנים: די דאָזיקע, דאָרטיקע דולע וואָס כאַפּן זיך אָן אין אַ ברעקל אָרעמער קלאָרקייט. ראָכמאַנס מיט בלינדע טריט איבער דער ערד איז אַ שווערער ספר. שווער אָפּצושאַצן ליכט און שאָטן, וואָס מישן זיך אין גיהנום. יענער האַלט נישט פון קיין ניואַנסן. דער לייענער דאַרף זיך גוט אָנגורטן די נשמה, אַז ער לאָזט זיך אַראָפּ אין דעם פּאָספּאָרישן געווירבל און וויל זיך פונאַנדערקלייבן אין די פּאַרקנוילטע ש"י עולמות, וואָס קריכן איינס אויפס אַנדערע אין דער וועלטס לעצטן טאָג, וואָס האָט אין זיך אַ שמץ פון סאַמע ערשטן. זיי קייטלען זיך ערגעץ אין דער פאַרלוירנקייט און טרעפן זיך אין תוהו־ובוהו.

דאָס נייטיקע וואָרט

האַרבסטיקע פאַרטראַכטקייט ליגט אויף בינם העלערס לידער, געזאַמלט, געצייטיקט אונטער דעם נאָמען דור און דויער. די לידער זענען בעיקר עלעגישע דענקשטימונגען, תפילות פון דער אַליינקייט אין אַן אויסגעליידיקטן לעבן, נאָך אַ שווערן וועג, געפּלאַסטערט מיט שרעק פון דור, מיט אַוואַנטורעס פון יִיאוש, מיט מחשבה ווי דערנער. קלינגען די לידער מיט ווייכער שטילקייט און זייערע קאָלירן: אַלע ניואַנסן פון גרוי.

דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט דער ציטעריקער רויך־סילועטע פון דער פאַרגאַזטער מאַמע, מיט די קלוגע זאָגענישן פון איר אומעט, וואָס פלעכטן זיך אַריין אין בינם העלערס פערזן. נעפּלען די קאָנטורן לייטמאָטיוויש אין די שורות און באַהעפטן זיך מיט דעם שאָטנבילד פון טאַטן, וואָס גייט איבער דער פאַרברענטער ערד „אויף קבר בנים". דעם טאַטנס ניגון נאָגט כמעט אין אַלע לידער פון דור און דויער, אויך אין יענע מיט די „שעלטנדיקע ריטמען" — און עס איז קיין חידוש נישט, אַז זיי גראַמען זיך, נאָענט און נאַטירלעך, מיט „פה נטמן": אויטענטישער גראַם פון דער תקופה.

איך בין אַליין אין מיינע ד׳ אַמות
און פּלוצלינג הער איך, ווי מיך רופט ווער: בינם.
דאָס וואָרנט מיך אַזוי די שטים מיין מאַמעס:
דו שרייבסט שוין אויך פּאָעזיע פאַר מבינים?

די מאַמע, מיט מילדע קנייטשן אמת און מיט פרומער איראָניע, שטייט

הינטער דעם דיכטערס פּלייצע, שעמעוודיק אַ ביסל, אַריבערגעבויגן איבער די בלעטער און טוט אַכטונג, דער פּאָעט זאָל נישט „איבערשרעקן די מענטשן מיט אויסטערלישע ווערטער". זי וועט אים שוין אונטערזאָגן דאָס „וואָרט, דאָס נייטיקע": אַ מוזע אין די יאָרן. וואָרום די צרה אין דער פּאָעזיע זענען די אומנייטיקע ווערטער: די אָרנאַמענטן. טייל שטעלן אַריין אַרטיסטישע חידושים, ווייל ס'איז שיין, אַז די באַנאַליטעט איז „אָריגינעל", זיי פאַרגרעסערן די ענגשאַפט אין דער וועלט, וואָס איז סיי ווי אָנגעשטאָפּט מיט רייד און קאָן זיך קוים אַ ריר טאָן. דאָס זענען דער מאַמעס „אויסטערלישע ווערטער": גייסטיקע נעבנגערוישן, וואָס האָבן זיך געמאַכט זעלבשטענדיק — אַ פּראָגראַם פון אַקוסטישע שטערונגען.

דאָס נייטיקע וואָרט אָבער קומט פון דעם קינסטלערס פּסיכישער נויט, פון זיין בענקשאַפט נאָך דער פרייד פון פּאָרעם אין דעם טרויער פון כאַאָס. דאָס נייטיקע וואָרט איז פּשוט און ערלעך, ווי ברויט און ווי אַ תפילה. אין בינם העלערס דור און דויער ניצן אַ סך לידער ווינציק לשון, בלויז פּאַסנער פּסוק פאַר פּסוק, וואָרט און אָטעם, וואַריאַנטן פון קדיש, וואָס ניי־טיקט זיך נישט אין קיין נייעם טעקסט — דער אייגענער, אָבער מיט אייגנס:

דער פרילינגווינט האָט מער נישט וואָס צו זאָגן —
די טויטע זענען טהור און ווייסביייניק,
און זייער ייִדיש איז אויף קדיש זאָגן —
דאָס לשון־קודש איז געוווּן שוין ווייניק.

די ביימער נעמען זיך אין גרינס פאַרהילן,
די ווייסל אויסגעפּוצט איז אויף שבועות,
נאָר אַלע עכאָס פון די פּוסטע שילן
פאַרהילכן, אַז דער יום־טוב איז אַ טעות.

דער דאָזיקער טעות איז דאָס „נייטיקע וואָרט" פאַר אַ יום־טוב אין נויט: דעם לעבנס יום־טוב. אַזאַ ווערטערפּאָרל ווי „שבועות — טעות", איז

אַ געבוירענער גראַם, וואָס וואָרט נישט, מען זאָל אים „מאַכן". ער איז איינ־געפּרעסט אין דעם צוזויפגעזונגענעם טרויער פון אַ פאַרשעמט לעבן, וואָס זיינע שמחות זענען אַ טעות.

און איך האָב ליב זיך ווידער אומצוקערן
צו יענע טעג פון ליבשאַפט און פון טרערן,
און צו די ערשטע שעמעוודיקע גראַמען
און צו דעם בוידעמשטיבל פון מיין מאַמען.

די עלעמענטן זענען געקניפּט און געבונדן. באַשערט איינס פאַרן אַנ־דערן. זיי בעמען זיך אַרום און קאָנען זיך נישט אָפּלאָזן. דאָס איז דער גראַם. אַ טיף־ערנסטער דיכטערשפּיל, וואָס מאָנט אינעווייניקסטן אמת — אַז נישט, מסרט דער גראַם די קאַלטע אַרטיסטיק און פאַרשיט דאָס גאַנצע ליד. העלפט שוין נישט די ווירטואָזיטעט, אויך נישט די בעסטע כוונה — פּונקט ווי ס'איז, אַגב, אַ קנאַפּער תענוג פאַר דער „מולדת", אין איינעם פון בינם העלערס לידער, וואָס זי איז „באַפּעדערט": יענע איז אין תוך מער און אַ סך, אַ סך אַנדערש.

נישט ווייט פון דער מאַמען, וואָס איז אין דער היים אין העלערס דור און דויער, באַווייזט זיך נישט איין מאָל גאָט אין די שורות און צווישן זיי: אַן אורח, וואָס בלייבט אַ ווײַלע אויף דער שוועל, אומזיכער, אפשר אומעטיק, קוקט זיך שטום אַרום. טראָגט זיך אַ פּאַטעטישע תּפילה, מידער ווידוי, הכנעה־שפּיל מיט טענות — און צו מאָל דאַכט זיך, מ'הערט אַזש דעם אורחס ענטפער אין דער אוראַלטער געניטשאַפט פון הימלישן שווייגן. צי ווייס דען נישט כביכול, אַז ער האָט צו טאָן מיט קאַפּריזן פון אַ פּאָעט? אָט זאָגט ער צו אין פייערלעכע פערזן, אַז ער וועט שוין „מער נישט מאָנען":

אַ דאַנק דיר, גאָט, פאַר אַלע שיינע פאַרבן,
וואָס דו האָסט פאַר מיין קליינעם אויג באַשאַפן,
און אָפּגעצאָלט מיר פאַר מיין מוזן שטאַרבן — — —

פשוטער שפּילן זיך מיט גאָט קאָן מען שוין נישט. מיינען אַנדערע, מען דאַרף דאָס זאָגן טיפער, מען זאָל אַליין נישט כאַפּן, אַז עס גייט וועגן „מיין מוזן שטאַרבן": דאָס גאָר? זאָל זשע זיין „נאָך אַ זומער מיט אַ ווינ־טער" — ס'וועט קומען פרילינג: מילא. איינער אַ פרילינג! אַז די פּאָעטן גייט דאָס, דער עיקר, וועגן דעם פרילינגס „שיינע פאַרבן". שפּעטער, אמת, איז זיך דער דיכטער מיישב: ניין, ערשט „נאָכן איינזאַמלען דאָס גאַנצע ברוּיט" — לייגט זיך אויפן שכל. פּאָעטן זענען בעלי־חשבון: וואָס זשע קאָן די נאַטור נישט באַשטיין, אַז דאָס וועט זיך פאַרציען נאָך אַ ביסל? סיי ווי, זי מיט אירן איז דאָך אַלע מאָל געזיכערט. אָבער אין סאַמע מיטן אַהין און אַהער דערמאָנט זיך דער דיכטער, אַז „גראָד אין פרילינג איז אַ שאָד צו שטאַרבן" — ווען נישט? איך זע נישט, עס זאָל דאָ קאָנען געפונען ווערן אַ באַזע פאַר אַ דערגענטערונג פון די צדדים מיט אַזעלכע שאַרפע קעגנערישע פרינציפּן — און ווי קאָן מען פאַרלאַנגען פון פאַרנומענעם כביכול, ער זאָל זיך צופּאַסן צו דעם קאַפּריזנעם זיגזאַג פון די פּאָעטן אין מלכות פון חלום?

איך קום צוריק אין פופציק יאָר אַרום
מיט אויסגעוויינטע און פאַרפּלעקטע אויגן.
דער הימל איז דערווייל געוואָרן קרום,
דאָס געסל — אָפּגעלאָזט און אויסגעבויגן.

דעם קרומען הימל קענען מיר — נאָך פון דעמאָלט, ווען ער האָט גע־האַלטן, אַז זיין קרומקייט איז די סאַמע גלייכסטע זאַך: די וועלט וואַרט נאָך אַלץ אויף איר תיקון — און דער שליסל צו איר „דאַרף דאָ זיין דער סאַמע דינסטער". אָט איז די טיר, וווּ מ'גייט אַרויף:

אין שטוב איז שטיל, די זון ליגט אויפן טיש
און פרעסט דאָס לעבן מיט דער אַלטער גבורה.
איך זעץ זיך. דאָס פּאַפּיר איז אַלץ נאָך פריש
און דאָרשטיק נאָך אַ ווייטערדיקער שורה.

נייטיקע ווערטער אין חשבון פון אַ דיכטערישן גאַנג.

אַלטערמאַנס געשטאַלט

נתן אַלטערמאַן איז געווען דער יונגער העברעישער פּאָעט, געווען און געבליבן. ער איז געווען יונג ביז צום סוף פון זיין לעבן, יונג און בונטאַריש, יונג מיט דער געלייטערטער חכמה פון איידעלע זקנים, מיט דער שטורעמדיקער שיינקייט פון זיין פּאָעטישער העזה, מיט דעם גלאַנץ, מיט דער שאַרפקייט פון זיין געשליפענעם וואָרט.

דער יסוד פון זיין שאַפערישן לעבן איז: מיליטאַנטער הומאַניזם. זיין פרייער גייסט האָט זיך מטריח געווען, פּערזענלעך, אַזש אַראָפּ אין דער קאַמף־אַרענע — כאָטש זיין נאַטירלעכער דיכטערישער באַוווין איז געווען דער הויכער אָלימפּ.

די ברויזנדיקע צייט האָט גע„אומרוט" אין אים, כולו קאָלירן און ווייען פון דער תקופה, כולו ראָמאַנטיק און רעוואָלט, כולו שטילע לירישע לעבנס־מחשבה. דאָס אַלץ אין איינעם איז נתן אַלטערמאַן. ער איז געווען שטאַרק פּאָפּולער און דערביי האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן פאַר דער עפנטלעכקייט, כמעט שעמעוודיק. געגאַנגען איז ער אַ ביסל באלכסון, שמאָל, איינגעצויגן אין זיך, כדי צו פאַרנעמען ווינציק אָרט אין דער וועלט — אין תוך אַ באַלאַדישע געשטאַלט.

יאָרן לאַנג פלעג איך זיך טרעפן מיט אַלטערמאַנען כמעט יעדן דאָנערשטיק פאַר נאַכט אין דער דרוקעריי פון „דבר", אין דער בלוילעכער בליי־פאַרע, אין געבראַזג פון די זעץ־מאַשינען, וווּ מ'האָט געמאַכט דעם

ערב שבת־נומער פון דער צייטונג. איך פלעג אין דעם טומל צונויפקלייבן מיין חלק שאַרפזיניקע דרוקפעלערן, וואָס דער בחור הזעצער האָט מיר איבערגעלאָזט אין מיינע פעליעטאָנען, כדי זיי זאָלן זיך אויסנעמען אַ קליין ביסל בליציקער און „טיפער".

ביי אַן אַנדערן טיש פלעגט נתן אַלטערמאַן צײלן און שלייפן די אור־תיות פון זיין פינקלדיקן אַקטועלן פזמון „הטור השביעי", אויף וועלכן דאָס גאַנצע לאַנד האָט געוואַרט. עס איז געוואָרן שפּעטער אָוונט און אַלטערמאַן האָט זיך אַלץ געבויגן איבער דעם טאָוול בליי, כדי אַריינצוקנייטשן אין די שורות נאָך אַ קעמפערישן זאָג קעגן דעם אָקופּאַנט, נאָך אַ ביסל לירישן חן און חריפות, וואָס זאָלן צוהעלפן דעם אמת, דערגרייכן זיין פולן וואַרעמען גלאַנץ.

אַוודאי האָט זיך נתן אַלטערמאַן, אַ מענטש מיט אַזאַ שפע גייסטיקער יוגנט, נישט געקאָנט ריכטן אויף אַזאַ פרוצימדיקן טויט. יענער אָבער האָט זיך זיין אַלטן מעטאָד פון מאַכן דעם סוף: געענדיקט אין סאַמע מיטן לויף, אָפּגעהאַקט.

פון דעסטוועגן האָט אַלטערמאַן נאָך באַוויזן, ליגנדיק אין שפּיטאָל מיט אויסגייענדיקע כוחות, אַ קריצל צו טאָן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר: „...קיין הספדים... אַ קבר צווישן פראָסטע יידן...". דאָס האָט זיין סטיליסטיש אחריות־געפיל, זיין שטרענגער, געצאַמטער לעבנס־געשמאַק אין זינען געהאַט אין דער לעצטער מינוט.

האָט מען טאַקע קיין הספדים נישט געהאַלטן ביים קבר פון דעם פּאָ־פּולערסטן מאָדערנעם פּאָעט — אָבער מיט זיין לוויה זענען מיטגעגאַנגען טויזנטער יידן, יונג און אַלט, וואָס ביי זיי אַלעמען איז ער געווען דער גייס־טיקער ליבלינג, זיין דיכטערישע שפּילעוודיקייט איז געווען טיפער ערנסט.

אַלע האָבן ליב געהאַט די קלאַנג־זויבערקייט פון זיין ניגון און פון זיין געדאַנק, ליב געהאַט די לייכטע יינגלישע געשטאַלט, וואָס האָט זיך געבויגן אונטער דער לאַסט פון דיכטערישער אחריות פאַר דער געזעל־

שאַפט. מ׳האָט ליב געהאַט זיין פּאָעטישע אָריגינאַליטעט, כאָטש מ׳האָט פאַרשטאַנען זיינע לידער.

ער איז געווען אַ מפונק אין דער ליטעראַטור — און געקעמפט האָט ער פאַרן אמת, ווייל דער שקר איז, לויט זיין געפיל, פשוט אומעסטעטיש. זיין גייסטיקע אַריסטאָקראַטישקייט האָט זיך געקניפּט און געבונדן מיט אַ געזונטן יצר־הרע צו „עמך", מיט דער שיינער חריפות פונעם פאָלקס פשטות.

זיין קאָליריקע שפּראַך־מייסטערשאַפט איז געקומען צום אויסדרוק אין זיין יחידישער ליריק, אין זיינע צייט־ און קאַמף־לידער און אין דער פאָלעמישער פּראָזע פון זיין פּובליציסטיק. דאָס איז געווען די פּובליציסטיק פון אַ פּאָעט, וואָס פירט אַ דיכטערישן חשבון מיט דער וועלט: דעם חשבון פון פאָלק און מענטשהייט. דער חשבון האָט זיך, דער עיקר, צעזונגען אין דעם דיכטער אין די שווערע היסטאָרישע טעג, ווען אונדזער פאָלק האָט „באַטרעטן די שוועל פון חלום צו וואָר".

דאָס איז געווען דער גלאַנץ פון נתן אַלטערמאַנס דיכטערישער פּער־זענלעכקייט, געקרוינט מיט דעם עול פון אַ נאַציאָנאַלן דיכטער.

זיינע קנאַפּע זעכציק יאָר האָבן זיך פריצייטיק אָפּגעריסן און זענען אַוועק — האָט דאָס לאַנד, אין דאַנקבאַרקייט און טרויער, באַגלייט דעם דיכטער אויף זיין לעצטן וועג.

מען זעט אין דעם לאַנגן לוויה־צוג דעם זילבערווייסן קאָפּ פון דוד בן־גוריון, וועלכער האָט, צו אַלטערמאַנס פופציקסטן יובל געהאַלטן אין אַן אָפענער זיצונג פון דער כנסת, אַן ענטוזיאַסטישן הימען אויף דעם יונגן יובילאַר.

באַגלייטן דעם אָרון דער מדינה־פּרעזידענט זלמן שזר און פּרעמיער גאָלדע מאיר — און אַרום זיי ציט זיך אַן עולם יידן, שרייבערס און אַר־טיסטן, לערער, חלוצים, אַרבעטער און אַ בונטער געזעמל יוגנוואַרג, וואָס איז געקומען פון די קיבוצים אין אַרבעט־בגדים, צום טייל יינגלעך און מיידלעך פון די שולן, מיט די ביכער־מאַרבעס אין די הענט.

דאַכט זיך, וואָס ווייסן קינדער, פּאַרטוענע אין געדראַנג פון לעבן, וועגן דעם שטומען צערעמאָניאַל פון לעצטן וועג? אָבער נתן אַלטערמאַן איז געווען זייער דיכטער. אים האָבן זיי געלייענט, געלערנט און ליב געהאַט. מיט אים האָבן זיי מיטגעלעבט די בונטע דראַמאַטיק אין יאָרן פון ישראלס שווערן פרייהייטס־געראַנגל. אין דער ריטמיק און ווירטואָזיטעט פון זיינע לידער און פזמונים האָבן זיי דערפילט דעם טעם פון חן און חכמה און דעם ברענענדיקן דורשט צום אמת, וואָס האָט געציטערט אין זיין וואָרט.

ה

אַ פסוק חומש * פסוקי דזימרה * רעגן * שניי * שבת אין קיבוץ * אָפּרו * שפּייסצונאַכטס * אַ גרינער יום־טוב * מתן־תורה

אַ פּסוק חומש

ערב־פּסחדיקע טעג פון אונדזערע יונגע יאָרן. די וועלט שמעקט מיט איבערגעקומענעם ווינטער, מיט צעלאָזענעם שניי, וואָס קויטיקט אין קאַלוזשעס, מיט פראָסט, וואָס האָט אויפגעהערט שרעקן, מיט דעם שטעמוור־דיקן בלישטש פון דער יונגער זון, וואָס טוט אַ לייכטן גלעט די פאַרכמור־רעטע ערד. ס׳איז פאַר יום־טוב — און דער טוכלער טונקל פון חדר, וואָס זויערט פון דער בייזער רביצין, דערשמעקט פון ווייטנס די זיסקייט פון שיר השירים.

פּרעה איז אין יענע יאָרן געווען אַ פּראָסטער כאַמולע מיטן סטאַן איבער די הויזן, אַ מין שבת־גוי אויף־פּסח. ער האָט דעמאָלט נאָך נישט געהייסן נאַצער. ער איז נישט געווען קיין הערשער, נישט באַלעבאַטעוועט איבער סועץ־קאַנאַל, נישט געהאַט אָנגעזאַמלט אַזוי פיל אימפּאָזאַנטע מפּלות, נישט געוווּסט נאָך גאָרנישט פון די לייט פון קרעמל — און אַלע מצרים אין איינעם זענען געווען נישט מער ווי גלאַט גויִים מיט פאַרכעס: וואָס זשע איז פאַראַנען מורא צו האָבן?

מיר אין חדר, האָבן שוין דעמאָלט געוווּסט אויף זיכער, אַז כביכול וועט מסתמא שפּאַלטן דעם ים און וועט זיי אַלע פאַרטיליקן, ווייל זיי פּייניקן יידן. דער רבונו של עולם איז מיט אונדז געווען היימיש און נאָענט, אָט פון טאַטנס חומש און פון דער מאַמעס „צאינה וראינה״ — ס׳איז דיר נישט יאַרינג און אַוודאי נישט או טאַנט פון דער אונ״אָ. דאָס

אַלץ איז געווען נישט לאַנג: פּאַרצייטנס. קיין חידוש נישט וואָס, ס׳בענקט זיך. מען רופט דאָס נאָסטאַלגיע.

שמעקט די שטוב מיט פּייכטער בלויקייט פון פריש געקאַלעכטע ווענט, מיט געפלאַכטענע, הויכע קויבערס פרישע מצות, צוגעדעקט מיט ראַגאַ־זשעס, מיט פאַרשפּונטעוועטע פעסלעך געזייערטן רויטן באָרשטש און מיט גרינלעכע, בייכיקע בוטליעס גילדענעם ראָזשינקע־ווײַן פאַר די ווייבער.

די בוטליעס שטייען דערוויל אויבן אויף די שאַפעס מיט ספרים, צווישן די לייכטער, נעבן דעם חנוכה־לעמפּל און דער פּאַרמעטענער מגילת אסתר, נישט ווייט פון דער קיילעכיקער בלעכענער פּודלע מיטן טאַטנס סויבל־שטריימל.

טומלען לומדישע פעטערס מיט דעם האַרבן לשון פון שטר מכירהס, געשריבן אויף תרגום־לשון, געמישט מיט יידישלעכן גוייש. מען פאַרקויפט די רעשטלעך חמץ מיכאַלקען דעם באָד־גוי — אָבער יענער, נעבעך, האָט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ און קאָן זיך קיין עצה נישט געבן מיט דעם קאָמ־פּליצירטן לשון פון די הייליקע ראַבינס.

די כלה־מיידלעך אין די באַלעבאַטישע שטיבער פּוצן מיט פאַר־קאַשערטע הענט דעם אַלטן, שווערן מעשענעם הענגלייכטער מיט די געשניצטע אויסטערלישע חיות — מסתמא אַ שטיק „זאַקרויב״, וואָס די בני ישראל האָבן מיטגענומען ווען זיי זענען אַרויס פון מצרים. משה האָט געהייסן.

נעמט די מאַמע אַרויס פון טיפן קופערט אויף רעדער דעם טאַטנס קיטל. דער קיטל איז בירושה פון רבין ר׳ הערש מלך און באַקרוינט איז ער מיט אַ ברוינער עטרה פאַרטרוקנטן שוויס, אַריינגעזאַפּט פון שמחת יום־טוב. יעדעס יאָר לייגט די מאַמע אַ פרישע ווייסע לאַטע אויף דעם אָפּגעקראָכענעם ברוין.

יונגוואַרג נעמט צעשטעלן אויפן טיש די בלויע כוסות מיט די גיל־דענע רייפלעך, וואָס מ׳האָט נאָר וואָס אַראָפּגעבראַכט פון בוידעם. שטענ־דיק איז ביי איין כוסעלע אָפּגעבראָכן אַן אויער — מוז מען צוקויפן אַ נייע און גיין צום טייך, טובלען די כלי.

און אָט איז די סדר־נאַכט מיט „מה נשתנה־ליכט" אין זילבערנע לייכטער. טוט דער טאַטע דעם ערשטן יום־טובדיקן קרעכץ, מיט רחבות, אויפֿן היסב־בעט, און די מאַמע, צוגעטוליעט פֿרום צום טייטש־חומש, האָט הנאה פֿון דעם יונגן משה רבינו און פֿון זיין ליבן נאָמען, וואָס איז אויך דאָ ביים טיש: ווו וועט ער גיין אין דער סדר־נאַכט?

און היינט איז פּסח אין ישראל און גרויסע שטיקער הגדה זענען דערווייל געוואָרן מלכותדיקער אמת. און כאָטש דער גוי פֿון דער וועלט, אַוודאי אויך דער גוי „פֿון מאָרגן", פֿינצטערט נאָך אַלץ מיט ביי׳זע בעל־בולים און ער שעמט זיך נישט אַפֿילו פֿאַר די אַלטפֿרענקישע שקרים פֿון אייערנעכטן — איז אָבער דער שמאָלער אינדזל יידישער יום־טוב פֿאַרט געוואָרן ביסלעכווייז אַ ליכטיקע היים.

אין די פּסחדיקע טעג פֿאַרגעסט דאָס לאַנד די גרויע יאָרטויזנטער, וואָס הויערן אַרום און אַרום, די אָנגעוואָרפֿענע חורבות, די היילן, די שטיינער, די לעגענדעס. די ערד שמעקט מיט וואָרעמער, צעגראָבענער זיסקייט, וואָס ציטערט אין דער לופֿט און גיסט זיך איבער ווי וווּנדער־לעכער פֿאַרפֿום פֿון פּרדסים, גערטנער, פֿעלדער.

די גאַסן זענען פֿול מיט יוגנט, די פֿעלדער פֿול מיט גרעטעניש און דער ים שטראַלט מיט ווייכן פֿרילינג־גלאַנץ, וואָס גלעט די שיפֿן מיט נייע עולים — און אַרום און אַרום יום־טובדיקע יידן, שטאָטישע, דאָר־פֿישע, קיבוצישע, דערצו גרויסע, פֿריילעכע משפּחות טוריסטן און געסט, וואָס קומען באַשיינען דאָס לאַנד לכבוד יום־טוב.

און אָט איז שולמית אין פֿעלד, ברוין און בייגעוודיק, אַרויס פֿון פּסחדיקן שיר השירים, צו דער שכנותדיקער ראַדיאָ־פֿאַבריק: שולמית אין כאַקי, צווישן קאַליריקע בלומען. זי שטייט דאָ אפֿשר נאָך פֿון שלמה המלכס צייטן, פֿאַרשמעקט מיט איילבערטן און מיט יונגן האָניק, שמייכלט צו דער פֿרישער תבואה אין פֿעלד.

דאָס איז יום־טוב אין ישראל, יום־טוב, וואָס איז כולו פֿרילינג. למאי

זאָל מען לייקענען: די נאַטור האָט ביי אונדז געבידעוועט היפּשע יאָר־טויזנטער. מיר האָבן זי לאַנג געלאָזט אַליין, פאַרשעמט איר שיינקייט — איז זי ברוגז געוואָרן, האַרט און איינגעשפּאַרט, צעגליטער שטיין און געלער זאַמד: לאַנדשאַפט פון כותל־מערבֿיס.

איצט, אין דעם יום־טובֿ פון אונדזערע שווערע וואָכעדיקע טעג, האָבן מיר זיך איבערגעבעטן אויף אייביק מיט דער נאַטור. מיר האָבן איר אָנגעהויבן אָפּגעבן צוריק פולע הערצער ליבשאַפט. שוין לאַנג האָט מען זי ביי אונדז נישט אַזוי געצערטלט ווי אין די פעלדער פון שרון, פון נגבֿ, פון גליל, פון עמק, אין די מידבריות, אין די בערג און ביים ים — זענען מיר אַליין צוריק יונג געוואָרן אין איינעם מיט דער נאַטור. זי פילט דאָס גוט און הנדלט זיך צו אונדז מיט אַלע אירע האַרציקע, פאַרשייטע קאַפּריזן.

פסוקי דזימרה

שבת אין דער פרי פאַראַדעווען איבער די אויסגערוטע גאַסן טויזנטער און טויזנטער קינדער־וועגעלעך, נאָך און נאָך: כן ירבו. בלישטשען די באַצירונגען מיט דעם ווייסן בליאַסק פון פאַלשן מעטאַל — אָבער דאָס קליינוואַרג אין די וועגעלעך שטראַלט מיט עכטן וואַרעמען גלאַנץ פון גאָלד און הימלבלוי, ראָזעווע און ברוין: פולבלעכע פעקלעך פרייד, אויסגעסטראָיעט מיט בענדלעך, שלייפלעך, טרעלדלעך, היטעלעך, און טיכעלעך, זיידנס, סאַמעט, פוך און וואַטע, אויגעלעך, נעזלעך.

קיין מאָל זע איך נישט אַזעלכע פאַרביקע, פריילעכע קאָלאָנעס דרויב ווי שבת אין דער פרי אין גאַס. פילדערן די פיצלעך, דריגעווען און פישטשען, קרייען און גרילצן, מיט גוטן און מיט בייזן. זיי ווילן, מ׳זאָל וויסן, אַז זיי זענען דאָ, זיי אַליין, אַז אַלץ אַרום און אַרום איז זייערס — און זאָל מען נישט באַלאַמוטשען מיט קיין נאַרישקייטן.

פאַרשטייט קודם כל דער הימל, וואָס ער אַליין דאַרף טאָן אין אַזאַ פאַל. ער איז לכתחילה בלוי און זוניק — וואָס׳ט ער זיך גיין אַריינלאָזן אין עקספערימענטן? — די כמאַרעס באַהאַלט ער אויף אַן אַנדער מאָל, ווען דער וועטער־נביא וועט באַפעלן: „שיין אין דרויסן". ציען זיך די וועגעלעך דורך די אָנגעשטאָפּטע גאַסן: דאָס איז זייער שעה.

אַוודאי זענען זיי נעבעך אַריינגעפאַלן, די דרויבעלעך, ווי נאָר זיי זענען אַרויס פון די הימלדיקע נעסטן. זיי וועלן שוין באַלד דערפילן דעם אמתן טעם פון זיין אין אונדזערע ראַיאָנען אַ נהג, אָדער אַ בוכהאַלטער, אַ שרייבער

אָדער אַזוי אַן אָרעמאַן, אַן עקשן, אַ פֿאַרשלעפּטע קרענק, אַ נאַר בצורת „חכם" — אָבער דערווייל מאַכן זיי אַ לעבן, די ערב־צוציקלעך, אין דעם שבתדיקן פּאַראַדע־אויפֿמאַרש.

שלעפּן זיך נאָך הינטער דער מאַניפֿעסטאַציע שווערע, העלפֿאַנדישע טאַ־טעס, כמורנע יידן, וואָס וויסן גאָרנישט, וואָס איז די גדולה מיט דעם צע־פּיעשטשעטן פּיצל גאָרנישט אין וועגעלע, וואָס דערגייט די יאָרן אַ ייד אין די יאָרן. די טאַטעס, נעבעך, האָבן נישט ווען הנאה צו האָבן פֿון לעבן: אַ מאָל דאָס ווייב, אַ מאָל דאָס דרויב — רק „פֿאַמיליע־גליק". שבת גייען די יידן נישט דאַווענען און נישט צו דער אַרבעט און זיי קאָנען זיך נישט קיין עצה געבן מיט דער קדושה, וואָס טריפֿט אַראָפּ פֿון הימל: וואָס טריפֿט דאָרט עפּעס, וואָס...?

די מאַמעס איז אפשר אַ ביסל לייכטער — ווער קאָן עס וויסן? באַלד אין דער פֿרי כאַפּן זיי און רעדן שוין פּוסטע רייד: דאָס איז זייער שבת. מען רעדט מיט אַ חברטע, מיט אַ שכנטע, מען רעדט זיך אויס, מען באַרעדט, מען טוט זיך אָן איין מאָל, מען טוט זיך אָן נאָך אַ מאָל — און מיטן מאַן קריגט מען זיך, צי וויל ער יאָ, צי ניין: מאַ, איז שוין אַן אַנדער לעבן.

דערצו כאַפּן זיך יונגע מאַמעס אַלע מאָל פֿון ס'ניי צו די בלישטשנדיקע וועגעלעך, שטאָפּן די קינדערלעך מיט באַנאַנעס, מיט קוכנס, מיט אַלערליי זיסקייטן — זעט דאָך דאָס דרויב באַלד אויפֿן אָרט: פֿון דעם שבת ווערט מען שוין קיין הנאה נישט האָבן.

גייען יידן צום ים, גאַנצע מחנות גייערס. מען גייט פֿון יפֿו און תל־אביב, פֿון די אַרומיקע שטעטלעך און שיכונים: שבטים און עדות, היימישע יידן און עקזאָטישע, נייע עולים, גאַנצע משפּחות און אַזוי פֿמליאַס, געדאַוונטע יידן, נישט געדאַוונטע, אַ ביסל אויסגעשלאָפֿענע, אַלע שבתדיקע.

די חולצות זענען ווײַס, די שפּענצערס געקעסטלט, די צײַגענע הויזן געפּרעסט, און די ספּאַדניצעס, וואָס מיר געדענקען פֿון גויעס אין מאַרק, ווינטלען זיך אין אַ רעגן־בויגן פֿון קאָלירן. פּלעכטן זיך לשונות, גאָרגלען זיך געלעכטערס און פֿון אַלע זייטן פֿליען רייד מיט שאָלעכץ. שאָלעכץ פֿון קער־

לעך שיִט איינער אויפֿן אַנדערן, סאַמע שאַלעכץ, פּו — מען זעט גאָרנישט, די מענטשן זאָלן אַ מאָל נעמען אַ יאָדרע אין מויל אַריין.

איינער אַ בחור, הויך און ביינּיק, מיט אַ שטאַרקן קנאָפּ אין אויסגעגאָלטן האַרטן פּנים, טראָגט אויף די אַקסלען צוויי פּעמפּיקעס, וואָס אַכלען, און דאָס ווייבל פירט ביי די הענט אַ קיילעכיקן צווילינג. דאָס פּאָרל איז יונג און דאָס פּאַרמעג, מיט וועלכן זיי פּאַראַדעווען שבת, איז דערווייל אַן אַדערויף: מען קאָן זיך פּאַרלאָזן.

באַווייזט זיך אַ יונגערמאַן מיט אַ טלית־זעקל אונטערן אָרעם. באַלד קומט נאָך אַ ייד און דאָרט ווייטער גייען נאָך דאַווענערס. דאָ מוז ערגעץ זיין אַ קלייזל. דעם יונגנמאַנס טלית־זעקל איז פֿון בלויען פּליוש, אויסגעבייט מיט גילדענע פעדעם „שעך" און מיט דער שוויגערס שטעכיקע ריידעלעך.

איינער האָט איינגעוויקלט דעם טלית אין נעכטיקן אָוונטבלאַט: ס׳עפּעס נישט. איך בין נישט זיכער, צי ביים לייענען קוקט ער נישט אַריין אין ספּאָרט־באַריכט — כאָטש אָנגעטאָן איז דער ייד דווקא אין אַן אַטלאַסענער קאַפּאָטע מיט אַ געפּלאָכטענעם זיידענעם גאַרטל — אָבער איבער דעם רחב־בותדיקן אַטלאַס חוזקט ערגעץ אויפֿן שפּיץ קאָפּ אַ וווילייגערישער בערעט, אַ פּאַריזער בערעטל מיט אַ טראָלד.

באַווייזט זיך אַן עלטערער ייד מיט זין און איידעמס, אַלע באַשטריימלט. און מיט אַ היפּשער חברה יינגלעך: זיין אייגנס אַ באַפּעלקערונג, גאַנץ פּריי־וואָס. דער ייד איז הויך און שיין, פּאַרמאָגט גוזמות הדרת פּנים און אַן אייגענעם דרך. האָט הנאה פון זיך און פרעגט נישט נאָך קיינעם. ער ווייס, מען קוקט אים נאָך אין די גאַסן: קוקט, דראַבעס!

אַזאַ ייד איז גוט צו האָבן פּאַר אַ זיידן. ער איז כולו זיידנס און לומדות, אַ ביסל גאווה אויך, און פּרנסה — לאָז אים! אַ טרון כופרים באַהאַלט ער אין דער וועסטל־קעשענע. זיין הילוך איז האָפּערדיק און ער וויל, אַלע זאָלן זיך אָפּשטעלן הינטער אים און זיין פּמליא, נתפּעל ווערן פון אַזאַ יידישן שטעל: דרך ארץ פּאַר גדלות!

עס שמעקט פון דעם ייד מיט נחת פון קינדער, מיט נאָענטן רבוש״ע, גאָר נאָענט, אַ רבוש״ע אויף ישועות, מיט עולם הבא, וואָס איז ביי אים אין

שכנות מיט זיין עולם הזה — אַלץ מיט חשבון און מיט שכל. עס שמעקט פון דעם ייִד מיט עכטן אָקעוויט צום פריִמאָרגנדיקן קידוש, מיט צוגעברוינטע אייערקיכלעך צו די פיִש, און מיט אַ גרויסן טשאָלנט פון אויוון, אַ טשאָלנט, וואָס האָט אַליין אַ נשמה יתירה — נישט די וואָסערדיקע מאַכערייקע, וואָס מען קריגט שבת אין פיצלעך טעלערלעך אין אַרטיסטן־קאַפע: איז דאָס קודם כל זויערלעך, אי רוי, אי פאַרברענט. און האָט אַ טעם ווי דאָס אַבסטראַקטע געמעלעכץ פון זייער „קונסט", מישטיינסגעזאָגט.

רעגן

דאָס איז, דאַכט זיך, המסין אויף דער פֿאַרקערטער זייט — אַבי נישט סתּם „קלימאַט״, צעווייקטער הימל, נאַסע ווינטן, נאַסע גאַסן, פֿאַרכליאַפּעטע מויערן ביז צו די דעכער און פֿאַרפּלייצטע טראָטואַרן, יאָגנדיקע אויטאָמאָבילן פֿליאַסקען אויף בידנע גייערס צעשפּריצטע הפֿקר־כוואַליעס, וואָס פֿרעגן נישט נאָך קיינעם, נאָר גיסן און פֿאַרטראַסקען דיך אין גאַנצן, ווי גרויס דו ביסט, ביז הויך אַרויף צום שטערן. דער מאַנטל איז אויסצודרייען, די שיך — וויאַדרעס וואַסער, און די בריל האַלט אין איין קאַפּען מיט אירס אַ באַזונדערן רעגן.

לויפֿן גיך פֿאַרביי איינגעקאָרטשעטע פֿאַרוויקלטע בינטלעך פּעלערינעס, האַוועלאָקס און פֿאַנטאַסטישע פּלאַכטעס איבער די גאַסן פֿון ירושלים, תּל־אביב, חיפֿה, באר־שבֿע, נתניה, צפֿת און טבֿריה, קיבוצים, מושבֿים, און אומעטיקלעך קונדייסעווען קינדערלעך, פֿאַרשטעלטע מיט דראָבנע קופּקעס, קאַסטוירן און ספּאָדיקלעך, פֿון וועלכע מען זעט קוים אַרויס פּיצלעך נעזלעך ווי ראָזעווע קנעפּלעך.

די נעץ קריכט אין די ביינער און פּיצקעט אין אַלע זייטן. אומעטיקע אייזעלעך, צוגעדעקטע מיט צעווייקטע גראָבע זעק, שלעפּן אויף דאָרפֿישע פֿורלעך נאַסע מייערן און טאָמאַטן פֿון שכנותדיקע דערפֿער. די אויטאָבוסן זענען פֿאַרגאָסן פֿון דרויסן און אינעווייניק זענען אַלע אין איינעם איין גרויסער צעקוואַטשעטער קנויל פֿון נאַסע פֿאַרשוינען, פּעק, פּאַראַסאָלן און שטיוול מיט פֿרישן פּעטן „בוץ״ (בלאָטע) פֿון שרון. אַ ווילגאָטנע וואָנסע

פּאַרעט מיר אַריין אין אויער — אָבער דאָ קאָן מען קיין מפונק נישט זיין. איך העגג באַלכסונדיק צווישן דער פּאַרפּלאָנטערטער גערדיכטעניש פון דער „דן״־קאָמוניקאַציע אין רעגן — איין געוואַלדיקער קאָאָפּעראַטיוו פון פּאַר־פלאָכטענע אבריכ, וואָס קערן צום גאַנצן אויטאָבוס — און אַרויסשלעפן אַ פוס פון דעם דאָזיקן קנויל איז שוין מער אָדער ווייניקער אַן ענין פון גורל. אָבער דער עיקר איז: סבלנות. לייכטער, ווייזט אויס, איז דער גורל פון די קעשענע־גנבים — אָבער סוף כל סוף בין איך ווידער אין דרויסן און שווים אין איינעם מיט דער גאַנצער שטאָט.

דאָס זענען די ימות הגשמים פון אונדזער לאַנד. שווערע רעגן־פּאַר־האַנגען, געדיכט געשפּונען פון אומענדלעכע פּערלדיקע וואַסער־שנורן, וואָס בלישטשען מיט זילבעריקער גרויקייט, ציען זיך טעג און נעכט פון צעעפנטן הימל, וואָס זעט אויס ווי פאַרקאָוועט מיט געוואַלדיקע וואַסער־מאַסן. ערב חנוכה איז אייגנטלעך דער פּאַקטישער יום־טוב פון רעגן אין ישראל, דער נישט־אָפּיציעלער, וואָרום גשם האָט מען געבענטשט נאָך די אַנדערע טעג סוכות — מילא, געבענטשט: איז נאָך אַ תפילה. איצט אָבער ווערט די תפילה מקוים אויף אַ רעכטן אמת.

די נאַטור ביי אונדז איז נישט קיין היינטיקע — האָט זי פיינט די חנדלעך: יאָ גערעגנט. נישט גערעגנט, די נאַטור אין ישראל ציט איר יחוס פון ששת ימי בראשית, ווען מען האָט נישט געקאַרגט און נישט געמאָסטן מיט קבצנישע מעסטלעך. אַלץ איז געווען בשפע און דער פּאַרמעסט אַ ברייט־האַרציקער: בליען און וואַקסן און פרוכפּערן זיך — וועט מען גיין זשאַ־לעוועז רעגן?

איז געבליבן ביי אונדזערע הימלען ביזן היינטיקן טאָג די אוראַלטע טראַדיציע פון בראשית — און אויב יאָ רעגן, איז געכליאַפּעט מיט ברכות פון פולע הימלען, וואָס גייען אַזש איבער, אַז געבענטשט זאָלן ווערן די פעלדער און די גערטנער, די פּרדסים און די פּאַשע און די טעראַסעס אויף די בערג, וואָס האָבן זיך געשפּאָלטן און געקרישלט אין טריקעניש און גע־שמאַכט אַ לאַנגן זומער.

דאָס איז די ברכה פון רעגן — גיי׳זשע ווייס, אַז וואַסער, אַזאַ פשוטע,

פאַרעוועו זאַך, האָט אין זיך דעם כוח, צו פאַרשיכורן מיט פרייד אַ גאַנץ לאַנד! אויך די אַלטע פאַרדאַרטע ערד פון מידבר נגב טרינקט זשעדנע, מיט הייסן דורשט די פינקלדיקע ברכה און זאַמלט אין אויסגעבויטע ריזיקע ציסטערנעס קילע, קרישטאַלענע וואַסער־מאַסן אויף שפּעטער. גלעט די ערד פאַמעלעך אויס אירע האַרטע קנייטשן, ווערט ווייך און שמייכלט מיט אויפגייענדיקער פּרוכפּערדיקייט אויף די אַלטע יאָרן — און דאָס גאַנצע לאַנד יובלט מיט דעם העלן געזאַנג פון וואַסער.

וואַסער גאַר? מיר געדענקען אַלע אַמאָליקע יאָרן אין שטעטל: רעגן — גאָרנישט! סתם וואַסער! אַ גוי דאַרף רעגן — אָבער וואָס האָט אַ ייד צו טאָן מיט דער זאַך? האָט דער אַלטער הענעך מיט דער צעלעכצטער קאַראַמיסלע אויף די פּלייצעס אָפּגעטראָגן אַ מאָל וואַסער אין צוויי הילצערנע קאַנען און זיי אויסגעגאָסן אין טוכלען פעסל ביי דער טיר, האָט מען אָנגעשעפּט אַ פולע קופּערנע קוואָרט מיט צוויי אויערן, געמאַכט „שהכול" — גאָרנישט! און שבת נאָכן טשאָלנט, אין זומערדיקן בית מדרש, צווישן זלידנע פליגן און דער געלייטערטער לעבנס־חכמה פון „פּרק", ווו „שמעיה ואבטליון" זאָגן ביידע אין איינעם איין רעיון און דאָס זאָגעכץ איז שבתדיק־מילד און טשעפּעט נישט מיט קיין שאַרפע הלכות — פלעגט הערש בער דעם שוחטס, אַ יונג מיט אַ גאָרגל און מיט בחורישע פרישטשעס, אַרויפציען מיט דער גליטשיקער וויאַדרע פון טונקעלן ברונעם אַ קאַלטן טרונק, וואָס שמעקט מיט ערד און מיט זשאַווערדיקער קייט: „אַ מחייה...!" — גאָרנישט.

און אַז מען האָט געבענטשט גשם די צווייטע טעג סוכות, האָט מען זיך געקוויקט מיט דעם זיס־האַרציקן ניגון, וואָס בעלי מלאכות פלעגן אונ־טערברומען אַ גאַנצן אָסיען ביז צו די שאַרפע פראָסט — אָבער פאַרן וואַ־סער אַליין האָט מען אַ ביסל געציטערט. וואָרום דער דאַך איז צעלעכערט און די שטיוועלעך פון די קינדער דאַרפן אַן אונטערגעניי — און דאָ כליאַ־פּעט אַ צעווייקטער הימל: ווער זשע דאַרף עס! אַז די פעלדער זענען סיי ווי גוישע און די נאַטור, ווייט פון מאַרק און פון בית מדרש, איז דער פּלאַץ, ווו שקצים רייצן אַן הינט אויף יידישע קינדער — וואָס זשע האָב איך פון דער גאַנצער ברכה דאָרט!

האָט זיך אָבער אין ישראל אַלץ געביטן פון גרונט אויף: דער ייד און זיין לעבן, זיין גוף און זיין נשמה און די לאַנדשאַפט פון אינעווייניק און פון דרויסן. די פעלדער זענען אונדזערע און אונדזער: די האַרעוואַניע און די פרייד און די שווערע דאגות. אַוודאי איז דער רעגן אַ גרויסע ברכה — און איך האָב געזען די טעג איינעם אַ מושבניק, וואָס האָט געטראָגן אַרום זיינע שווערע שטיוול צוויי גרויסע קרענץ מיט פרישן פעטן „בוץ״, גלייך, עס וואָלטן געווען קרענץ פון שטראַלנדיקער פרייד: „גשמי ברכה״ — האָט ער מיט אַ גליקלעכן שמייכל געשעפטשעט צו זיך אַליין ווי מען שעפּ־טשעט אַ תפילה.

שניי

אַלע מאָל, אַז ס'נעמט ווינטערן אין לאַנד, דער הימל כמורעט זיך און טוט זיך פלוצלינג אַ חנדל, דער נאַפט־אויוון איז כולו קאַפּריז און ריחות, וואָס מ'דאַרף ניִשט, דער וועטער־נביא וויס „פּאַרויס", אַז נעכטן איז געווען טריב, און דער „מזג אוויר" צעהוליעט זיך מיט גשמי ברכה און מיט קויטיקע קאַלושעס, וואָס פאַרכליאַפּען מיר אַזש די ברילן אויף דער נאָז, אומשולדיקע ברילן — אַלע מאָל אין די טעג דערמאָן איך זיך, אַז מיר פעלט דער שטילער שניי פון די קינדעריאָרן.

דער שניי פאַלט אָן איבער נאַכט און ער ליגט שוין. ער גרייפּלט זיך מילד, גלייך פון הימל, אויפן דאַך, אויף דיביימער, אויפן פּאַרקאַן, אויף די צוויי ציבעלע־טורעמס פון דער צערקווע, אויף די פערדלעך אין מאַרק, וואָס שטומען, אויף די טעלעגראַף־סלופּעס, וואָס זשומען, אויף דער שמאָלער אַי־ליצע הינטער דער קלויז: גלימצערדיקער שניי.

זיין ווייכע ווייסקייט איז באַזונדערס גוט צו דער שלווה פון די שבתדיקע פרימאָרגנס. קיין גוי זעט מען נישט אין גאַס און קיינער דאַרף אים נישט. נאָר די שיקסע, קאַשאַ, קומט צו גיין פון איר נאַכט ערגעץ, הייצט איין דעם אויוון און קערט איבער אין איר טריפהנעם האַלדז אַריין אַ בייכיקן קעלישיק אָקעוויט. די אייגענע משקה, להבדיל, טרינקען הייסע חסידים.

די פענצטער זענען פאַרקאָוועט און די גאַנצע וועלט, איינגעשטילט אין שניי, איז איצט אינעווייניק, אין דער בלוילעכער פאַרנעפּלטקייט פון דער פרימאָרגנדיקער שטוב, צווישן די ווינטערדיקע סדרות, וואָס דער טאַטע איז

מעביר: אבות און מלאכים אויף דער ערד, די מוטערס פון חומש, קעפּס־ווייבער, פאַסטעכער און שאָף — אַלץ מיטן זינגעוודיקן טראָפּ.

פון אָנגעהייצטן פּיעקעליק, איינגעדעקט מיט אַלטע פּוטערס און אָנגעסמאַליעטע אויסגעדינטע קאַלדרעס, נעמט אַראָפּ די מאַמע ערדענע פּלעשער הייסע קאַווע, די מאַנצבילן זאָלן זיך דערוואַרעמען די געדערעם פאַרן דאַווענען. זי אַליין טרינקט צוויי טעפּלעך — אָבער אַן אשה רעכנט זיך נישט.

גייט דער טאַטע אין קלויז אַריין, דער טאַטע מיט די יינגלעך — אַלע פאַרפּראַשעט מיט שניי: דעם טאַטנס באָרד, דאָס סויבלנע שטריימל, דער פוקסענער טוליפּ און די סאַמעטענע קעלנער פון די יינגלישע מאַנטלען, וואָס הייבן אָן בייצייטנס שמעקן מיט חתן־בחור און מיט אויפרופנס, מיט נדן און כלה־מיידלעך.

די אָפּגעשאָקלטע שטריימלעך און טוליפּעס נעצן אין דער אָנגעפּאַרעטער קלויז — און דאָ האָט מען צו טאָן מיט היציקע שבטים און „ישמעאלים טערקן״ פון די ווינטערדיקע סדרות, מיט פּוטיפרס ווייב, וואָס טוט גלוסטן צו יוסף הצדיק, און מיט די שאַרפע ברידער, וואָס האָבן זיך „געקליגט״, אים צו טייטן און אַריינוואַרפן אין אַ גרוב פון שלענג און עקדישן, וואָס איז מסתמא פול מיט שניי אויך.

סאַנעלע דעם שוחטס קומט שפּעט צום דאַווענען, פאַרשנייט און פאַררויטלט. ער איז אַ „שנה ראשונהניק״ און ס׳איז אים שווער זיך אויפצוכאַפּן. דאָס יונגע ווייבל לאָזט נישט — ווינקען זיך איבער חסידישע לצים, זיי גיבן אים קונדייסיש אַ שטורקע אין אַ זייט: שטומער, געפּעפּערטער ניבול פה.

איינער אַ ווינטערדיקער אורח ערגעץ פון יענע מקומות, מ׳זאָגט: פון ריסינלאַנד. דער ייד גייט יעדעס יאָר צופוס פון יענער זייט גרענעץ און שטעלט זיך אָפּ ביי אונדז אין שטאָט צו ר׳ איציקל דראָביטשערס יאָרצייט. דאָס ווייסע בערדל אַ גרודע שניי, פון דאָרט און פון דאַנען, און די בגדי שבת זענען אַ פּויערישע קורטקע און אַ קאַשקעטל. דער אורח רעדט נישט קיין דברי חול אַ גאַנצן שבת און מ׳זאָגט אויף אים, אַז ער איז פון די ל״ו — אַז נישט, וואָס עפּעס אַ קאַשקעטל און אַ קאָזשוך?

*

דאָס איז געווען איינער אַ ווינטערדיקער שבת פון מיינע יונגע יאָרן — און לעצטן שבת, אין קאַלטן רעגן פון די ימות הגשמים, וואָס ברוגזן זיך, האָב איך באַגעגנט אין גאַס, אין סאַמע צפון פון תל־אביב, אַ היפש רעדל ברייטע גאַליציאַנער שטריימלעך און ראַדזיווולקעס, אַ ייד מיט איידעמס, סויבל, אַטלאַס, סאַמעט, שלווה.

די יידן גייען בנעימותדיק פון דאַוונען, גייען מיט פאַמעלעכע שבת־דיקע טריט און שמועסן, אפשר דברי תורה, אין שטורעמדיקן רעגן, צווישן די קויטיקע קאַלוזשעס, וואָס יאָגנדיקע מאָטאָציקלען שפריצן, אָן דרך־ארץ, אויף זייערע אָפּגעהיטענע בגדים.

אַ גבורהדיקע פאַרזעעניש פון אַ לאַסט־אויטאָ שלעפּט זיך מיט אַ משא רערן און אייזערנע שטאַבעס, כליאַפּעט מיט זשאַווערדיקע וואַסערן און היר־זשעט מיט ברייטע הייזעריקע קרעכצענישן — אָבער דער ייד מיט די איי־דעמס זענען כולו סדרה און שוין וואָרעם פון קידוש נאָכן דאַווענען. עס אַרט זיי נישט, וואָס די מלבושים ווייקן און די שטריימלעך רעגענען ווי רינוועס, וואָס קאַפּען זלידנע אין שטעטל נאָכן טשאָלנט.

איינער פון דער משפחה איז אַ פּאַראַשוטיסט אין אַ נאָסן, געפּלעקלטן מונדיר. דער חייל האָט אַ ווייך בחוריש בערדל, וואָס לאַשטשעט זיך צו זיין שמאָלן פּנים, און די פאות זענען ביי אים אַריינגעוויקלט אין רויטן מיליטע־רישן היטל. מסתמא האָט דער חייל באַקומען אַ קורצן אורלויב אויף שבת. נאָך הבדלה וועט ער זיך אומקערן צו זיין פּונקט.

דאָס רויטע פּאַראַשוטיסטן־היטל טראָגט זיך שמאָל, אַ ביסל פרעמדלעך, צווישן די ברייטע שטריימלעך וואָס זענען כולו האָפערדיקע היימישקייט, אונטער דעם ווינטערדיקן רעגן־הימל. אַ רגע דאַכט זיך מיר, אַז די שבתדיקע שלווה פון דעם רעדל יידן האָט מן הסתם אויך, אויף איר אופן, אַ שטילן, ערנסטן חלק אין דעם וונדערלעכן כוח פון דעם פּאַראַשוטיסט, וואָס גייט איצט אַהיים פון מקום־קדוש און האָט, ווי מיר ווייסן, אַ סך צו טאָן מיטן הימל: אונדזער פּאַראַשוטיסט.

שבת אין קיבוץ

יענע וואָך האָב איך פאַרבראַכט פרייטיק־צו־נאַכטס אין אַ קיבוץ אין צפון, נישט ווייט פון דער גרענעץ, ווייט פון פאַרפונדעוועטקייט — איז דאָ דער שבתדיקער שטייגער נאָך ציטעריק אַ ביסל, גרין ווי די יונגע פלענצלעך, וואָס רייסן זיך צווישן די שטיינער, שפּראָצנדיק „רויע" פאָלקס־קדושה, וואָס האָט נאָך נישט באַוויזן, צייטיק צו ווערן.

איך בין אָנגעקומען שפּעט פאַרנאַכט מיט דעם לעצטן ערב־שבת־אויטאָבוס. דער נהג לאָזט מיך אַראָפּ אויפן שאָסיי, נאָענט ביים טויער. איך גיי מיט דער שמאָלער זאַמד־סטעזשקע, צווישן שטיבלעך, וואָס לויכטן בלייך אין בלוילעכן טונקל. אין איינעם פון די שטיבלעך וווינט דער פריינד, צו וועמען איך בין געקומען — איז ער גראָד אַרויס אין די פעלדער, צו די גרענעצן פון קיבוץ, אַ „קוק" טאָן. אין לאַנד און אין אויסלאַנד טומלט די טעג מיט שפּאַנונג און עס ווערט דערמאָנט אַ כביש, אַ וואַדי, אַ בערגל אין יענעם קאַנט, ווו מען „גרייט זיך". אָבער די „נקודות" האָבן זיך צוגעוווינט זיין רויק און פעסט אין סאַמע מיטן טומל פון די צייטונגען: אַ נייער מין „שטייגער" אין ישראל.

דער אָוונט מישט קאַפּריזנע קאָלירן אין איינעם מיט דעם פערלמוטער פון נישט ווייטן ים — און עס אַרט זיי ביידן נישט, צי האָט מען שוין געזען אַמאָל אַזאַ פאַרבן־געמיש, צי ניין. אויף די פעלדער שלייערן זיך וויאָלעטע שאָטנס און אַ וואָך פון שווערער האַרעוואַניע שטילט זיך איין. ליגט אַ יונגער שבת אויף צעאַקערטע בייטן, אויפן אויסגעשפּאַנטן טראַקטאָר, וואָס דעכעט

אָפּ, אויף שטאָלן און וואַרשטאַטן, אויף גערטלעך פּאַר די שטיבלעך, אויף חברים, וואָס גייען פון מקלחת, ווי די ייִדעס אַמאָל פון שטעטלדיקן מרחץ, אויפן לול מיט טויזנטער ווייסע הינער, וואָס טראָגן שוואַרצע ברילן.

דאָס איז אויך שבת, אַ שפּאָגל־נייער, נאָך נישט קיין געניצטער, נאָר וואָס אַרויס פון חומש: „יום השביעי״, געהייליקט פון דעם „ששת ימים תעבוד״. פּראַוועט דער קיבוץ זיין שבת אָן ר׳ כאַצקל שוחטס פאַרכריפּנעטן „לכו־נרננה״ — אָבער אַוודאי נישט אָן נשמה יתירה. איך באַגעגן אויף די זאַמדיקע סטעזשקעס פאַרביקע סוועטערס, רובאַשקעס, העלע צעפּ און שוואַר־צע שויבערס, אין איינעם מיט ווייסע קאָפּטיכלעך און אַ ביסל געבויגענע פּלייצעס פון פאַרצייטיקע טאַטע־מאַמע.

אויף לאַנגע טישן אין חדר אוכל זענען פאַרשפּרייט גראָבע טישטעכער, אויסגעאַרבעט פון פויערישן לייוונט. די ייִנגסטע פון קיבוץ, אַ געראָטע־וועטע פון אוישוויץ, צינדט ליכט אין קליינע הילצערנע לייכטערלעך און די פלעמלעך ציטערן נישט אַנדערש ווי אויף דער מאַמעס טיש פון פאַרצייטנס. אַוודאי האָבן דאָ „בשר ודגים״ אַ פּנים ווי טאַמאַטן מיט רעטעך און די יויך מיט די „פעטע אויגן״ דערמאָנט שטאַרק אין „לבניה״ פון דער אייגע־נער מחלבה — אָבער די זמירות זענען פול מיט שבתדיקער פרייד.

צעזינגט זיך דאָס מיידל פון אוישוויץ און אַ בחור כאַפּט אונטער — כאַפּן אַלע אונטער. זינגען די ליכט און די ווענט און דאָס ברויט אין גע־פלאָכטענע קוישלעך. באַלד מאַכט זיך אַ רעדל און אָט דרייט זיך אַ קאַ־ראַהאָד: נישטאָ שוין דער טיש, נישטאָ די בענק און די ווענט האָבן זיך אויך אָפּגעטראָגן: יי־ש־מ־ח־ו... ב־מל־כו־ת־ך...״

ווו איז אַהינגעקומען דער אָוונט? געוועז, דאַכט זיך, פרייטיק־צו־נאַכטס, מיט אַ מאָגערער סעודה אין בלעכענע טעלערס, מיט טריקעניש אויף די פעל־דער, מיט שפּאַנונג אויף די גרענעצן, מיט פּאָליטישער הינט־בילערייַ אין ראַדיאָ — געבליבן איז איין איינציקער בליצנדיקער קנויל פון שבתדיקער ליכטיקייט און לעבנס־פרייד: „יש־מ־ח־ו... ב־מל־כו־ת־ך...״

אָפּרו

עטלעכע טעג האָב איך פאַרבראַכט אין אַ בית הבראה און עוסק געווען אין אָפּרו: אַ היפּשע האַרעוואַניע. גאַנצע מעת־לעתן האָב איך געלאָזט די וועלט אויף איר אייגענעם באַראַט, נישט געוואָלט וויסן, וואָס פאַר אַן עצה זי טוט זיך מיט זיך אַליין — און להבדיל, וואָס טוט די כנסת אָן אַ שטיקל היימישלעכן טומל — האָב איך געזען: עס גייט.

קיין ראַדיאָ האָב איך נישט געהערט און קיין צייטונגען כמעט ווי נישט געלייענט, און אין די האַרציקע באַציונגען מיט חברים־שרייבערס האָב איך אויך מקפּיד געווען די עטלעכע טעג אויף שטרענגער דיעטע: אָפּרו!

צווישן דעם עולם אָפּרוערס געפינען זיך עטלעכע דאָקטוירים פון קופּת חולים — זעט מען די אומבאַהאָלפנקייט פון ספּעציאַליסטן, אַז עס גייט אַ מאָל וועגן דער אייגענער שלאָפקייט: אַז דאָס האָט גאָר קיין כּוח נישט צו זיין אַ חלוש.

אַלע יאָרן זענען זיי פאַרנומען מיט יענעמס קרענק, רק יענעמס — דאָס קאָנען זיי: ריינע פאַך־וויסנשאַפט. אַוודאי באַציט זיך די שטרענגע וויסנ־שאַפט מיט אַ געוויסן חשד צו די פּשוטע בשר־ודמסקע יידן, וואָס האָבן אין זינען בלויז איין איינציקע זאַך: אַריכת ימים. דאָס איז זייער אידעאַל — עגאָאיזם פון אינטערעסענטן.

זיי קרענקען, קרעכצן, פּיעשטשען זיך, אַלץ אַזוי פערזענלעך — אַז

אָביעקטיווע קריטעריעס, אָן מעדיצינישער טערמינאָלאָגיע, אָן אַ דיפּלאָמע, — וואָס זשע פאַר אַ טעם קאָן האָבן די גאַנצע חולאת ?

קאָן זיין, די מעדיצין וואָלט שוין היינט געהאַלטן אַ סך ווייטער אין איר אַנטוויקלונג, ווען עס דערקוטשען נישט די פּאַציענטן, די בודניקעס. זיי זענען נישט מער ווי אַ „צד", וואָס ווילן דווקא זיין געזונט אויף אַלע רמ"ח אברים — וואָס זאָגט מען צו יענע ?

אַ גאַנץ לעבן שטייט דער דאָקטער צווישן דער קראַנק און דער רפואה — אַ מין „טראַפּיק", וואָס רעגולירט די קאָמוניקאַציע צווישן שפּיטאָל און בית עלמין. סיי ווי קומט מען דאָרט אָן, אַזוי צי אַזוי — אָבער דער דאָקטער טוט אַכטונג אויף דעם ריכטיקן טעמפּאָ.

מאַטערט זיך טאָקע דער „ספּעץ" אַלע יאָרן, אָפּצודינגען ביים אַנדערן „צד" וויפל עס לאָזט זיך, פון דעם צו הויכן סטאַנדאַרד פון דילעטאַנטישע רמ"ח אברים — קיין הידוש נישט, וואָס דער דאָקטער אַליין ווערט נערוועז, קריגט מיט דער צייט אַ שוואַך האַרץ און שיקט זיך אַליין אויף אָפּרו.

דאָס בית הבראה איז טאָקע באַשטימט, דער עיקר, פאַר דאָקטוירים און אַנגעשטעלטע פון קופת חולים — אָבער צו מאָל כאַפּט זיך אַריין אַ חלוש פון אַ גאַנץ יאָר. איך האָב דאָרט באַגעגנט עטלעכע שרייבערס און לערערס — פּראָפעסיאָנעלע שלאָפע — אַ פאַר אַרבעטער, נהגים, אַ ריכטער, צוויי טע־לעפאָניסטקעס, און איינעם אַן אַבסטראַקטן מאָלער מיט אַ קאָנקרעט ווייב: אַ ווייב — אַ מציאה צוויי ווייבער.

איך האָב אויך באַגעגנט אויף דעם פּלאַץ איינעם אַ ייד, וואָס קומט אַהער אויף יעדן יום־טוב: יאָ שוואַך, נישט שוואַך. דער ייד איז אַ גרויש — האָט ער אַ חזקה, קידוש צו מאַכן עפנטלעך: „...מכל ע־ע־ע־ם..." ער האָט אַ שיינעם ניגון און אַ מאַניקירטע מאַהאַגאָני־באָרד — און ווען ער האָט צייט צו „די זאַכן", וואָלט ער אַוודאי געווען אַ דענקער.

די לייטונג פון בית הבראה היט זיך אויס פון „שוויץ" און וויל אויף קיינעם קיין „רושם" נישט מאַכן: דאָס הויז פירט זיך באַלעבאַטיש, מיט צניעותדיקער רחבות — און אויך די לאַנדשאַפט „שטופּט זיך נישט". זי דינט דאָ בלויז ווי דיסקרעטער הינטערגרונט: געננוג.

דער גאָרטן איז זוניק און שאָטנדיק — און די לאַשטשענדיקע ווינטלעך, וואָס קומען אַרויף פון ים, שעפּטשען שוין אַליין צו דעם יונגן ווייבל, אַ שכנה אויפן דערנעבנדיקן לעזשאַק, וואָס מ׳איז זיך נוהג צו „שעפּטשען" ביי אַזעלכע באַדינגונגען. זי איז דאָ אַליין — און זי ווייס, ווי מ׳פירט זיך. קיין „פּראָטאָקאָל" איז נישטאָ — אַלץ לויטן אָנגענומענעם שטייגער.

די „אַרטיסטישע פּראָגראַמען" ווידער — זיי האָבן די מעלה, וואָס, אַז דו ביסט שוין גאָר אַ מפונק, טוסטו זיך אַ דריי אויס פון זאַל און פּראָוועסט אין דרויסן ביחידות דיין אינדיווידועלע פאַרלאַנגוויילונג. שטאַרק באַליבט זענען די רעטענישן, וואָס שאַרפן דעם מוח — אַזוי ווי אָבער אויף מיר האָט מען שוין אויסגעפּירט פאַראַיאָרן פונקט אַזעלכע „שאַרפע עקספּערימענטן", און דאָס מיט ווינציק הצלחה, האָב איך זיי הײַ־יאָר נישט מער איבערגעחזרט: האָפענונגסלאָזער פאַל.

דער „טשוואָק" איז נאַטירלעך די „קונסט": יעדער אַרטיסט מיט זיין „נומער". איינער „ברענגט אייך" די באַרימטע מעשה מיט דער „שוויגער". די מעשה שלעפּט ער, יאָר איין, יאָר אויס, איבער אַלע אָפּרופלעצער פון לאַנד: אַ שווערע טירחה פאַר אַ שוויגער אין די יאָרן. אַן אַנדערן אַרטיסט האָב איך געהערט אַ מאָל קרייען ווי אַ האָן. ער קרייעט מיט אַקאָרדיאָן־באַגלייטונג — און ער מאַכט דאָס כמעט נאָך עכטער ווי דער האָן אַליין: גאָרנישט קיין פאַרגלייך. דער יונג האָט אַ פּאָר וואָנסעס ווי די באַרשטן און מיט זיינע צוויי גבורהדיקע הענט וואָלט ער מסתמא געקאָנט טאָן נוצלעכערע אַרבעט — אָבער זיין ליידנשאַפט איז די קונסט. אָוונט פאַר אָוונט קרייעט ער ווי אַ האָן — און שבת־צו־נאַכטס קרייעט ער טאָפּלט, אין צוויי פּראָגראַמען.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך דאָ נישט לאַנג געהערט צופעליק דעם נומער פון בעל דבר אַליין, טאַקע פון האָן גופא, אין זיין נאַטירלעכער אַרענע, אויפן מיסטפּלאַץ פון דאָרף. יענער האָן האָט געקרייעט מיט די קולות פון דורות הענער, מיט איינגעבוירענעם טאַלאַנט און אָן שום באַגלייטונג.

יאָ, די צרה מיט די אָפּרוערטער זענען די אַרטיסטישע פּראָגראַמען. אַ מאָל מאַכט זיך נאָך, אַז פון פּובליקום אַליין וויל זיך אויך עמעצער פּראָ־

דוצירן: „להשתגע״ — רופט מען דאָס אויף ישראליש. טייל אָפּרוערס זענען נישט סתם דאָ — זיי „באַווייזן״ זיך. זייער שטיין און גיין, עסן און שמועסן איז איין גרויסע טומלדיקע „אַרויסטרעטעניש״.

איינער אַ נהג: אַ גאַנץ גייענדיק יאָר איז ער פול מיט רוגזה — אין בית הבראה איז ער אַ מאָטאָריזירטער פאַרוויילער. ער זינגט רוסישע ראָמאַנסן ווי מליאָורע פּאָווידלע און ווינקט מיט אַן אויגל צו יעדער סבתא: „מותקל!״. ער לאָזט נישט אָפּ קיינעם, דער חברה־מאַן: פיינט, אַז מען גענוצט.

„שפייסצונאַכטס"

אַ מאָל ווילט זיך פשוט אַנטלויפן פון די גרויסע וועלטטעמעס, וואָס פאַרהילכן אונדזערע טעג און נעכט, און זיך צוטוליען צו די רעשטלעך היימישע, זאָל זיין אַפילו „אַלטפּרענקישע" זאַכן, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן אין די שטילע ווינקעלעך פון אונדזער לעבן, איידער ס'איז געוואָרן אַן „עפּאָכע" — נו, לאָזט מען דען ?

ווי נעמט מען כוח צו אַזוי פיל „גרויסע צייטן", סאַמע דראַמאַטישע ? ווי קאָן מען אויסהאַלטן אַזאַ שטורעמדיקן געדראַנג פון נאָך און נאָך פּראָגרעס, סאַמע אויפטוען, וואָס רייסן זיך אַריין אין אונדזער לעבן מיט אַזעלכע געוואַלדעס פון טריומפאַלער האָפערדיקייט — און דאָ איז מען קוים איין מענטש אַליין אין כאַאָס פון דער צעבושעוועטער טעכנאָלאָגישער ציוויליזאַציע ?

ווייס איך וויל : נאָסטאַלגיע איז קיין סחורה נישט אין די „נייע צייטן" — און אין אַ וועלט פון וועלף איז נישט שייך שעפּטשען. סקאָוווטשע, גוטער ברודער ! וואָרעסקע אין חיהשן כאָר ! דאָס איז דער טאָן. אָבער איך זאָל זאָגן, כ'האָב הנאה פון דער קאָקאָפאָניע ?...

איך מיין נישט בלויז די נייע שלאָגערס, וואָס האָקן מיר אין קאָפּ, טאָג ווי נאַכט, האָצקעס און אינטערנאַציאָנאַלע גרילצערייען פון נעאָשונד אין פילמען, קאַבאַרעטן, באַרן און פריילעכע קרעטשמעס, טאַראַראָם פון ראַדיאָ און טעלעוויזיע, וואָס האָבן זיך פאַרלייגט אויף מיינע יאָרן און ווילן מיך דווקא, אַלע צוזאַמען, פריילעך מאַכן ביגוואַלד. וואָס האָבן זיי צו דער

אינטימער, געמיטלעכער לאַנגווייליקייט פון מיינע פּריוואַטע ד׳ אַמות ?

דורך די אָפענע פענצטער קרייעט אַריין פון אַלע זייטן דער קאָנצענ־טריר־טער געפילדער פון די אַלוועלטלעכע אַמוזיר־מאַכערייקעס — און אַז דו פאַרמאַכסט שוין גוט דאָס ראַדיאָ־קעסטל, בורטשעט דאָס ערשט, פאַר־מאַכטערהייט, מיט רוגזה און עקשנות: נישטאָ קיין איין שטילער ווינקל אויף דער ערד.

אָט איז שבת־צו־נאַכטס אין תל־אביב. מיד פון דער לאַנגער שבתדיקער רו, ווילט זיך אַ ביסל אַרויסגיין אין גאַס, אַזוי זיך, אָן אַ פּראָגראַם. קאָן איך זיך אָבער נישט דורכשטופּן דורך דעם געריס פון קולות, וואָס זיי אַליין, די קולות, פאַרנעמען דעם גאַנצן כיכר דיזנגוף — און שטערן די קאָמוניקאַציע.

דערצו קומט ערשט די „חברה״. די קיאָסקן זענען אַרומגעבויט מיט פּלייצעס, טראַנזיסטאָרס, פּיצאָס, גלידה, וווּרשטלעך, שעוועליורעס, זייִנע און אירע, און דער עיקר: די „חתיכות״ (די „מיידלעך״). טייל זעען אויס ווי בחורים, וואָס האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר מיידלעך, און פאַרקערט אויך. פון דעסטוועגן, ביי פאַרבייטן האַלט דאָס נישט.

די גאַסן זענען אָנגעשטאָפּט מיט פּילפּאַרביקע קאַראַוואַנעס. דאָס אַלץ גייט „פאַרברענגען״. אַלע גייען, גייט מען אויך: מ׳עט דאָך נישט זיצן אין דער היים און זיך נודיען פון גרייטן — גייט מען. אין מיטן שטייט מען, מען שטופּט זיך ערגעץ צו אַן אַמוזאַנטער נודאָטע.

דערנאָך גייט מען צוריק פון דער פאַרלאַנגווייליונג — מ׳האָט שוין גע־לאַכט אויך: איז ערשט רעכט אומעטיק פון דער „פרייִלעכקייט״. דרייט מען זיך ווידער אַרויף און אַראָפּ. קיין הנאה האָט קיינער נישט. ס׳שוין נאָך די לידלעך און נאָך די וויצן — וואָס וועט זיין דערנאָך ?

דאָס איז דער דור, וואָס מען זעט אים שבת אין גאַס ביי אונדז און ביי אַנדערע: נישט דער גאַנצער דור, אָבער יענער, וואָס לעבט אַזוי צו זאָגן אין דרויסן, אין גאַנצן אָן פּנימיות. קיין דאַך איבערן קאָפּ האָט דאָס נישט. דער קאָפּ אַליין איז פאַרטומלט און זיין ליידיקייט איז נאָך דערצו צעמישט אויך. דאָס דאַרף מען קאָנען.

זיין לאָזונג איז: גיכער, וואָלוועלער עולם הזה — מיט אַ גאַראַנטיע, אַז קיין הנאה ועסטו פון אים נישט האָבן. דאָס איז דער טאַנדעטנער עולם הזה, וואָס ווערט פּראָדוצירט אין ריזיקע מיליאָנען־סעריעס, אַזוי ווי די בונטע ספּאָרט־שפּענצערס און די שמאָלע דזשינס, אַלע גייען אין די מונדירן.

ווייס איך וויל, דאָס איז דער סטיל פון דער „נייער צייט", ביי אונדז און ביי אַלעמען: ועסט, חלילה, צוריקדרייען דעם זייגער? דער דאָזיקער רעקוויזיט איז אַ מין דבר שבקדושה ביי די נייע נודניקעס — למען השם, טשעפּע נישט דעם „זייגער"!

פון דעסטוועגן גיט זיך אַ מאָל, אומלעגאַל, אַ בענק צוריק נאָך די אַלט־פרענקישע צייטן — כ'זאָל זאָגן, מ'טאָר טאָקע נישט? געווען דעמאָלט אַנ־דערע שבתדיקע פּאַרנאַכטן, שטילע, געצוימטע, מיט ווייכער, טונקעלער, מתיקותדיקער צעזונגענקייט פון סוף־שבתדיקן אומעט.

זיצט דער טאַטע מיט די קינדער, מיטן פרעמדן אורח און מיט די „בני היכלא" ביים מאָגערן, שלוש־סעודותדיקן טיש — רעשטלעך זמירות, פּיצלעך פיש, איבערבלייבעניש פון שבת, און רעפטלעך חלה טונקט מען אין חסידישן אָקעוויט. דער טיש איז טונקל — אָבער דאָס רעפטל טרעפט גלייך צום קעלישיקל.

ביי דער סאַמעטענער בלויקייט פון פענצטער פירט די מאַמע איר מלכות: אַליין אַ זילבערנע עטרה, אַריינגעוועבט אין בין־השמשות. זי טוליעט זיך צום רבונו של עולם און שעפּטשעט צו אים היימישע תפילות אויף פאַר־צייטיקן תחינה־יידיש. זי רופט צו הילף די אבות און די ליבע אמהות שרה, רבקה, רחל, לאה.

אפשר רעדט די מאַמע מיט אַ כיוון גאָר שטיל און היט זיך אויס מיט אירע וואָרעם־פאַרצויגענע רייד אויף ווייבעריש יידיש, כדי די מאַנצבילן, די חסידישע לצים, זאָלן נישט הערן און נישט חוזק מאַכן פון אַ יידענע. זי רעדט פאָרט אַנדערש מיט זיין ליבן נאָמען, ווי די מאַנצבילן מיט זייער האָרבן לשון קודש פון די סידורים און די ספרים.

קאָן זיין, אַ מאָל פאַרבענקט זיך די פּמליא של מעלה אַליין נאָך אַ יידיש

וואָרט. ווייסן זיי שוין דאָרט אויבן, אַז שבת פאַר נאַכט שטייען אין טונקעלע ווינקעלעך פון דער וועלט יידישע מאַמעס און שעפּטשען זייערע תפילות מיט אַ מאַמישן ניגון, מיט פּראָסטע מאַמישע ווערטער: אוי, באַהיט... און באַשירעם... טאַטע זיסער אין הימל...

ס'איז דען פאַראַן נאָך עפּעס צו זאָגן?

אַ „גרינער" יום־טוב

דאָס איז דער פֿאָלקס־יום־טוב פֿון בית שלישי: דאָס גאַנצע פֿאָלק אין די גאַסן, מאַניפֿעסטאַציעס, פּאַראַדעס און פֿענער, קונסט און ספּאָרט און צעזונגענע אַרמיי, הַלל אין די שולן און יום־טובדיקע טישן אין יידישע שטיבער מיט טאַטעס און קינדער ביי איין טיש, מיט ליכט און קידוש און „שהחיינו": יוגנט־פֿרייד פֿון אַן אַלט פֿאָלק.

צוגעקומען אַ נייער יום־טוב דעם יידישן פֿאָלק: יום העצמאות. אַ „גרי־נער יום־טוב", כמעט אין גאַנצן אָן טראַדיציע. מסתמא האָבן די ערשטע פּסח־יום־טובים אין גרויע הומשדיקע יאָרן, באַלד נאָך יציאת מצרים, אויך געהאַט אַ פֿאַרעווען טעם, און אפשר האָבן זיך די פּעליטעאַניסטישע פֿיינשמעקערס אַרום משה רבינו אויך אַ ביסל געקרימט צוליבן מאַנגל אין יום־טובדיקן נוסח. ערשט אין משך פֿון דורות האָט זיך דער פֿרייהייטס־יום־טוב פּסח אָנגע־טרונקען מיט שטראַלנדיקן גלאַנץ — לאָמיר־זשע איבערוואַרטן אַ ביסל, לעבן און דערלעבן: נישט קשה, אריכת ימים איז אַ „פּאַך" ביי יידן.

אַמאָל אין גלות זענען מיר יידן געווען גרויסע בריהס אויף אַלע מאָל נייע תעניתים. מיר האָבן שטענדיק מיט שאַרפֿע קעפּ אויסגעחשבונט פֿרישע טרויער־טעג. גזרות האָבן נישט געמאַנגלט, רשעים אויך נישט — האָט מען געפֿאַסט תעניתים: שמחות האָבן מיר קוים געפּראַוועט די אַלטע, פֿאַר־הייליקטע, לויטן שולחן ערוך — האָט מען קיין ברירה נישט געהאַט און זיך משמח געווען אויף כוח.

אין מיינע יונגע יאָרן אין חדר האָב איך געהאַט איינעם אַ מלמד, אַ גע־

הויבענער ייד געווען: הויט און ביינער, תיקון־חצות און ספּאָדיק — און רמ״ח אברים האָט ער יוצא געווען מיט באָרד און פּאות. דערצו איז דער ייד געווען אַ מקובל און אַ מקבל: טאָפּלטער הכנסה־קוואַל פאַר זיין דלות. ער האָט אַלע יאָרן געוואַרט אויף משיחן און אַלע יאָרן האָט ער געוווסט פאָרויס, ווען משיח וועט אַלץ נישט קומען, צוליב די זינד פון דור: געהאַט דערויף אַ לוח פון דער קבלה מיט קונציקע „טאַבעלעס״.

דאָס איז געווען דער אָנהייב, און היינט גייט מען איבער די שטעט און דערפער, פּילט יעדער איינער, ביי אַלע בלאַנדזשעניש און פעלערן, וואָס מיר מאַכן נאָך אַלץ, און ביי אַלע שוועריקייטן, אויף וועלכע אַ יונגע מלוכה האָט אַ „רעכט״: דאָס לאַנד וואַקסט און שטאַרקט זיך אין פאַבריקן, וואַרשטאַטן און וויסנשאַפטלעכע לאַבאָראַטאָריעס, אויף די פעלדער און ביים ים און מיט יעדער שיף, וואָס ברענגט נייע עולים קיין ישראל. עס קומען־צו שטיקער לעבן טאָג פאַר טאָג, אין איינעם מיט די פּראָבלעמען. פאַמעלעך גייען מיר צו פולער סוווערעניטעט, נישט נאָר פּאָליטיש און עקאָנאָמיש, נאָר אויך פּסיכיש און מאָראַליש. מיר פּלעגן שטענדיק אין גלות אַריינלייגן אונדזערע בעסטע כוחות, כדי געפעלן צו ווערן יענעם. מיר האָבן צו אונדזער אייגן פּנים קיין מוט נישט געהאַט. היינט ווילן מיר זיין בלויז, וואָס מיר זענען: יידישע מענטשן — און עס לוינט.

*

מיר זענען אַמאָל געווען די אָביעקטן פון דער געשיכטע: אַנדערע האָבן זי געמאַכט און מיר האָבן פון איר געליטן, אין בעסטן פאַל האָבן מיר זי „באַשריבן״. מיר זענען געווען די בוכהאַלטערס פון דער וועלט־געשיכטע: „מענטשן״ ביי יענעם. מיר זענען געווען די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרזאָרגערס פון וועלט־גליק פאַר אַלעמען, געשמירט מיט אונדזער מאַרך די רעדער פון פּראָגרעס פאַר אַנדערע, געטאַנצט אויף אַלע שוואַרצע חתונות פון דער וועלט, אומעטום פול, אומעטום ליידיק: מיר האָבן אָנגעהויבן בויען מדינת ישראל, ווען מיר האָבן נאָך אַפילו די העזה נישט געהאַט, דאָס דאָזיקע וואָרט אָפּן אַרויסצוזאָגן. מיר זענען געווען קליינע הייפעלעך „בטלנים־אידעאַליסטן״

און „חכמים״ האָבן געחוזקט פון אונדזערע „פענדלעך און פּושקעס״ — און אַז שונאים זענען אונדז באַפאַלן באַלד אין די ערשטע טעג פון אונדזער מלוכהשער סוווערעניטעט, זענען מיר געווען שוואַך און איינזאַם און האָבן אין יענער שווערער צייט קוים פאַרמאָגט עטלעכע געציילטע אָפּגעציטערטע האַרמאַטן אויף צו פאַרטיידיקן אונדזער לעבן.

אַוודאי, נישט מיט האַרמאַטן אַליין האָבן מיר דעם נצחון דערגרייכט, נאָר מיט דעם כוח פון ייִדישן מענטש, מיט זיין אידעאַליזם און געטריישאַפט, אין קאַמף פאַר אונדזער קיום.

מתּן־תּורה

אַמאָליקע יאָרן, שבועות אין די שטעטלעך, פלעגן ייִדישע קינדער אויספּוצן די שטיבער און די קלויזן מיט גרינע ציטערדיקע צווייגלעך פון מיכאַילאָס גאָרטן. שמעקן זיך די גויִשע צווייגלעך, די גאָרנישטן, פאַר די אַלטע געהויבענע חומרות פון די עשרת הדיברות, וואָס זענען נאָר וואָס אַראָפּגעקומען פון באַרג סיני גלייך אין קלויז אַריין. שטייט דער עולם צונויפגעשטופּט קאָפּ ביי קאָפּ אונטער דעם קהלישן טלית, פאַרשפּרייט ווי אַ חופּה איבערן באַלעמער, און די הערצער פלאַטערן הייס ביי דער באַגעגעניש פּנים־אל־פּנים מיט כּביכול אַליין, דאָ, ביים מעמד הר סיני.

ר׳ לייזער, דער בעל קורא, אַ ייִד מיט צוויי צעקריגטע בערד, וואָס וואַקסן איינס איבערן אַנדערן, לייענט מיט הייזעריקער מתיקות די האַר־בע פּסוקים און די צווייגלעך פון מיכאַילאָס גאָרטן דערקוטשען אַ ביסל די אָנגעהיצטע טליתים פון די טאַטעס און קאָנען זיך קיין אָרט נישט געפינען צווישן אַזוי פיל קדושה. דער גאָרטן איז אַ פרעמדער, שמעקט מיט שקצים, וואָס וואַרפן שטיינער, מיט הינט, וואָס רייסן פּאָלעס און מיט „נאַטור דאָרט״, ערגעץ הינטערן שטעטל, ביים טייך, ביים וועלדל, ביי די בערגלעך, וואָס לאָזט נישט צו קיין ייִדיש קינד.

שמעקט אַריין דער טריפהנער דרויסן אין דער אָנגעגליטער לופט פון מיצוות און חומרות — אָבער דער יום־טוב אַרום און אַרום איז איין גרויסע לויטערע פרייד פון זיסן „אקדמות״ און וואַרעמען צימרינג. די

מאַמע האָט הנאה פון דעם יונגן משה רבינו, וואָס האָט זיך אַזוי שיין צעשמועסט מיט די מלאכים, און פון דעם מילכיקן „כל־טוב", וואָס זי האָט אָנגעגרייט לכבוד יום־טוב. „מילכיקס" אויף שבועות איז פאַר זיך אַליין אַ שטיק פריילעכע ווייבערישע העזה אין דער שטרענגער יום־טובדיקער מאכלים־טראַדיציע: שווערע אייזערנע טעפּ מיט געפילטע קוגלען.

באַצירן די צווייגלעך פון מיכאַילאָס גאָרטן דעם מעשענעם הענג־לייכטער איבערן ווייסן טיש און חסידישע פּעטערס טרינקען „לחיים" און לאָזן אַראָפּ צענדליקער פּרוכנע קנישיקלעך מיט קעז, וואָס גליטשן זיך פלינק צווישן צעעפנטע בערד. דאָס איז דערווייל „פאַרבייסן" ביים קידוש, אַריינגעכאַפּט, נאָך מתן־תורה, איידער וואָס־ועז, ביז מען וועט זיך „וואַשן": גאָרנישט! גאָרנישט! די קנישיקלעך זענען געדרייט און געפלאָכטן און אָנגעפיקעוועט מיט ראָזשינקעס און זעען אויס ווי די פייגעלעך, וואָס זענען געפלויגן איבערן באַרג סיני ביי מתן־תורה. דערנאָך קומען אַלערליי שטרודלען, בייגעלעך און פּוטער־קוכנס, בלינצעס און גאַליציאַנער קרעפּלעך, געטונקען אין סמעטענע פון אַ שוואַרצער ערדענער מאַקערטע, וואָס שמעקט מיט טוכלען קעלער — דאָס אַלץ אויף „פאַרבייסן" און דערכאַפּן דאָס האַרץ, ביז צו דער סעודה.

די צווייגלעך פון מיכאַילאָס גאָרטן גרינען איבער צעהיצטע שטריימלעך, וואָס פאָכען מיט האָפּערדיקע שפּיצן — ווער דאַרף דאָ די גוייִשע צווייגלעך! היינט, שבועות, אין ישראל, ניצן מיר נישט מער קיין פרעמדע שיינקייט, פאַר אַן אויפפּוץ צו דער אַלטער תורה. דאָס לאַנד שמעקט מיט אייגענע גערטנער, מיט אייגענע שייערס, מיט וויין און האָניק פון אייגענער האָרעוואַניע — און די תורה אַליין, אַמאָל, אין האַרטן גלות, סאַמע כמורנע לאָו׳ן, ווערט היינט אין ישראל צי אַלע ווילן דאָס, יאָ צי ביין, לעבנס־פריינדלעכער, ווייכער, צוגעלאָזטער.

*

אמת, די תורה האָט אונדז געלערנט, זיך אַליין שווער מאַכן דאָס לעבן. וואָס האָט אונדז געפעלט, אונדז פון דער חברה „מענטשהייט", ווען

מיר זענען אין אור־פּאַרצייטנס געקראָכן אַלע אין איינעם אויף אַלע פיר און געכראָמקעט קאָרע פון די אור־וועלדער. ס׳איז געווען אַלט איינגע־שטעלטער רעזשים פון היימישלעכן ברודער־מאָרד און בלוט־שאַנד — וועמען־זשע אַרט עס?

האָט ביי אונדז דער באַרג סיני מיט איין מאָל צוגענומען די אור־פּריווילעגיע צו לעבן ווי בהמות: וואָס מ׳טאָר נישט, טאָר מען דאָך נישט, אָבער וואָס מען מעג שוין אָפילו יאָ, ווי דיר קאָן זיך אויסדאַכטן, טאָר מען עפּעס אויך נישט: „לא... לא... לא...״

אַוודאי איז לייכט צו זאָגן: גנבע נישט, הרגע נישט... כאַפּ נישט יענעמס — ווי זשע מאַכט מען דאָס? אָבער די תורה געוויינלעך איז קיין מאָל נישט זשעדנע קיין עצות: אַ דאגה אַ מיצווה? דו נעם און טו זיך נאָר אַ רוק אַ ביסל, קאָרטשע זיך איין אַ קאַפּעלע, וועט שוין ווערן פּלאַץ אין לעבן פאַר נאָך איינעם אַ מענטש, און דו אויך אַזוי — און אַזוי מיר אַלע אין איינעם. דאָס איז דער עול פון דער תורה און איר לויכטנ־דיקער קרוין: ואהבת לרעך כמוך — שווער צו זיין אַ ייד, שווער צו זיין אַ קולטור־מענטש... וואָס זשע, צוגעזאָגט עמעצן לייכטע גליקן אויפן באַרג סיני?

מיר זענען דאָך געווען אַלע ביי מתן־תורה און מיר געדענקען ביזן היינטיקן טאָג דעם מעמד הר סיני: אַ בערגל אַ ברען, מיט קולות וברקים און כמאַרעס רויך, אַ בערגל מיט מאַנערישן גייסט, מיט צאַפּלדיקן אומרו — ס׳איז דיר נישט קיין לאַנדשאַפט אויף אָפּרוען און פאַרגעסן זיך שפּילעוודיק אין דער שטומער נאַטור. לאַכט זיך אויס דאָס אויסטערלישע בערגל פון די האַמעטנע גוייִשע בערג, וואָס ווייסן נישט מער ווי „הויערן״ שווער אויף אַן אָרט, אַ גבורהדיקע מאַסע ערד, וואָס שפּילט „הינטערגרונט״ און פּטור — אונדזער באַרג סיני איז אַ באַרג, וואָס רעדט ווערטער. ער איז אַזוי צו זאָגן פּערזענלעך אַרויסגעטראָטן ביי יענעם מעמד און מיר האָבן אים אַלע גוט צו געדענקען.

*

איך זאָל זאָגן, מיר זענען זשעדנע ימים־טובים אין ישראל? האָבן מיר קודם געפּראַוועט די שווערע פּאַטעטישע ימים־נוראים מיט פולע שולן טלי־תים, קיטלען, תפילות, פּחדים און ווייסע ליכט, וואָס שמעקן אַלע מיט יום הדין — אָבער באַלד נאָך דעם געהויבענעם יום־כיפור, וואָס מאַכט נישט קיין חכמות, קומען לייכטע פאָלקסטימלעכע יום־טובדיקע טעג, וואָס מאָנען ביי דיר גאָרנישט און מיינען אַלץ נאָר דיין טובה: „ושמחת בחגיך...". נישטאָ וואָס צו זאָגן: אַ פיינע תורה.

האָבן פּאַרצייטיקע לומדים געוואָלט וויסן, צי מיינט שמחת תורה, אַז מיר פרייען זיך מיט דער תורה, צי אפשר גאָר, אַז זי פרייט זיך מיט אונדז.

דאַכט זיך, די תורה האָט אַוודאי נישט חרטה צו האָבן אויף דעם שידוך מיטן יידישן פאָלק: ווער נאָך איז עד היום אַזוי פאַרליבט אין איר ווי מיר יידן — און ווער נאָך קאָן אַזוי חריפותדיק עובר זיין אויף אירע געשמאַקסטע לאָוו'ן און פילן דערביי דעם אמתן טעם ווי מיר יידן... איז, מסתמא טאַקע די שמחה אַ טאָפּלטע, פון ביידע זייטן גלייך.

טאַנצן פאַרליבטע יידן מיט דער תורה, גייען מיט איר הקפות און דריקן זי פעסט צום האַרצן — און ווייבער, נעבעך, שטופּן זיך שעמעוודיק אין די מאַנצביילישע קלויזן, אַ קוש טאָן די תורה מיט ציטערדיקע ליפּן. חברה קליינוואַרג, מיט פאַרדרייטע קאַשקעטלעך און פאַרשמירטע נעזלעך, מיט בונטע פענדלעך און רויטע עפּל אין דער הייך און ליכטלעך אויבן אין די עפּל, ווירבלען אַרום באַלעמער און גייען אַרויס פון די כלים: צעהוליעטער עולם־הזה פון מיצוות.

לייענט מען די לעצטע סדרה „וזאת הברכה", איידער מען הייבט אָן פון דאָס ניי דעם ספר בראשית. מען טיילט שמחת תורה קליינע פענעצלעך תורה, צו עטלעכע פּסוקים בלויז: זאָל עולה זיין נאָך אַ ייד און נאָך איינער און אַזוי די גאַנצע קלויז.

*

דאָס איז דער גרויסער גייסטיקער פאָלקס־יום־טוב. אמת, שבועות איז זמן מתן־תורתנו. אָבער שבועות איז אין תוך אַ דעמאָקראַטישער יום־טוב פון

די תלמידי חכמים. פלעג איך טאַקע אַמאָל, אין קינדערישע יאָרן, רחמנות האָבן אויף די האַרציקע עמי־הארצים. נעבעך: דרייען זיך אַרום אין סאַמע מיטן קדושה פון דער תורה און האָבן מורא, הנאה צו האָבן, עס איז עפּעס נישט זייערס.

יאָ, שמחת־תורה איז דער פאָלקסטימלעכער יום־טוב פון תלמידי חכמים און פּראָסטע יידן אין איינעם: יידן, וואָס לערנען אַליין, און אַזעלכע, וואָס האָבן ליב, אַז אַנדערע לערנען. זיצן יידן און לערנען לאַנגע ווינטערדיקע נעכט און בלויע פּראָסטיקע טעג, יידן מיט האַרבע מהרשא׳ס און פּריצישע מעק־לערייען, יונגע לייט מיט פרישע נדבנס און יינגלעך, שאַרפע גענאַרניקעס, זיצן אויף סקריפּעדיקע בענק, ביי צעהוידעטע שטענדערס, פאַרטאָפּיעטע מיט חלב, זיצן פאַרזונקענע, צעזונגענע, צעוויגטע פון נאָגנדיקן ניגון: פולע קלויז מיט גמרא־ניגון — אָבער אַרום די לומדים דרייען זיך מיט שטילע טריט עניוותדיקע תהילים־יידן, באַגליקטע פון דרך־ארץ און הנאה, וואָס עס איז זיי באַשערט, אַריינצוזוקן אין בייכיקן אייזערנעם אויוון נאָך עטלעכע שייטלעך בוקעווע האָלץ, עס זאָל זיין וואַרעם די תלמידי חכמים.

אַזוי פיל ליבשאַפט האָט אַמאָל די תורה צעשטראַלט אַרום זיך — וואָס זשע איז דער חידוש, וואָס שמחת־תורה איז געבליבן אַזאַ האַרציקער פאָלקס־יום־טוב! שמעקט דער יום־טוב מיט מילדן ערב־האַרבסט, וואָס לויכט אַריין מיט מאַטן גלאַנץ אין קלויז. דאָס איז אַ יום־טוב אָן נסים, אָן רשעים, אָן פּחד פאַרן יום־הדין און די מרה־שחורה פון די חשוונדיקע כמאַרעס איז נאָך וויט. שמעקט דער יום־טוב שמחת־תורה מיט דער געלייטערטער לעבנס־חכמה פון קוהלת, וואָס איז עפּעס נישט קיין תורה און נישט קיין תפילה, נאָר אַזאַ מין יראת־שמימדיקע בעלעטריסטיק און אויב איר ווילט: ליטעראַטוירע.

*

זיצן טאַטעס אין קלויז מיט אַראָפּגעלאָזטע עטרות אויף די אַקסלען, דעכען אָפּ און „זאָגן" קוהלת אויף הנאה צו האָבן. מען דערקוויקט דאָס האַרץ מיט דער גייסטיקער שיינקייט, אַזוי ווי מען איז זיך משמח מיט די פולע בוטליעס ווייַן און פעסלעך יאַנאָווער מעד און מיט די גרויסע גילדענע האָ־

ניק־לעקיכער, געפּילטע פלאָדנס און געוויקלטע טאָפּל־קוגלען, וואָס די גבאים, פאַר זייער „אָוועקגיין" שטעלן שמחת־תורה אויף קידוש פאַר דער גאַנצער קלויז, איידער מען קלייבט אויס נייע — די אַלטע; ווייכע, היימישלעכע קלויז־קאָרופּציע.

און ביי איין וועג איז שמחת־תורה שוין געווען אויך דער יום־טוב פון חסידישע זולל־וסובאניקעס: די קאָטשקעס זענען געבראָטן און מערביק, און ביר שוימט פון צאַפּן, די שטריימלעך זענען וווילייניגיש פאַרדרייט און די אַטלאַסענע בעקעשקעס צעקנעפּלט, די לומדישע שטערנס זענען הויך צע־גלאַנצט און אַלץ אַרום איז בגילופין, צעזאָגט און צעזונגען מיט פריילעכע ניגונים, וואָס פלאָנטערן זיך אונטער די שטיוועלעך פון צעטאַנצטע חסידים.

*

אַזוי האָט מען אַמאָליקע יאָרן געפּראַוועט שמחת־תורה — און היינט איז דער פאָלקסטימלעכער יום־טוב־שטייגער אַריבער קיין ישראל. עס האָבן אים מיטגענומען מיט זיך די יידן, וואָס האָבן זוכה געווען זיך צו ראַטעווען פון אומקום און צו קומען אַהער. האָט אויך דער שטייגער דאָ באַקומען זיין תיקון: אין בית המדרש און אין קיבוץ, אין רבישע הויפן און אונטערן פרייען הימל ביים ים אין תל־אביב, אין גאַס, אין די בערג, אין די גערטנער, אויף די פעלדער — מיט חסידים און חלוצים, מיט חיילים און באַלעבאַטישע יידן, מיט קינד און קייט אין איין צעטאַנצטער, ברויזנדיקער יום־טוב־פרייד.

איך גיי אין גאַס שמחת־תורה. קלינגט אַ ניגון, וואָס חברה יוגנט האָט אים אַרויסגעכאַפּט ערגעץ פון אַ חסידישער קלויז, האָט אים פאַרצויגן מיט אייגענעם יום־טוב, צעבויגן און צעטאַנצט איבער גאַנץ ישראל. דאָס איז אַזאַ סאָרט הימען פאַר שמחת־תורה, הוראַ מיט חסידישער דבקות: „ושמחת בחגיך...".

שטייט אַ ייד אויפן הערבערט סעמועל־פּלאַץ ביים ברעג ים אין תל־אביב, דאָס סויבלנע שטריימל צעפּלאָטערט, און מיט דעם שווערן טערקישן טלית, דורכגעדאַוונט ביזן גרונט, שפּילט זיך אַ ווינטל פון ים. נעמט דער ייד און צעטאַנצט זיך גלייך אין יום־טוב אַריין, אָט דאָ ביים ים, אונטערן

בלויען הימל, קודם „אַזוי“, דערנאָך „שאַרפּער“. טאַנצט שוין אַ ראָד און דערנאָך רעדער, נאָך רעדער, גרויסע, פלאַמיקע רעדער, זיידעס און סאַבּרעס, אַטלאַסענע קאַפּאָטעס און גרינע כאַקי־הייזלעך, בלאָנדע טשופּרינעס און שוואַרצע בערד, וואָס האָבן הנאה פון די „געהויבענע „שקצים“, און עס קייטלען זיך יום־טובדיקע דורות מיט אַ בליציקער קייט פון פרייד: „ר־ש־מ־ח־ת... ב־ח־ג־י־ך...“.

ו

עיקר שכחתי

עיקר שכחתי

אפשר איז דער עסיי אַ לויזער סיסטעם פון עיקר־שכחתיס. אין יענע שורות ביים סוף פלעגן אונדזערע לומדישע טאַטעס ערשט נישט־דערזאָגגן באריכות, וואָס זיי האָבן באַוויזן אויסצולאָזן אין בריוול גופא, אָדער אין די ספרימלעך, וואָס זיי האָבן מחבר געווען. די עיקר־שכחתיס קלייבן זיך אָן אויך אין אונדזערע יאָרן, וואָס האָבן אַזוי קיין צייט נישט — כאָטש די מאָדערנע ביאָלאָגיע האָט לעצטנס לייטזעליק געהעכערט דעם סטאַנ־דאַרד פון „ימי שנותינו" און מיר אַלע זענען היינט „אויף דער לער" פון אַריכת־ימים: געזעלן ביי אַ מייסטער מיט קאַפּריזן. איינער אַ חבר מיינער, אַ שטיקל יוצא דופן, ווי יעדער בעל־שכל, האָט אַ מאָל געזאָגט: „איך מיש זיך נישט אין מיינע פערזענלעכע ענינים" — און וואָס קאָן זיין נאָך פער־זענלעכער ווי געבוירן ווערן! איז אָבער די מעשה: ווו? איך מיין, אַז אויף געבוירן ווערן דאַרף מען נישט קיין בעסער לאַנד ווי גאַליציע: ווער גע־בוירן און גיי! נעם מיט אין וועג אַריין אַלץ, וואָס ס'לאָזט זיך: חריפות, תמימות און אַלץ, וואָס אין מיטן. אַגב, אויף מער ווי געבוירן ווערן איז, דאַכט זיך, גאָר קיין פּלאַץ נישטאָ אין יענע מקומות — אַז די דחקות אַליין פאַרנעמט אַזאַ רחבות. היינט־זשע דער חן!

אָט איז דאָס שפּעלטל וועלט, וואָס בלישטשעט אַריין פון ערגעץ, מיט רעגן־בויגן פון גרוי. ער גלעט די שטיבער און די קלויזן, דעם מאַרק, דעם שטאָטזייגער און די דאַגות פּרנסה מיט אַ שפּילעוודיקער מישונג פון אומעט און חכמה, הכנעה און גאַווה, וואָס גייען ביידע אין איינעם. בין איך

נישט זיכער, צי איז דאָס נישט די פרומע פאַרשייטקייט פון אונדזערע מחזקות מיט גאָט, וואָס ניואַנסירט אויף איר שטייגער דעם גאַליציאַנער נוסח שרייבן. אַ מאָל ווייזט אַרויס דער דאָזיקער נוסח אַ יצר־הרע צום גראָטעסק און צום ביזאַר, וואָס זייער שפּיציקייט וויל פאַרריכטן די אָנ־געבלאָזענע גלייכקייט. אַ ביסל איז דער נוסח אַנגעשטעקט מיט ר׳ מאירל פּרעמישליאַנערס הייליקע חנדלעך: גאָטס אַ פאַרשטעלטער פּראָסטאַק. ס׳איז דער באַרדיטשעווער — אָבער מער ביישן. ער גייט אַ מאָל אָנגעטאָן אין אַ קאָזשוך און רעדט גוייש מיטן כביכול. ווער ווייס, צי איראָניזירט ער נישט זיין אייגענעם פּאַטאָס און דעם בעלקאַנטאָ פון די אַריעס כלפּי שמיא: בעלדאַוונאַ.

קאָן זיין, דאָס געהער צו דער אורשפּרינגלעכקייט פון נוסח גאַליציע. „אורשפּרונג איז ציל" — זאָגט קאַרל קראַוס, כמעט אַ גאַליציאַנער, אַ נישט דערגאַנגענער. שמייכלט די מאַמע מיט פאַרטאָגיקע תהילים־מזמורים „צום רבוש"ע, נעבעך" — און אליהו הנביא טונקלט אין בלוי געקאַלעכטן אַלקער, וואָס שיילט זיך פון זיידנס זוהר. אונטער אַ באַליק האַלט דער מקובל אַ לייוונטן זעקעלע פון צפת און דעם לעדערנעם טייסטער באַנקנאָטן, באַ־מאַליעוועטע מיט פראַנץ יאָזעפס ראָזעווע מלאכים, וואָס שפּילן אויף דינע, זילבערנע פלייטלעך. וואָס זשע טוען דאָ געטהע און דער רנ"ק — וואָסביידן טראָגן מיר אָקעגן גוזמות חריפות פון יוגנטלעכן אומפאַרשטיין מיט אַ „כאַפּ". דאָס אַלץ אין איינעם איז די לאַנדשאַפט, די מיסטישע און די אַנדערע, ווו אַ מענטש, אַז ער האָט מזל, ווערט ער אַ גאַליציאַנער — לייכט איז דאָס נישט.

ס׳איז דער 19טער יאָרהונדערט, דעם מענטשס יאָרהונדערט, הייסט עס. די טויערן זענען אָפן און די מענטשהייט איז אין באַוועגונג: וווהין גייט מען? געדאַכט האָט זיך, דער יאָרהונדערט וועט זיך אַזוי ציִען, אַ גרויסער יאָרהונדערט: אידעען און געשטאַלטן, פענער אין ווינט, לידער, חלומות און מתיקותדיקע פּיין פון ספקות אין די אָרעמס פון גלויבן. אָבער דער

20סטער יאָרהונדערט רייסט זיך שוין פון דער קייט. ער כאָרכלט, געָ־פענטעט, ווי אַ ווייטער דונער, וואָס רוקט זיך און ברעכט אָפּ שטיקער הימל. טריומפאַלע פּחדים וואַרפט אָן אויף דעם מענטש דער ברוגזדיקער יאָר־הונדערט. ער האָט זיך אָנגעשטאָפּט מיט מאָנסטער־מאַשינען, אָבער פאַר דעם מענטש, וואָס האָט זיי געמאַכט, האָט דער יאָרהונדערט קיין אָרט נישט. דער מענטש איז ביליקער פון דער מאַשין, וואָס ער האָט פאַרטראַכט, כדי זי זאָל אים דערהרגענען. דאָס איז די לאָגיק פון גענִיאַלן קאַפּויער — און דער חלל, מיט וועלכן דער דור איז פול, איז דאָס לעצטע וואָרט פון דער וועלטס באַרעדעוודיקער פאַרשטומונג.

ווו זשע איז נעלם געוואָרן דער דיכטער מיט זיינע הימנען פון שרעק און טרייסט? ערשט נישט לאַנג, דאַכט זיך, זענען מיר געווען זיכער, אַז דאָס וואָרט, וואָס איז געווען „אין אָנהייב‟, איז די גאַנצע וועלט — אַז די מאַגיק פון דיכטערישן וואָרט וועט איבעראַנדערשן דעם באַשאַף, וואָס איז אַליין אומזיכער געוואָרן מיט זיין חומשדיקן „כי טוב‟. „דער שרייבער — זאָגט פראַנסואַ מאָריאַק — איז דער סאַמע ענלעכסטער צו גאָט: „גאָטס מאַלפּע‟. מאָריאַק רעדט וועגן דעם ראָמאַן־שרייבער און מיינט די גאַנצע משפחה. היינט פילן מיר: די וועלט איז נישט דעם שרייבערס, כאָטש די געזעלשאַפט האַלט נאָך אַלץ דעם פּאָעט, ווי אַ באַשיינער, חנפעט אונטער זיין געהויבענער איבעריקייט, ווי דער יישובניק נעמט אָן איידעמל אויף קעסט, כאָטש קיין מיידל חתונה צו מאַכן, האָט ער נישט: זאָל זיך דרייען אַ בן־תורה אין דער פאַרזויערטער קרעטשמע, וואָס זעצט מיט גוי.

איז דאָס, פאַרשטייט זיך, דרך־אַגב — נישט אָן באַציונג צו אונדזער אַלעמענס שרייבערישע באַמיונגען, וואָס יעדער פאַר זיך וויל נישט ווינ־ציקער, ווי כאָטש פראַפּיליִרן דעם צייט־צער, אין ליד, דערציילונג, עסיי, אַפילו דער צער סטראַיעט זיך צו מאָל ווולעריש, ווייל ער רעדט זיך איין, אַז אַזוי איז נענטער: געשריבענע שוישפּילקונסט.

און מסתמא איז אויך נישט ווייט פון אמת, אַז דער עסיי איז דער אויטענטישער דיאַלאָג מיט דעם כאָאָס: ער מיט זיך. דאָס איז דער חשבון

מיט דעם היינטס אייביקייט. דער עסיי, זאָגט מען, איז נישט צוגעבונדן צו קיין פעסטער פאָרעם־טראַדיציע און איז נישט אין גאַנצן זיכער מיט זיין אָרט אין דער ליטעראַטור. דאָס גיט אים צו חן. דער עסיי איז באַוועגלעך, אָפן, שטרענג און צוגעלאָזט — און קאַפּריזנע צוגווינטן שפּילן דאָ אַריין פון אַלע זייטן, פון אַלע צייטן. אין שרייבן — וואָרזשרט זיך אַ חסידיש ווערטל — איז קיין כלל נישטאָ און דאָס אַליין איז אויך קיין כלל נישט. יעדער שרייבער, אין אַלע פאָרמען, אויך אין דער ספּערישער באַגריפן־וועלט פון עסיי, האָט צרות פון דעם טאַלאַנט, וואָס האָט אים געטראָפן ווי אַ בליץ, אָפּגעגאָסן מיט ווייסן ליכט זיין איינזאַמקייט — קומט אַרויס אַ פּחדים־שפּיל פון שימערירנדיקע וואָרט־ציטערנישן, וואָס אומרוען זיגזאַגיש אין בילדער, געדאַנקען, שטימונגען, תפילות, אַליינ־איראָניע און דיסקרעטן ייאוש, פונקען תכלית און גרודעס חושך: אַלץ אָפּגעבראָכן פון באַשאַף, וואָס איז נישט פאַרטיק מיט זיך. אויף ווען וואַרט מען? אויף וועמען?

אַלע ווערטער, וואָס מיר שרייבן, זענען ראַפינירטע מאַסקעס פון דעם אייגענעם שעמעוודיקן פּנים. אַ מאָל באַהאַלט זיך דאָס פּנים עקסהיביציאָניסטיש. פון דעסטוועגן, ווען מען וואָלט מיך געלאָזט, וואָלט איך געפּרוווט אַ נאָש טאָן אַ טרער הנאה פון שרייבן — כאָטש עס כאַפּט אָן אַ שרעק, אַז מען בלייבט דערנאָך, אויג אויף אויג, מיט דעם געשריבענעם: דאָס איז עס? און ווידער, ווען איך האָב די דעה, וואָלט איך אַוועקגעשטעלט דעם שרייבער, ווי עס פּאַסט פאַר אַ שליח־ציבור, מיטן פּנים צום עמוד, זאָל ער דאָרט אויסזינגען אונטערן טלית זיין השתפּכות, קלוג און טרויעריק, נישט גאַרגלען זיך טענאָריש מיט זיין ווידוי, וואָס דאַרף געפעלן ווערן דער עזרת־נשים.

אַלץ גייט דאָס ווען אַ כזית אייגנס אין שרייבערישן נוסח, וואָס דער שאַבלאָן איז זיין חטא קדמון: ממזר פון אויסדרוק, וואָס איז קיינעמס נישט, ווי מעג מען גאָר פאַרשטאָפּן די וועלט, וואָס איז אַזוי אויך ענג, מיט אַנטליענע טראַנטעס שפּראַך, וואָס פאַרדושען אין אַלערליי קאָלירן דעם

אָטעם פון געפיל און געדאַנק! ווי מעג מען פאַרשעמען די אידעע פון שאַפן מיט טריוויאַלן, וואָס חזרן איבער דאָס איבערגעחזרטע, זאָגן זיך מעכאַניש, אָן אַ זאָגער! „פון דעם געזאָגטן אַליין — פאַרצייכנט געטהע — בלייבט גאָר ווינציק, אַז עס פעלן טאָן און בליק און האַרציטער פון דעם זאָגער, וואָס גראַווירן זיך אַריין אין וואָרט מיט דעם חותם פון דער פּער־זענלעכקייט". דער שאַבלאָן איז די אָפּגענוצטע פרעמדע מטבע אָן גייס־טיקער גאָלדדעקונג פון דער איבערלעבונג. די מטבע גלאַנצט מיט נייער אָפּגעריבנקייט פון עכטן פאַלסיפיקאַט און דער טראַפאַרעט איז: שקר, אמתדיקערהייט.

די אַנדערשקייט פון דער שרייבערישער אינדיווידואַליטעט האָט באַ־גליקט די ליטעראַטור מיט שפּראַכוווּנדער. דער פּרינציפּ איז גילטיק אויך פאַר די שרייבווערטן פון עסיי און קריטיק — און איך זע נישט, פאַר וואָס מען זאָל נישט טאָרן הנאה האָבן פון שיינקייט אויך אין קריטיק. וואָס איז די גדולה מיט די „אָביעקטיווע קריטעריעס"? אָפּט באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז מ'איז נאָך נישט אַדורכגעקומען אין דער סוגיא, צי „דאַרף" מען בכלל די קריטיק, צי איז דער קריטיקער אַ שרייבער מיט אייגנווערט, אָדער בלויז אַ „מענטש" ביי דער ליטעראַטור: אַ „וועקער", אַ „לערער", אַ „וועגווייזער" אָדער איינער מיטן „לאַמטערן ביי נאַכט" — ראָמאַנטישע אַטריבוטן. זיי זענען אַלע גוט באַקאַנט און זיי ווילן רק אַרויסברענגען, אַז דער קריטיקער, אַ „נוצלעכער מיטגליד", איז אייגנטלעך צו חשוב, כדי צו קאָנען אַליין שרייבן, טאַקע ער פּערזענלעך: ווער מאָנט ביי זיין געדאַנק עסטעטישע פאָרעם? ס'נישט פאַר „זיי". דעם קריטיקער האָט מען מתיר געווען האַמעטנע שרייבערישע לאַ־יוצלחדיקייט. ס'איז מער אַקאַדעמיש. מען איז טאַקע מער באַגלייבט, אַז מען מאַכט זיך נישט נאַריש מיט די טאַלאַנטן דאָרט: אַ יינגל איז מען? נאָך אַ ביסל סאָלידע נודאָטע — איז דאָס שוין כמעט „וויסנשאַפט".

איך געדענק פאַלעמישע טענות קעגן איינעם אַ קריטיקער־עסייִסט מצד אַ געוויסן שרייבער, וואָס איז אַלערגיש צו יעדער מאַניפעסטאַציע

פון סטיליסטישן חן אין דער ליטעראַטור. יעדער יחוד שמעקט מיט וויל־יִנגערישקייט: „איך אַליין — גרייסט זיך דערבעל־טענה — האָב, ברוך השם, קיין הומאָר נישט״: און מיט וויפל עמקות ער האָט נישט! ער האָכשטאַפּלט מיט דעם דלות, וואָס ער פאַרמאָגט בשפע.

ווייסן מיר אַלע, אַז חן איז נישט קיין חנדל, וואָס מען „מאַכט״ — און אַן גייסטיקער שיינקייט, וואָס שטראַלט אַרויס פון וואָרטס געוואָגל צווישן ווײ און וווּנדער פון דער וועלט, וואָלט דער מענטש נאָך טיפער פאַראומערט געוואָרן.

אַוודאי, אָפט פייניקט דאָס געפיל, אַז דאָס וואָרט, וואָס האָט דער־גרייכט אין זיין אַנטוויקלונג קינסטלערישע שלמות, האָט אָנגעווירן עלע־מענטאַרן כוח פון ווירקונג: פאַר אַזאַ ווירקונג פעלט די טיפע סיבה, די היוּלי. עס איז פּאַסקאַלס „עלנט אָן אַ גאָט״. היעראָגליפן זענען דאָס, וואָס אַלע שרייבן: די לידער, וואָס ציטערן מיט ספערן־מוזיק, די דערציילערישע בילדער, וואָס דערגאַנצן דעם אינווענטאַר פון באַשאַף, די אַלע זאַץ־בנינים, וואָס מיר בויען, כדי ס'זאָל זיין ווו די שרעק איבערצוקומען, אַז אין דרויסן בושעוועט דער שטורעם.

ביכער פון משה גראָס־צימערמאַן:

יידן צווישן יידן

בילדער און געשטאַלטן

פאַרלאַג „קיום"

בוענאָס־איירעס, 1956

•

אינטימער ווידעראַנאַנד

עסייען

פאַרלאַג י. ל. פּרץ

תל־אביב, 1964

פאַרלאַג „ישראל־בוך"

אריה שמרי / וואָרצלען
אַנטאָלאָגיע פון יידיש־שאַפן אין ישראל

ישעיהו שפיגל / פלאַמען פון דער ערד
ראָמאַן

רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן
לידער

מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד מרדכי
יידיש — ד. שטאָקפיש

רפאל מאַהלער / היסטאָריקער און וועגווייזער
עסייען

רבקה באַסמאַן / בלעטער פון ווען
לידער

ריקודה פאָטאַש / אין געסלעך פון ירושלים
דערציילונגען

יעקב צבי שאַרגעל / זוניקע שוועלן
לידער

משה שולשטיין / איבער די דעכער פון פאַריז
דערציילונגען

אריה שמרי / דאָס יינגל פון דיזשאָן
פאָעמע

רפאל מאַהלער / ספר סאַנץ
היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, זכרונות און גביות־עדות

משה גראָסמאַן / שטויב און אייביקייט
דערציילונגען און מיניאַטורן

אריה שמרי / געזאַנגען אין שייער

לידער און פּאָעמעס

מנוחה ראַם / אַרום דער ווערבע

דערציילונגען

משה זאַלצמאַן / ...און מען האָט מיך רעהאַביליטירט

איבערלעבונגען פון אַ יידישן קאָמוניסט אין ראַטנפאַרבאַנד

אברהם שלאָנסקי / לידער

אָפּקלייב פון א. שלאָנסקיס פּאָעטישער שאַפונג

יידיש — משה יונגמאַן

משה גראָס־צימערמאַן / דאָס וואָרט וואָס מיר שרייבן

עסייען און פּראָפילן